בס"ד

# יארצייטן פון צדיקים

## שבת פרשת ראה תשפ"ו

### פון י"ט אב - ביז כ"ה אב

לעילו נשמת אבי מורי הרה"ח רבי משה אפרים
ב"ר ארי' ע"ה - כ"ד טבת תשע"א
ולעילו נשמת אמי מורתי שפרה יענטא בת הרה"ח
ר' משה יהודה ע"ה - ו' אדר תשפ"ה

**צו באקומען די יארצייטן יעדן טאג,**
**ביטע שיקט א מעסעדזש מיט אייער אימעיל צו דעם נומער 9119-907 (646)**

## זונטאג - י"ט אב

הרה"ק רבי אהרן מנחם מענדל ב"ר אלכסנדר סענדר ליפא זי"ע, (אייכנשטיין), **אב"ד אלעסק**.

הרה"ק רבי שמעון שלום ב"ר מנחם זי"ע, (קאליש), **בעל משמיע שלום, מאמשינוב-אטוואצק**.

"הנקרא **ר' שמעו'לע מאמשינוב**"

## מאנטאג - כ' אב

הגה"ק רבי פינחס ב"ר שלום זי"ע, (אדלער), **בעל פני חסד, אב"ד ראדוואנקא**.

## דינסטאג - כ"א אב

הרה"ק רבי אלכסנדר סענדר ב"ר יצחק אייזיק זי"ע, (אייכנשטיין), **בעל זכרון דברים, מקאמארנא**.

הגה"ק רבי חיים ב"ר יוסף דוב הלוי זי"ע, (סאלאוויטשיק), **בעל חידושי הגר"ח, אב"ד בריסק**.

הרה"ק רבי אהרן ב"ר ישכר דוב זי"ע, (רוקח), **בעל מהר"א, אדמו"ר מבעלזא**.

"הנקרא **ר' אהר'לע בעלזער**"

## מיטוואך - כ"ב אב

הרה"ק רבי מאיר ב"ר יעקב זי"ע, הנקרא **ר' מאיר הגדול**, **ראש שושלת פרמישלאן/נדבורנא**.

## דאנערשטאג - כ"ג אב

הרה"ק רבי צבי הירש ב"ר יעקב יצחק זי"ע, (הורוויץ), **מלובלין**.

הגה"ק רבי יעקב ישראל ב"ר חיים פרץ זי"ע, (קנייבסקי), **בעל קהלות יעקב, דער סטייפלער גאון**.

## פרייטאג - כ"ד אב

הגה"ק רבי אפרים זלמן ב"ר מנחם מאניש זי"ע, (מרגליות), **בעל מטה אפרים, מבראד**.

"**מגדולי הפוסקים האחרונים**"

## שבת קודש - כ"ה אב

הגה"ק רבי יעקב משולם ב"ר מרדכי זאב זי"ע, (אורנשטיין), **בעל ישועות יעקב, אב"ד לעמבערג**.

לזכות להצלחה

חיים אליעזר בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

שמואל בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

צבי בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

מאיר ברוך בן שרה בריינדל ליבא וכל משפחתו.

לעילו נשמת אבי מורי הרה"ח ר' משה אפרים ב"ר ארי' ע"ה. - כ"ד טבת תשע"א.

לעילו נשמת אמי מורתי שפרה יענטא בת הרה"ח ר' משה יהודה ע"ה. - ו' אדר תשפ"ה.

**יארצייט י"ט אב**

**הרה"ק רבי אהרן מנחם מענדל ב"ר אלכסנדר סענדר ליפא זי"ע, (אייכנשטיין) אב"ד אלעסק**

ער איז געבוירן אין שטאט זידיטשוב, **בערך בשנת תר"י**.

צו זיין טאטן הרה"ק **רבי אלכסנדר סענדר ליפא מזידיטשוב** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי יצחק אייזיק בעל פירוש מהרי"א מזידיטשוב** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי ישכר בעריש** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי יצחק אייזיק סאפרין מזידיטשוב/קאמרנא** זי"ע,
מגזע הגה"ק **רבי יום טוב ליפמאן הלוי העלער בעל תוספות יו"ט מקראקא** זי"ע.

און צו זיין מאמע **הרבנית הצדקת מרת הינדא** ע"ה,
בת הרה"ח **רבי אלעזר וויזער מווערעצקי** זי"ע.

ער איז געווען א איש צדיק וקדוש מאוד, און א למדן נפלא בתורה ובחסידות, זיין עבודת השם איז צוגעגאנגען מיט א געוואלדיגע התלהבות און א אש דקדושה, זיין עניוות איז געווען עד אין לשער, ער איז געווען א פריש וחסיד נפלא, ער איז געווען באוויסט אלס א גרויסע בעל מופת און א גרויסע פועל ישועות, ער איז געווען מפורסם אלס א גרויסע בעל צדקה, ער האט אויסגעטיילט גאר גרויסע סכומים פאר צדקה.

ווי באקאנט איז דער צדיק געווען אויסגעטון פון דעם עולם הגשמי, ער האט עוסק געווען אין תורה ועבודת השם יעדע מינוט וואס ער האט געהאט, און מען דערציילט **אז ער האט נישט געוויסט צו מבחין זיין אין די צורת המטבע**.

מען דערציילט, אז איינמאל האט מען געפרעגט פונעם רבין פארוואס ער בעט פון די וואס קומען צו אים דווקא איין מטבע, וואס איז ווערט גאר אסאך, ווי איידער א קלענערע מטבע, ווען דער רבי ווייסט דאך סיי ווי נישט די חילוק פון די מטבעת, האט דער צדיק געזאגט מיט א תמימות, **וואס זאל איך טאן, די עניים האבן מער הנאה פון דעם סארט מטבע**.

אויך האט מען דערציילט, אז ווען הרה"ק רבי אלעזר בעל זכרון אלעזר מסאסוב זי"ע, און הרה"ק רבי יהושע אייכנשטיין אב"ד חודורוב זי"ע, זענעןביידע ארויף קיין ארץ ישראל, זענען די צוויי געקומען זיך געזעגענען פון דעם רבין.

דער סאסוב'ער רב האט צו געגרייט א גרויסן פדיון, און דער חודורוב'ער רב האט צו געגרייט א קלענערן פדיון, און ווען דער סאסובער האט אים געפרעגט פארוואס ער געט אזא קליינעם פדיון, האט ער געזאגט, די רבי ווייסט דאך סיי ווי נישט קיין חילוק.

אבער ווען זיי זענען אריין געקומען צום רבין, האט די רבי גאר שיין אויף גענומען דעם סאסוב'ער רב און שיין אנגעווינטשן און שיין געזעגענט, אבערביים חודורוב'ער רב האט ער א פרעגט געטאן, פארוואס אזוי ווייניג.

האט דער חודורוב'ער געזאגט, וואס איז דאס דען א נפקא מינה פארן רבין וויפיל איך געב, האט דער צדיק געזאגט, **פאר מיר איז דאס טאקע נישט קיין נפקא מינה, אבער די אידן וואס האבן פון דעם הנאה, פאר זיי איז שוין יא א נפקא מינה**.

די קינדער ביים רבין אין שטוב האבן געוויסט דעם לב טוב פין דעם רבין, וואס אויב איינער בעט עפעס וועט ער אוועק געבן פון זיך אלעס, און כמה פעמים האט פאסירט, אז פלוצלונג האט מען געזען אז עפעס פעילט אין שטוב, **און שפעטער איז מען געוואויר געווארן אז די רבי האט דאס אוועק געגעבן פאר א נצרך בחפץ לב**.

איינמאל ווען מען האט געהאלטן בעפאר א חתונה פון איינע פון דעם רבין'ס טעכטער, און מען האט געהאט אויפגענייט קליידער פאר די חתונה, און וויבאלד זיי האבן דאך געוויסט פון דעם מדה טובה וואס די טאטע האט, האבן די קינדער פראבירט צו איבער קלוגען דעם טאטן, מען האט אויפגענייט די קליידער, אבער מען האט דאס צעטיילט, יעדע קלייד האט מען האלב דערפון געלייגט אויף איין פלאץ, און דאס אנדערע האלב

אויף א צווייטן פלאץ, כדי די טאטע זאל דאס נישט קענען אוועק געבן.

איין טאג איז צום רבין אריין געקומען א פרוי, און זייער געוויינט און זיך אויס גערעדט דאס הארץ, אז זי מאכט חתונה א טאכטער און לרש אין כל, זי האט נישט קיין געלט צו קויפן קיין קליידער פארן טאכטער.

די רבי וויסענדיג אז ער האלט דאך אויך ביים חתונה מאכן א קינד, האט זיך פאר געשטעלט, אז ביי אים אין שטוב איז זיכער דא קליידער, ער איז גלייך אריין געגאנגען ביי זיך אין שטוב און אפירגעזיכט, ביז ער האט געטראפן איין זאק פון די קליידער, און דאס מיט שמחה אוועק געגעבן פאר די צובראכענע פרוי, און די פרוי איז ארויס פרייליך.

פארשטייט זיך דעם אנדערן טאג האבן די קינדער שוין געזען וואס דער טאטע האט דא געטון, זענען זיי געלאפן צום טאטן און דערציילט וואס זיי האבן דא געטון, און אז וואר עס האט דעם זאק מיט קליידער האט נאר האלב פון יעדע קלייד.

האט דער צדיק געזאגט פאר די קינדער, איך וועל נישט זאגן פאר וועם איך האב געגעבן די קליידער, נאר אויב עטס וועט מסכים זיין אז איך זאל געבן פאר דעם פרוי וועלכע קלייד זי וויל האבן, די קינדער בלית ברירה האבן מסכים געווען, און דאן האט דער טאטע אריבער גערופען די פרוי און איר געהייסן אויס קלויבן וואס זי ברויך, און דאס אהין געגעבן בחפץ לב, און דאן געזאגט פאר די קינדער **פאר די חתונה איז גענוג צוויי קליידער, אבער די פרוי האט דאך גארנישט**.

ער האט חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת שלאמטשי** ע"ה,
בת הרה"ק **רבי יצחק מייער אב"ד אלעסק** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי חנוך העניך בעל לב שמח אלעסק** זי"ע,
חתן הרה"ק **בעל שר שלום מבעלזא** זי"ע.

כ"ד אדר בשנת תרס"ד איז דער שווער רבי יצחק מאלעסק זי"ע נסתלק געווארן, און דאן האט מען אויף גענומען דעם רבין אלס ממלא מקום אין שטאט אלעסק, און דארט האט ער געפריט די קהלה קדושה פאר 10 יאר מיט א געוואלדיגע איבער געגעבענקייט.

בשנת תרע"ד ווען עס האט אויס געבראכען די ערשטע וועלט מלחמה, איז ער אנטלאפן פון אלעסק און זיך באזעצט אין שטאט **לבוב** אין אוקראינה, און דארט האט ער אויף געשטעלט א חצר אלעסק, אסאך אידן פון דעם געגענט האבן זיך מדבק געווען אין אים.

ער איז געווען באוויסט אלס א גרויסע פועל ישועות און א צדיק מיט הייליגע אויגן, אסאך מעשיות האבן אידן דערציילט ווי מען האט געזען ווי דער צדיק האט געזען זאכן וואס אנדערע האבן נישט געזען, אויך האבן גאר אסאך אידן געזען גרויסע ישועות דורך ברכות פון דעם צדיק.

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער.

הרה"ק **רבי שמעון אייכנשטיין** זי"ע, חתן הרה"ק **רבי יוסף דוד ב"ר שלמה מסאסוב** זי"ע,
הרה"ק **רבי חנוך העניך** זי"ע, חתן הרה"ק **רבי חיים אברהם מזידיטשוב** זי"ע,
הרה"ק **רבי שמואל** זי"ע, חתן הרה"ק **רבי משה מקאלאמייא** זי"ע,
חתנו הרה"ק **רבי בן ציון מאשקאוויטש משאץ** זי"ע,
חתנו הרה"ק **רבי חנוך העניך וואגשאהל** זי"ע
חתנו הרה"ק רבי **אלתר מנחם מענדל מבורשא** זי"ע,
חתנו הרה"ק **רבי משה מקנעהניטש** זי"ע, בו הרה"ק **רבי אברהם מקניהיניטש** זי"ע,
בתו **הצדקת מרת מלכה חי'** ע"ה, אשת הרה"ק **רבי פנחס גדלי' מאלינסקי** זי"ע.

נסתלק לגנזי מרומים **י"ט מנחם אב בשנת תרפ"ג**, ומנוחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט **לבוב**.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**הרה"ח רבי אלי' ליכטער ע"ה האט דערציילט**, אז די מאמע ע"ה איז ליידער געווען גאר שטארק

קראנק, זי האט געהאט עפעס **א געוויקס אויפן האלז**, און אויך האט זי ליידער דאן נאכנישט זוכה געווען **צו קיין קינדער**, איז זי געפארן קיין לבוב צו דורך גיין אן אפעראציע, אבער ליידער האט די אפעראציע נישט געהאלפן, און דער געוויקס איז נאכאמאל צוריק געקומען, און זי האט נישט געוויסט וואס זי זאל טון.

איז זי אריבער צום צדיק וקדוש רבי אהרן מנחם מאלעסק זי"ע וואס איז דאן געווען אין לבוב, אבער די רבי איז דאן געלעגן אין בעט זייער שוואך, און עס איז געווען אפאר וואכן בעפאר די פטירה, און מען האט קיינעם נישט צו געלאזט, אבער די מאמע איז אריין און געמאכט א גוואלד, ביז מען האט איר געלאזט אריינגיין.

די מאמע איז אריין און זיך מזכיר געווען ביים רבין וועגן די געוויקס, און אויך אז זי האט נאכנישט זוכה געווען צו קיין קינדער, האט דער צדיק שוואכערהייט געזאגט בזה"ל, "**פון היינט און ווייטער וועט איר האבן א גאנצע רפואה, און איר וועט האבן קינדער צום לעבן**".

כך הוה דעם קומענדיגן מאל ווען מען איז צוריק צום דאקטאר האט ער געפרעגט, "**ווער האט דיך געזונט געמאכט**", און נישט לאנג דערנאך האט די מאמע געהאט א בן זכר און אויך א מיידל.

• • •

**ביי די ערשטע וועלט מלחמה איז הרה"ח ר' מאטיע מייזלס ז"ל** וואס איז געקומען פון שטאט לעמבערג, געווען א "**טמיר ונעלם**", ווייל ער האט זיך באהאלטן כדי זיך ארויס צו דרייען פון די מיליטער, און ער איז איין געשטאנען אין שטוב פון הרה"ק רבי מנחם מענדל מאלעסק זי"ע אין שטאט לבוב.

ער פלעגט אסאך פארן צום צדיק הרה"ק רבי ישכר דוב מבעלזא זי"ע וואס האט געוואוינט אין ראצפערט, אבער צוליב די מלחמה איז ער נישט געפארן, איין יאר בעפאר דעם יו"ט שבועות האט אים רבי מענדעלע געפרעגט, מאטיע, פארוואס פארסטו נישט אויף שבועות קיין ראצפערט צום הייליגען בעלזא רב, האט אים ר' מאטיע געזאגט, רבי עס איז באמת א סכנה צו גיין אזוי, ווייל ער האט דאך נישט קיין פאספארט, און ער קען נישט גיין באקומען איינס, ווייל דאן וועט מען אים כאפן אז ער דינט נישט אין מיליטער.

אייניגע טעג נענטער צו שבועות האט אים רבי מענדעלע גערופען און זאגט אים, **גיי יעצט און זיי דיך מסדר א פאספארט, און אלעס וועט אריבער גיין בשלום**, מיט זיין אמונת צדיקים איז ער אריבער, און שלא כדרך הטבע האט ער באקומען א פאספארט, און בעפאר ער איז געפארן האט אים רבי מענדעלע געגעבן א בריוו וואס ער זאל איבער געבן פארן הייליגען בעלזא רב זי"ע.

ווען ער איז אנגעקומען קיין ראצפערט צום בעלזא רב, איז דארט געווען א גרויסער עולם וואס האט געווארט אריין צו גיין, און דער ר' מאטיע האט נישט געזען ווי אזוי ער גייט אנקומען אריין צו גיין צום בעלזא רב, האט ער געזאגט פארן גבאי אז ער קומט פון אלעסק, און ער האט א בריוו פון רבי מענדעלע מאלעסק פארן רבין.

גלייך ווי דער בעלזער רב האט געהערט, אז עס איז דא א איד פון אלעסק, און האט א בריוו פונעם צדיק מאלעסק, האט ער זיך אנגערופען בזה"ל, "**ווער עס איז יעצט אנגעקומען פון אלעסק און האט א בריוו פון רבי מענדעלע שהוא כולו קודש לד', זאל אריינקומען**".

און דער הייליגער בעלזא רב האט צוגערופען דעם גבאי ר' אהרן יהושע ז"ל, און זאגט אים מיט א געוואלדיגע התלהבות, "**אהרן יהושע, זעהסט א אייגענע כתב יד פון רבי מענדעלע**", און דורך דעם גאנצן יו"ט שבועות האט ער זייער מקרב געווען דעם ר' מאטיע, וויבאלד ער איז דאך א שליח פון רבי מענדעדלע, אויך האט זיך דער הייליגער בעלזא רב איינמאל אויסגעדריקט אויפן רבין בזה"ל, "**כי רואים אצלו עבודה, כמו אצל אחד מתלמידי הבעש"ט הקדוש זי"ע**".

• • •

**אין ספר שפתי צדיקים ווערט געברענגט**, אז דער צדיק רבי מענדלע מאלעסק זי"ע איז געווען באוואוסט מיט זיין **ענווה עצומה**, ער האט זיך שטענדיג געהאלטן פאר גארנישט און זיך באמת געהאלטן אלס דער נידערגיסטע איד, עטליכע מאל ווען חסידים זענען אריינגעקומען צו אים מיט קוויטלער און אים געבעטן ישועות.

האט דער צדיק זיך צעוויינט און געזאגט מיט א תמימות, "**וויאזוי קען איר קומען צו מיר, איך בין דאך גארנישט, איר דארפט מתפלל זיין גלייך צום אייבערשטן, אדער גיין צו די גרויסע צדיקים שבדור**", און גאר אסאך צדיקי הדור האבן דעם צדיק שטארק מחשב געווען און באוואונדערט זיין געוואלדיגע גדלות בתורה און זיין עניוות, ובתוכם איז געווען הרה"ק **רבי אהרן מבעלזא** זי"ע וואס איז געווען זיינס א קרוב), פלעגט כסדר דערמאנען און רעדן **פון זיין גרויסע צדקות און ענווה.**

• • •

**אין ספר זכרון לרוחה ווערט דערציילט**, אז דער צדיק רבי מענדלע מאלעסק זי"ע האט גארנישט געהאלטן פאר זיך, יעדער פרוטה וואס איז אריינגעקומען פון פדיונות אדער מתנות, האט ער באלד פארטיילט פאר עניים ואביונים, אלמנות ויתומים אין שטאט אלעסק און די ארומיגע שטעטלעך.

איינמאל פאר פסח האט א גבאי אריינגעברענגט **א גרויסע סכום געלט כדי צו קויפן צרכי החג פארן רבינ'ס שטוב**, אפאר שעה שפעטער איז אריינגעקומען א שטוב-מענטש און געזען אז דאס גאנצע געלט איז נעלם געווארן, ווען מען האט אים געפרעגט וואו דאס געלט איז, האט ער במתיקות געענטפערט, "**עס זענען דא אידן וואס האבן נישט קיין מצות און קיין פלייש אויף יום טוב, וויאזוי קען איך האבן געלט אין שטוב ווען זיי האבן גארנישט**", ער האט גארנישט איבערגעלאזט פאר זיך ביז די אייגענע שטוב האט געדארפט בארגן אויף די יום-טוב'דיגע הוצאות.

• • •

**אין ספר עטרת אבות ווערט דערציילט**, אז ווען דער צדיק רבי מענדעלע זי"ע פלעגט פראווען זיינע טישן אדער מתפלל זיין פאר חולים וואס זענען זיך געקומען מזכיר זיין פאר א ישועה, פלעגט ער שטענדיג דערמאנען די זכות פון זיינע זיידעס - הרה"ק **רבי אייזיקל מזידיטשוב**, הרה"ק **רבי חנוך העניך בעל לב שמח מאלעסק**, און הרה"ק **השר שלום מבעלזא** זי"ע.

ווערט דערציילט אז איינמאל איז געקומען א איד מיט א גאר שווערע גזירה און מזכיר געווען ביים צדיק א גרויסע צרה וואס האט אים באטראפן, דער צדיק רבי מענדלע האט אויפגעהויבן זיינע הייליגע אויגן צום הוימל און געזאגט, "**רבונו של עולם, איך האב אמת'דיג נישט קיין זכותים דיר צו בעטן, אבער קוק אויף מיינע הייליגע זיידעס וואס האבן מקדש געווען דיין נאמען אין די וועלט! בזכותם תרחם**", און די חסידים האבן דערציילט, אז נאך יענע תפילה איז די ישועה געקומען אויף א פלא'דיגן אופן למעלה מדרך הטבע.

• • •

**אין ספר מנורת זהב ווערט געברענגט**, אז אין שטאט אלעסק פלעגט דער צדיק רבי מענדעלע זי"ע זיין זייער נזהר נישט צו רעדן קיין שלעכטס אויף קיין שום איד, און אפילו א ווארט וואס האט געקענט ווערן אויסגעטייטשט אלס א שלעכט ווארט איז דער צדיק זייער נזהר געווען אין דעם, איינמאל איז אנגעקומען א שטאטישער איד און זיך געגרייט צו דערציילן פארן רבי'ן א גאנצע מעשה איבער א מחלוקת וואס איז פארגעקומען אין זיין שטעטל, און ער האט אנגעהויבן בארעדן א געוויסן בעל הבית.

ווי נאר דער רבי האט דערהערט, אז ער הויבט אן רעדן אויף א צווייטן, האט ער צוגעדעקט זיינע אויערן מיט די הענט, און געזאגט מיט א ציטערדיגן קול, "**אין דעם הויז הערט מען נישט קיין לשון הרע! מיר דארפן בלויז זען די מעלות פון יעדן איד און מתפלל זיין פאר זייער טובה**", דער איד האט זיך גלייך אפגעשטעלט און געבעטן מחילה, און די חסידים האבן פון דעם גענומען א גרויסן מוסר השכל אויף א גאנץ לעבן.

• • •

**אין ספר זכרון לרוחה ווערט דערציילט**, אז אין זיינע שפעטערדיגע יארן האט דער צדיק רבי מענדעלע זי"ע סובל געווען גאר שווערע יסורים און חולאים, אבער פון זיין מויל האט מען קיינמאל נישט געהערט אז ער זאל זיך ח"ו אפרעדן אדער זיך מתרעם זיין אויף זיינע יסורים, די מקורבים און די דאקטוירים וואס זענען געקומען אים באזוכן, האבן זיך געוואונדערט וויאזוי ער קען אנהאלטן אזא רואיגקייט און שמחה בשעת זיין גוף איז געווען צובראכן פון די אלע יסורים.

ווען מען האט אים איינמאל געפרעגט, וויאזוי ער האלט דאס אויס, און ער באווייזט אייביג צו זיין בשמחה, האט דער צדיק געענטפערט בזה"ל, "**א**

**טאטע וואס גיט א מתנה פאר זיין קינד, אפילו ווען עס איז שווער צו טראגן, ווערט דאס קינד מקבל זיין די מתנה מיט ליבשאפט, אלעס וואס דער אייבערשטער טוט איז לטובה, און וויאזוי קען א איד זיך אפרעדן, ווען ער איז דבוק אין דעם מלך מלכי המלכים**".

• • •

**אין ספר שפתי צדיקים ווערט געברענגט**, אז די חסידים האבן דערציילט, אז ווען עס פלעגט אריינקומען צום צדיק רבי מענדעלע זי"ע א פשוט'ער שוהסטער אדער שניידער פון די ארומיגע דארפער, האט רבי מענדלע זי"ע זיי אויפגענומען מיט א ספעציעלע סבר פנים יפות, פונקט ווי ער וואלט אויפגענומען א גרויסן תלמיד חכם.

ער פלעגט זיי געבן שלום מיטביידע הענט, זיי דערלאנגען א כוס טיי אדער א שטיקל מזונות, און אויסהערן זייערע צרות מיט גרויס רחמנות, ווען די מקורבים האבן אים געפרעגט פארוואס ער גיט אפ אזוי פיל צייט פאר אומגעלערנטע מענטשן, האט ער געענטפערט, "**יעדער איד האט א נשמה טהורה וואס איז חוצב מתחת כסא הכבוד, און ווער ווייסט וויפיל ערליכקייט און תמימות עס ליגט אין א פשוט'ן איד וואס ארבעט שווער פאר זיין פרנסה און האלט זיך ערליך**".

• • •

**אין ספר מנורת זהב ווערט דערציילט**, אז די אלטע חסידים אין אלעסק פלעגן דערציילן, אז ביי רבי מענדעלע זי"ע איז דער ערב שבת און דער שבת קודש געווען א בחינה פון אנדערע עולמות, ווי נאר עס איז אנגעקומען די זמן פון הדלקת נרות, איז זיין גאנצע פנים פארענדערט געווארן און עס האט געלאכטן מיט א מלאכי'שן אור.

איינמאל בשעת די שלש סעודות תורה, ווען די שטוב איז געווען איינגעהילט קדושה אין עס איז געווען חושך (כנהוג בבית אלעסק-בעלזא), האט ער געזאגט מיט אן עקסטאז, "**א איד דארף וויסן, אז שבת קודש איז נישט בלויז א יום מנוחה, נאר עס איז אלעס ממש ביי א איד! אין שבת קען א איד זוכה זיין צו א נייע נשמה און זיך מקשר זיין גלייך צום אור אין סוף**", די אנוועזנדע האבן געהערט ווי זיינע דיבורים זענען יוצא מן הלב און עס האט מעורר געווען אלע ארומיגע צו תשובה.

• • •

**אין ספר עטרת אבות ווערט געברענגט**, אז כאטש וואס דער צדיק רבי מענדעלע זי"ע איז געווען א מנהיג עדה און אן רב אין א גרויסע שטאט, האט ער אליין פערזענליך זיך באשעפטיגט מיט דעם מצוה פון הכנסת אורחים, ווערט דערציילט אז איינמאל אין א קאלטן ווינטערדיגן נאכט איז אנגעקומען אין שטאט אלעסק א איד א עני ואביון, וואס איז געווען דורכגענעצט פון דעם רעגן און קעלט.

דער צדיק רבי מענדלע, ווען ער האט באמערקט דעם איד, האט ער נישט געווארט אויף די גבאים אדער די שטוב-מענטשן, נאר ער אליין איז אריבערגגיין אין קאך, אנגעהייצט דעם אויוון, אים געברענגט הייסע טיי און אנגעגרייט א בעט מיט זיינע אייגענע הענט, ווען די בני הבית האבן אים געזאגט, אז עס פאסט נישט פאר דעם רבינ'ס כבוד צו טון אזעלכע פשוט'ע עבודה, האט ער געענטפערט מיט א געוואלדיגע פשטות, "**מיר לערנען פון אברהם אבינו ע"ה, אז הכנסת אורחים איז גדול יותר מקבלת פני השכינה, ווען עס קומט צו העלפן א איד, איז נישטא קיין שום חילוק צווישן א רב און א גבאי**".

• • •

**אין ספר שפתי צדיקים ווערט דערציילט**, אז דער צדיק רבי מענדלע זי"ע פלעגט שטענדיג מעורר זיין זיינע מקורבים צו גיין אין דעם וועג פון פשוט'ע תמימות, אן שום חכמות יתירות און פלפולים אין עבודת השם, ער פלעגט אפט איבערזאגן דעם באקאנטן מימרא פון זיינע זיידעס לבית זידיטשוב, "**דער עיקר וואס דער אייבערשטער דארף פון א איד איז דאס הארץ ('רחמנא ליבא בעי'), א פשוט'ער קאפיטל תהילים וואס א איד זאגט מיט א אמת'דיגן הארץ און מיט תמימות, ברעכט אויף אלע הימלען, מער ווי די גרויסע כוונות וואס מען טוט אן קיין הארץ**".

**יארצייט י"ט אב**

**הרה"ק רבי שמעון שלום ב"ר מנחם זי"ע (קאליש)**
**בעל משמיע שלום, מאמשינוב-אטוואצק**
**"הנקרא ר' שמעו'לע מאמשינוב"**

ער איז געבוירן אין שטאט אמשינוב, **בשנת תרמ"ג**.

צו זיין טאטע הרה"ק **רבי מנחם האדמו"ר השני מאמשינוב** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי יעקב דוד האדמו"ר הזקן מאמשינוב** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי ישראל יצחק מווארקא** זי"ע.

און צו זיין מאמע **הרבנית הצדקת מרת אסתר גאלדא** ע"ה,
בת הרה"ק **רבי שמואל משה אלבערשטיין מביאלא** זי"ע.

ער איז געווען מפורסם אלס א תלמיד חכם גדול און א חכם מחוכם און א בקי נפלא וחריף עצום בתורת הנגלה והנסתר און אויך אין קבלה, דער צדיק האט עוסק געווען בתורה יומם ולילה מיט א געוואלדיגע התמדת התורה, ער איז געווען א איש קדוש וטהור מאוד און א עובד השם באמת, דער צדיק האט זיך געפירט זיין גאנץ לעבן מיט א געוואלדיגע פרישות און איז געווען דבוק אינעם באשעפער יעדע רגע מיט א געוואלדיגע דביקות און קדושה, דער צדיק איז געווען מפורסם מיט זיין הייליגע צורה וואס האט ארויס געריפן גרויסע עהרע און כבוד אפילו ביי גוים להבדיל, און דערפאר האט דער צדיק באוויזן צו עוסק זיין גאר אסאך אין צרכי ציבור און אסאך גע'פועל'ט ביי די מלוכה פאר אידישע קינדער.

דער צדיק האט מייסד געווען זיין חסידות אויף דריי יסודות "**אהבת השם, אהבת התורה, אהבת ישראל**", דער צדיק וקדוש איז געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע **אהבת ישראל און אהבת הבריות**, ער האט באמת ליב געהאט יעדן איד מיט א געוואלדיגע אהבה, טויזענטער אידן זענען געקומען זיך מסתופף זיין בצלו פון דעם צדיק וקדוש, און דער צדיק האט מקבל געווען יעדן איד בסבר פנים יפות, הונדערטער מענטשן זענען געקומען זיך דורך רעדן מיט דעם צדיק ברחניות און בעבודת השם, אבער דער צדיק זייענדיג מפורסם אלס א חכם און א גאר קלוגער מענטש, זענען אידן אויך געקומען צו דעם צדיק זיך דורך רעדן בעניני מסחר.

דער צדיק האט געהאט אזא שטארקע אהבת ישראל, אז דער צדיק האט ממש נישט געקענט סובל זיין ווען א אנדערע איד האט געהאט צער, מען האט ממש געזעהן ווי עס טרעט צו צום הארץ פונעם צדיק ווען ער האט געהערט אז איינער האט צער, להבדיל אפילו א גוי האט דער צדיק נישט געקענט זעהן בצער, עס איז געווען מפורסם אז דער צדיק האט מקיים געווען דעם מאמר חז"ל, אז א מענטש ברויך זיין, "**נוח למקום און נוח לבריות**", מען האט קיינמאל נישט געזעהן דעם צדיק ווערן אין כעס ח"ו, נאר אלעס איז צו געגאנגען ביי דעם צדיק מיט א גלאסענקייט און מיט א געוואלדיגע שמחה של מצוה.

זיין עבודת השם איז געווען מיט א געוואלדיגע דביקות און השתפכות הנפש און מיט א ברען פארן גרויסן באשעפער, ער האט געהאט זיין הנהגה פון דאווענען שפעט עד כדי כך אז דער צדיק האט אסאך מאל געקענט ענדיגן שחרית גאר נאנט צום זמן בין השמשות, און דער צדיק פלעגט זאגן, אז יעדער איד ברויך האבן צוויי זייגער'ס, **איינס זאל ווייזן אז עס איז שוין שפעט, און דאס צווייטע זאל ווייזן אז עס איז נאכנישט שפעט, אין אמשינוב האט מען זיך משתמש געווען מיטן צווייטן זייגער**.

רוב פון זיין תורה און עבודת השם האט דער צדיק מקבל געווען פין זיין גרויסן טאטן הרה"ק רבי מנחם מאמשינוב זי"ע וואס איז געווען מפורסם אלס א איש קדוש מאוד און א עובד השם במסירת נפש, זיין טאטע האט שוין מפליא געווען די גדלות וחריפות בתורה און די געוואלדיגע קדושה פונעם קינד נאך ווען ער איז געווען גאר יונג, ער האט שוין דאן אלס קינד גאר אסאך עוסק געווען בצדקה און הכנסת אורחים, ער האט זיך פרעזענליך אפגעגעבן מיט די געסט וואס זענען געקומען איינשטיין ביי זיי אין שטוב, און ער האט שוין דאן מחזק געווען די צובראכענע אידן וואס זענען געקומען צום טאטן.

ער האט חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת פייגא ברכה** ע"ה,

בת דודו הרה״ק **רבי ישעי׳ קאליש מפשיסחא** זי״ע, (חתן הרה״ק **רבי מאיר׳ל מפשיסחא** זי״ע, נכד **היהודי הקדוש** זי״ע,)
בן הרה״ק **רבי יעקב דוד הזקן מאמשינוב** זי״ע,
בן הרה״ק **רבי איציקל מווארקא** זי״ע.

ט״ז כסלו בשנת תרע״ח ווען זיין גרויסע טאטע הרה״ק רבי מנחם מאמשינוב זי״ע איז נסתלק געווארן, האט דער גרויסער ברודער הרה״ק רבי יוסף זי״ע איבער גענומען אלס ממלא מקום פינעם טאטן אין אמשינוב, דאן האט זיך דער זוהן הרה״ק רבי שמעון שלום זי״ע אריבער געצויגען קיין **אטבוצק** וואס איז נישט ווייט פון שטאט ווארשא, און דארט האט דער צדיק אויף געשטעלט זיין חסידות, עס האט געהערשט א געוואלדיגע אהבה צווישן די צוויי ברודער׳ס און זיי האבן כסדר געשיקט אידן אײנער צום אנדערן האלטענדיג אז דער אנדערע איז גרעסער.

דאן איז דער צדיק שוין געווען מפורסם אלס א איש קדוש מאוד און א בקי נפלא און גאון וגדול בתורה, טויזענטער אידן יראים ושלימים און אויך אסאך צדיקי הדור זענען דאן געקומען זיך מסתופף זיין בצלו פון דעם צדיק וקדוש, אויך אסאך פון זיין טאטן׳ס תלמידים און חסידים האבן זיך מדבק געווען אין דעם צדיק און זענען געקומען מיט האלטן זיין עבודת הקודש.

ער איז געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע אהבת ישראל וואס ער האט פארמאגט, ער האט באמת ליב געהאט יעדן איד אהבת נפש און געווען גרייט זיך אוועק צו געבן פאר א אנדערן איד בלב ובנפש, זיין עבודה התפילה איז צו געגאנגען מיט א געוואלדיגע דביקות און השתפכות הנפש און מיט א געוואלדיגע נעימות ומתיקות, אבער אלעס איז געווען מיט א שמחה של מצוה, דאס דאווענען האט גענומען ביי דעם צדיק שעות אריכות אפילו אינדערוואכן, טויזענטער אידן זענען געקומען נאר אפילו מיט האלטן און צוזעהן ווי אזוי דער צדיק רעכט אפ זיין עבודת התפילה, דער צדיק האט מקפיד געווען צו זאגן דברי תורה אויך אין די וואכן טעג ביי א סעודה.

גאר א געהויבענע עבודה האט דער צדיק אפ געראכטן שבת קודש און ימים טובים למעלה מכוחות אנישי, דאס דאווענען א הודו א נשמת איז געווען באגלייט מיט טיפע קרעכצן און געפילן און געוואלדיגע מתיקות, וואס דאס האט אריין געברענגט יראת שמים און אהבת השם אין זיינע חסידים, זיינע דברי תורה ביי די טישן זענען געווען מיט א געוואלדיגע צוגעלאזנקייט און התעוררות דקדושה, דער צדיק האט כסדר ביי די דברי תורה מעורר געווען די אידן צו אהבת השם יראת שמים, אבער גאר שטארק האט דער צדיק מעורר געווען אידן צו אהבת ישראל, און מיט דעם דרך האט דער צדיק געפירט זיין עדה הקדושה.

דער צדיק איז געווען מפורסם אלס א חכם מחוכם מיט זיין געוואלדיגע חכמות און פיקחות, הונדערטער אידן זענען געקומען פאר א ברכה אדער פאר א עצה ותושיה, הונדערטער אידן זענען געקומען זיך דורך רעדן מיטן רבין עצות אין ביזנעס, און אפילו דער צדיק איז באמת געווען אויסגעטון פון די וועלט און נאר עוסק געווען בתורה זיין גאנץ לעבן, האט אבער דער צדיק געהאט א געוואלדיגע פארשטאנט אפילו אין וועלטליכע זאכן, אויך האט ער עוסק געווען אין צרכי ציבור און אויך אין צדקה וחסד איז דער צדיק געווען א גאון בדורו.

דער צדיק וקדוש האט געהאט א געוואלדיגע תשוקה און אהבת צו ארץ ישראל ארצנו הקדושה, און דער צדיק האט זיין גאנץ לעבן זייער געגארט זיך ארויף צו ציען קיין ארץ ישראל, און טאקע **בשנת תרצ״ג איז דער צדיק געפארן פאר א יאר קיין ארץ ישראל**, דארט האט אים הרה״ח **רבי נח גד וינטרוב** זי״ע באגלייט די גאנצע צייט, און שפעטער האט רבי נח ארויסגעגעבן א **ספר אמרות טהורות** פון די דברי תורה וואס דער צדיק האט געזאגט ווײלענדיג אין ארץ ישראל, נאך בערך א יאר בשנת תרצ״ד האט זיך דער צדיק צוריק געצויגען קיין אוטוואצק, אבער ער איז אייביג געבליבן רעדן פון זיין גרויסע בענקעניש צו ארץ ישראל.

ליידער בשנת תרצ״ט ווען עס האט אויס געבראכן די צווייטע וועלט מלחמה, און מען האט געהערט אז די דייטשן ימ״ש זענען אויפן וועג קיין ווארשא וואס איז נישט ווייט פון שטאט אוטוואצק, האט זיך דער צדיק אויף געהויבן און ממש איבער געלאזט אלעס און אנטלאפן פון שטאט צוזאמען מיט זיין זוהן הרה״ק **רבי מאיר** זי״ע און זיין ברודער׳ס זוהן הרה״ק **רבי יצחק**

**מאמשינוב** זי"ע, און מען דערציילט אז דער צדיק האט זיך דאן אויסגעדריקט בזה"ל, "**איך בין מתפלל נישט צו זעהן דעם רשע**", און לפלא אפילו דער צדיק האט ליידער יענע פאר יאר אסאך געוואנדערט פון איין פלאץ צום אנדערן, **האט ער זיך קיינמאל נישט געטראפן מיט די דייטשן ימ"ש**.

אידן וואס זענען געווען מיטן רבין די צייט פון די צווייטע וועלט מלחמה דערציילן, די געוואלדיגע ניסים וואס עס האט פאסירט פארן רבין יענע צייט, אויך די אידן וואס האבן זיך געהאלטן נאנט צום צדיק זענען מיט נסי ניסים אפאר מאל געראטעוועט געווארן ממות לחיים ממש, עטליכע מאל האט זיך געמאכט, אז דער צדיק איז אנטלאפן פון א שטאט ממש די לעצטע רגע בעפאר די רשעים זענען אנגעקומען, און מען האט זיך געברויכט באהאלטן צווישן די ביימער אין וואלד און קוילן זענען געפלויגען העכער זיי ממש, אבער בחסדי ד' איז דער צדיק געראטעוועט געווארן און געקענט משפיע זיין תורה און קדושה פאר די שארית הפליטה נאך די ביטערע מלחמה.

הרה"צ רבי מענדל איגר מלובלין זי"ע האט דערציילט, אז ער איז געווען צווישן די אידן וואס זענען געווען מיטן צדיק מאמשינוב אויף די לאנגע וועג ווען די רבי איז אנטלאפן פין די רשעים, און ער דערציילט, אז יעדער וואס איז געשטאנען נעבן דעם צדיק איז געראטעוועט געווארן מיט נסי ניסים, אויך דערציילט רבי מענדל, אז ווען מען איז געקומען צו א שייד-וועג, און מען האט געברויכט אפמאכן וועלכע וועג מען זאל נעמען, **איז דער צדיק אראפ פינעם וואגן און אריין אין א געוואלדיגע דביקות**.

און דאן האט דער צדיק געהייסן וועלכע וועג מען זאל נעמען, מען האט געזעהן ווי דער צדיק האט ממש אנגעפרעגט אין הימל די ריכטיגע וועג, און צענדליגע מאל האט מען געזעהן די געוואלדיגע סייעתא דשמיא וואס האט באגלייט דעם רבין, ווען צענדליגע מאל האט זיך ארויס געשטעלט, אז אויב וואלט מען ווען געגאנגען די אנדערע וועג וואלט מען ווען ח"ו אריין געפאלן אין די הענט פון די רשעים.

די ערשטע איז דער צדיק אנגעקומען קיין **ווילנא** וואס איז אין ליטא, און שפעטער האט זיך דער צדיק וקדוש אריבער געצויגען קיין **קובנה**, ווי דער צדיק איז אנגעקומען, האבן זיך צו אים מדבק געווען טויזענטער פליטים וואס האבן געזעהן אין דעם צדיק א אב הרחמן, ער האט זיך מיט א מסירת נפש אוועק געגעבן פאר יעדן איד, אויך זיין עבודת הקודש דארט איז געווען די זעלבע ווי ביי זיך אין שטאט, ער האט דאן געדינט דעם גרויסן באשעפער מיט א מסירת נפש, אפילו זייענדיג פארווארפן ווייט פון זיין שטוב.

אזוי ווי עס איז אונטער געקומען א געלעגנהייט זיך אריבער צו כאפן קיין **יאפאן**, האט דער צדיק ערלעדיגט די פאפירן וואס איז נישט אנגעקומען אזוי גרונג, און דער צדיק האט זייער צו געגעדט יעדן איינעם, אז מען זאל זיך ערלעדיגן פאפירן און אנטלויפן קיין יאפאן, און טאקע אסאך אידן האבן זיך צו געהערט צו די ריידט פון דעם צדיק און ערלעדיגט די פאפירן קיין יאפאן, ליידער די אלע וואס זענען געבליבן דארט אין ווילנא און קובנה זענען ליידער אומגעקומען אויף קידוש השם, דער צדיק האט זיך דאן באזעצט אין שטאט **שאנכאי**.

אויך דארט אין יאפאן האט דער צדיק עוסק געווען בצרכי ציבור און מיט א מסירת נפש ממש ארויס געהאלפן די צובראכענע אידן וואס זענען ליידער אנטלאפן פון זייערע שטעט, דער צדיק האט דאן ממשיך געווען דארט אין יאפאן צו דינען דעם באשעפער מיט א געוואלדיגע מסירת נפש און דביקות, ער האט דארט מחזק געווען די אידן און אריין געבלאזן א רוח החיים אין די צובראכענע אידן, אז מען זאל זיך ווייטער האלטן צו די אויס געטרעטענעם וועג וואס מען האט מקבל געווען מדורות הראשונים.

בשנת תש"ז נישט קענענדיג באקומען קיין פאספארט ארויף צו קיין ארץ ישראל, וואס דער צדיק האט דאך זיין גאנץ לעבן געוואלט זיין דארט, האט דער צדיק בלית ברירה זיך אוועק געצויגען קיין **אמעריקע**, דארט האט זיך דער צדיק באזעצט אין **בארא פארק** און אויף געשטעלט א ביהמ"ד ווי אידן יראים ושלימים זענען געקומען שעפן תורה און עבודת השם פין דעם צדיק, דער צדיק האט דארט על אדמת אמעריקע ממשיך געווען מיט זיין עבודת הקודש און משפיע געווען אויף די וואס האבן זיך מדבק געווען אין אים תורה און קדושה.

דער צדיק דער הייליגער אמשינוב'ער רבי זי"ע האט דארט פין אמעריקע עוסק געווען אויף צו שטעלן **א ביהמ"ד אמשינוב און א ישיבה אין ירושלים אין שכונות בית וגן**, און דער צדיק האט זיך געגרייט בשנת תשי"ד ארויף צו גיין קיין ארץ ישראל, אבער פין הימל האט מען געוואלט אנדערש, און פלוצלונג איז דער צדיק קראנק געווארן, און דריי טאג שפעטער איז דער צדיק נסתלק געווארן אין אמעריקע.

זיינע הייליגע דברי תורה זענען געדריקט געווארן אינעם **ספר משמיע שלום**.

ער האט איבער געלאזט זיין בן יחיד הרה"ק **רבי ירחמיאל יהודה מאיר מאמשינוב** זי"ע, חתן דודו הרה"ק **רבי חיים יעקב ארי' מורגנשטרן מראדזימין** זי"ע.

נסתלק לגנזי מרומים **י"ט אב בשנת תשי"ד**, קודם האט מען דעם צדיק באערדיגט אין אמעריקע, מיטן תנאי אז מען וועט אים אריבער טראגן קיין א"י, און טאקע א חודש שפעטער חודש אלול האט מען דעם גוף קדוש מפנא געווען און אריבער געטראגן קיין א"י, **און דער צדיק איז בדרך פלא באערדיגט געווארן אין ביה"ח הישן אין טבריה, דארט ווי עס ליגן די תלמידי בעש"ט הקדוש זי"ע**, וואס יארן לאנג האט מען דארט שוין קיינעם נישט באגראבן.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**די וואונדערליכע הצלה פונעם הייליגן אמשינאווער רבי'ן** הרה"ק רבי שמעון שלום קאליש זי"ע בשעת דער צווייטער וועלט מלחמה, איז איינע פון די וואונדערליכסטע און מערסט באקאנטע הצלה-געשיכטעס אין דעם חורבן אייראפע, זיין וועג פון פוילן ביז אמעריקע איז געווען באגלייט מיט גילויים נפלאים און מיט א געוואלדיגע מסירות נפש, אהבת ישראל, און גרויסע ניסים.

מיט דעם אויסברוך פון דער מלחמה אין אלול בשנת תרצ"ט, ווען די נאצישע חיות ימ"ש זענען איבערגעפאלן פוילן, דער רבי דער צדיק רבי שמעון שלום זי"ע וועלכער איז געווען גאר באקאנט אלס איינער פון די גרויסע מנהיגים פון פוילישן יאדנטום, איז דער צדיק געווען אין גרויסע סכנה.

דער רבי איז דאן אנטלאפן פון זיין הויף אין **אטוואצק** און געוואנדערט דורך פילע סכנות ביז ער האט באוויזן אריבערצוגיין דעם גרענעץ קיין **ווילנא**, **ליטא**, וואס איז יענע צייט געווען אונטער ליטווישע/סאוועטישע הערשאפט און געדינט אלס א מקלט פאר טויזנטער פליטים און ישיבה בחורים באקאנט אלס "**פליטי ווילנא**".

אינמיטן יאר תש"א, ווען די סאוויטען האבן איבערגענומען ליטע און די סכנה האט זיך פארשטארקערט, האט זיך געעפנט אן איבערנאטירליכער פליטה פאר די אידן, דער יאפאנישער קאנסול אין קובנא, טשיאונע סוגיהארא, צוזאמען מיטן האלענדישן קאנסול יאן זווארטענדיק, האבן ארויסגעגעבן טויזנטער "**קוראסאא וויזעס**" פאר אידישע פליטים.

רבי שמעו'לע, צוזאמען מיט זיין משפחה און א גרויסע גרופע תלמידים פון ישיבת מיר און אנדערע פוילישע חסידים, האבן באקומען די דאזיגע וויזעס, זיי האבן זיך ארויסגעלאזט אויף א לאנגער און שרעקליכער רייזע אויף דער טראנס-סיבירישער באן דורך דעם גאנצן סאוועטן פארבאנד ביזן פארט-שטאט ולאדיוואסטאק, און פון דארט מיט א שיף קיין **קאבע**, **יאפאן**.

נאך א קורצער צייט אין יאפאן, זענען אלע פליטים עקסטערדירט געווארן דורך די יאפאנעזער קיין **שאנכאי**, **כינא** וואס איז געווען אונטער יאפאנישער אקופאציע, דארט האט זיך אנגעהויבן א תקופה פון פינף יאר אין א געטא אונטער שווערסטע תנאים, אין שאנכאי איז רבי שמעו'לע געווארן דער אומאפיציעלער רוחניות'דיגער מנהיג פון דעם גאנצן פליטים-ישוב, ער האט אכטונג געגעבן אויף די בחורים פון מיר, חכמי לובלין, קלעצק און אנדערע ישיבות.

ער האט אפערירט גרויסע אקטיוויטעטן צו שאפן כשר'ע מאכלים, מצות פאר פסח, און אתרוגים, מען דערציילט אז ער האט אפילו אפגעקויפט עטלעכע גאסן-הייזער צו מאכן א מקווה טהרה, אינעם כינעזער געטא האט ער

מייסד געווען א בית דין וואס האבן עוסק געווען אין די פראבלעמען פון אומגעקומענע משפחות און **התרת עגונות** וואס זענען אנגעקומען פון אייראפע.

נאך דעם ענדע פון דער מלחמה בשנת תש"ה, האט דער רבי דער צדיק רבי שמעון זי"ע באוויזן צו באקומען וויזעס פאר זיך און זיין הויזגעזינד צו פארן קיין אמעריקע, אין בשנת תש"ז איז ער אנגעקומען קיין ניו יארק, וואו ער האט זיך באזעצט אין **בארא פארק**, ברוקלין, דארט האט ער אנגעהויבן דעם נייעם פרק פון זיין לעבן, ער האט דארט אין אמעריקע זיך ארייגעווארפן אויפצובויען די חסידות **אטוואצק-אמשינוב**, און זיך מוסר נפש געווען צו העלפן און צוריק שטעלן די תלמידים אויף די פיס, אויך האט ער דאן געשיקט זיין זוהן הרה"ק רבי ירחמיאל יהודה מאיר זי"ע קיין ארץ ישראל אויפצושטעלן דעם **בית אמשינוב אין ירושלים**.

• • •

**אין ספר אור השלום ווערט דערציילט**, אז אין די יארן ווען דער רבי דער צדיק רבי שמעון שלום זי"ע האט געוואוינט אין שטאט אטוואצק, איז אמאל געקומען צו אים א צובראכענע אלמנה מיט דאגות וועגן פרנסה און חינוך הבנים, און די אלמנה האט זיך זייער אויסגעוויינט ביים צדיק איבער די מצב ביי איר אין שטוב מיט די פרנסה און מיטן מחנך זיין אירע קינדער.

דער צדיק רבי שמעון שלום האט איר אויסגעהערט מיט אן אומבאשרייבליכער רחמנות, נאכדעם וואס זי איז ארויסגעגאנגען, האבן די חסידים באמערקט, **אז דער רבי זיצט ווייטער און וויינט ביטערליך**, ווען איינער פון די מקורבים האט זיך ערלויבט צו פרעגן, פארוואס דער רבי וויינט אזוי ביטעלער נאכדעם וואס זי איז שוין אוועקגעגאנגען, האט דער רבי געענטפערט מיט א פשוט'ע תמימות, "**ווי אזוי קען איך אויפהערן וויינען, ווען א אידישע טאכטער דרייט זיך ארום אין דער וועלט מיט אזא שווערן עול אויפן הארץ, אויב איך קען איר נישט גלייך אראפנעמען איר צער, מוז איך לפחות פילן איר צער גלייך ווי עס וואלט געווען מיין אייגענע צער**".

• • •

**אין ספרי בית אמשינאוו ווערט געברענגט**, אז בשעת דער צדיק רבי שמעון שלום זי"ע איז אנטלאפן פון די נאציס ימ"ש און זיך געפונען אין שאנכאי צוזאמען מיט הונדערטער בחורים און פליטים, איז די מצב דארט געווען שרעקליך שווער, די היץ איז געווען אומדערטרעגליך, עס איז דארט נישט געווען ממש וואס צו עסן און אפילו פשוטע צרכי רפואה איז דארט נישט געווען צו באקומען, און פילע מענטשן זענען געווען צעבראכן און צעקלאפט.

אינמיטן די אלע שווערקייטן, האט א געוויסער מענטש זיך באגאנגען זייער נישט מיט קיין דרך ארץ צום צדיק רבי שמעון שלום און געגעבן א קאפע פארן רבי'ן צוליב א טעות נישט אפילו האבענדיג א ספעציעלע כוונה נאר פון גרויס צעבראכענקייט, די חסידים פונעם צדיק זענען געווארן אין כעס און געוואלט מוחה זיין און זיך אנעמען פארן כבוד התורה, אבער דער רבי האט זיי גלייך אפגעהאלטן מיט שטארקייט און געזאגט, "**חלילה וחס! מען דארף אים מוחל זיין בלב שלם, ער איז א איד וואס גייט דורך גאר שווערע זמנים און זיין הארץ איז איהם פארביטערט, מיר דארפן אויף אים בלויז רחמנות האבן, און נישט דן זיין**", און דער צדיק האט נישט דערלאזט אז מען זאל רעדן אפילו איין שלעכט ווארט אויף דעם איד.

• • •

**אין ספר זכרון שמעון ווערט דערציילט**, אז אין שאנכאי האט זיך געפונען א יונגע פרוי וועמענס מאן איז פארשוואונדן געווארן אין אייראפע בעת דער מלחמה, און זי איז געבליבן אן עגונה, דער רבי האט זיך אריינגעווארפן אין די סוגיא מיט זיין גאנצן קאפ און הארץ, און פארבראכט טעג און נאכט איבער ספרים צו זוכן א היתר, די געוואלדיגע עבודה וואס דער צדיק האט אריינגעלייגט צו טרעפן א היתר פאר די אומגליקליכע פרוי איז ממש נישט צום באשרייבן, און ווען ער האט ענדליך זוכה געווען צו בויען דעם היתר על פי תורה, האט ער זיך אנגערופן, "**די גרעסטע שמחה אין מיין לעבן איז ווען איך קען אראפנעמען א קייט פון א אידישער נשמה ולפדות אסורים**".

• • •

**עס האבן דערציילט די חסידים פונעם צדיק**, אז אמאל אום שבת קודש שוין אין בארא פארק, האט א ארימער איד אומגעווארפן א גלאז וויין אויפן רבינ'ס שבת'דיגע מלבוש אינמיטן טיש, דער איד

איז געווארן פארשעמט און רויט פאר גרויס בושה און עס איז געווארן א שרעקליכע אומאנגענעמליכקייט, דער רבי האט גלייך געמאכט א תנועה ווי איינער וואס שאקעלט זיך אליין, און זיך אנגערופן פארן גאנצן עולם, "**אוי, איך בין אזוי אומבאהאלפן! איך האב זיך געשאקלט און איבערגעקערט דעם גלאז**", דער רבי האט אנגענומען די גאנצע אומגליקלעכע אומשטאנד אויף זיך אליין, אבי דער איד זאל זיך נישט פילן אומאנגענעם אפילו פאר איין רגע.

• • •

**אין ספר אור השלום ווערט דערציילט**, אז ווען דער רבי איז אנגעקומען קיין אמעריקע נאך די אלע תלאות פון דער מלחמה און שאנכאי, האט ער זיך באזעצט אין בארא פארק, די גאסן אין אמעריקע אין יענע יארן זענען געווען גאר ווייט פון א רוחניות'דיגע סביבה, און די פריצות אויף די גאסן איז געווען ממש שרעקליך.

האבן די חסידים דערציילט, אז ווען דער צדיק האט געברויכט ארויסגיין אויף דער גאס צו א מצוה אדער צו א דאקטער, **האט ער זיך אזוי איינגעהילט אין זיין הוט און ספודעק/פעלץ, און מען האט געזען אויף זיין פנים א פחד נורא, ער האט זיך געהאלטן די אויגן פארמאכט אדער אראפגעקוקט צו דער ערד מיט אזא דביקות**, ביז מענטשן אויף דער גאס, און אפילו גויים וואס זענען אריבער געגאנגען דעם רבין, זענען געשטאנען און באטראכט דעם רבין און אפגעגעבן כבוד פאר זיין הייליגן געשטאלט, איינמאל האט א מקורב געפרעגט דעם רבי'ן, ווי אזוי ער האלט זיך פארמאכט די אויגן אזוי לאנג, האט דער רבי אים געענטפערט מיט אן אמת'ער ערנסטקייט, "**איך זעה נישט די גאס, ווען איך גיי אויף דער גאס, זעה איך נאר דעם רבונו של עולם'ס תורה און די הייליגע אבות**".

• • •

**אין ספר בית אמשינאוו ווערט דערציילט**, אז די עבודת התפילה פון רבי שמעו'לע איז געווען לשם ולתפארת אין דער גאנצער חסידישער וועלט, ער פלעגט דאווענען מיט אן עקסטאז וואס האט אויסגעזען למעלה מן הזמן און למעלה מכוח אנישי, אין שטאט אטוואצק פלעגט דאס דאווענען פונעם רבי'ן דויערן שעה'ן לאנג, פארן דאווענען פלעגט ער זיך גרייטן מיט אן אומבאשרייבליכן קדושה, זיך ארומדרייענדיג זיך אין חדר מיט אש הקודש און א תהילים'ל אין האנט.

ווען ער האט אנגעהויבן דאווענען און איז אנגעקומען צו "**ברוך שאמר**" אדער "**נשמת כל חי**" שבת קודש, פלעגן די ווענט פון בית המדרש ציטערן פונעם רבינ'ס בכיות און געשרייען, איינער פון די גרויסע רבנים אין פוילן הרה"ק רבי מנחם זעמבא זי"ע הי"ד האט אמאל נאכדעם וואס ער האט געזען רבי שמעו'לע דאווענען, געזאגט בזה"ל, "**איך האב געזען פיל צדיקים דאווענען, אבער ביי רבי שמעו'לע מאמשינוב זעט מען פאר די אויגן, ווי די נשמה שטייגט ארויס פון גוף ממש בשעתן דאווענען**".

• • •

**אין ספר זכרון שמעון ווערט דערציילט**, אז דער צדיק רבי שמעו'לע האט געלעבט א גאנץ לעבן אנגעפילט מיט סיגופים און פרישות, אבער אלעס בסתר ובפנימיות, אן עמיצער זאל באמערקן, ער פלעגט כמעט גארנישט הנאה האבן פון די וועלטליכע תענוגים, זיין מאלצייט איז געווען גאר א קליינע כמות וואס האט קוים געהאלטן דעם גוף בחיים, אפילו אין די שווערסטע טעג אין שאנכאי, ווען מען האט קוים געהאט וואס צו עסן און די היץ איז געווען אומדערטרעגליך, האט ער זיך נישט מייאש געווען און נישט אראפגענומען זיין הייליגע הנהגה, ער האט שטענדיג געהאלטן זיין מח ורעיונות בלויז אין קדושת התורה, די חסידים האבן דערציילט, **אז אפילו בעת זיין שלאף פלעגט ער ארויסרעדן פון מויל בלויז דברי תורה, פסוקים און שמות הקודשים**.

• • •

**עס האבן דערציילט די חסידי אמשינאוו**, אז מיט זיין גרויסע קדושה, האט ער זיך אלעמאל געזוכט צו באהאלטן, פילע מעשיות זענען באקאנט, וואו ער האט געזען מיט רוח הקודש ענינים וואס זענען געווען פארבארגען פון אנדערע מענטשן, אבער גלייך דערנאך האט ער עס מיט א פשטות פראבירט צו באהאלטן כאילו ער האט עס סתם אזוי געזאגט אן קיין ספעציעלע כוונה, אדער גאר האט ער דאס געזאגט בדרך אפשר.

אמאל איז געקומען א איד אין בארא פארק וואס האט געהאט א שווערע פראבלעם מיט זיין שלום בית, אבער ער האט זיך געשעמט צו דערציילן דעם אמת'ן סיבה פארוואס ער איז געקומען צום רבי'ן, אבער ווי נאר ער איז אריין אין רבינ'ס שטוב, האט דער רבי אים אנגעקוקט מיט א הייליגן בליק און אים גלייך געגעבן א עצה עפ"י תורה פאר די גענויע פראבלעם וואס ער האט געהאט אין שטוב, איידער דער איד האט נאך אפילו געקענט עפעס זאגן, ווען דער איד איז ארויסגעגאנגען פארוואונדערט און געפרעגט די חסידים וויאזוי דער רבי האט געוואוסט, האט דער רבי זיך אנגערופן מיט א פשטות, "**איך ווייס גארנישט, דער אויבערשטער האט פשוט**

**אריינגעלייגט אין מיין מויל די ריכטיגע ווערטער אייך צו העלפן**".

• • •

**אין ספר זכרון שמעון ווערט דערציילט**, אז בשעת די שווערע יארן אין שאנכאי, איז א גרופע אידישע פליטים געקומען צו גיין צום רבי'ן אין גרויס יאוש, איינער פון די עסקנים האט באקומען א גרויסן חבילה/קאסטן פון מעדיצינען און חפצים פון אמעריקע, אבער ער האט פארלוירן דעם שליסל און דעם קאד צום שלאס, אין יענע יארן אין כינא איז א קאסטן מעדיצינען געווען א פראגע פון פיקוח נפש ממש פאר די קראנקע פליטים.

דער מענטש איז אריין צום רבי'ן מיט בכיות און געבעטן א ברכה, דער רבי האט אים אנגעקוקט מיט זיין הייליגן בליק, זיך פארטראכט א רגע אין א דביקות, און דאן זיך אנגערופן צו דעם איד, "**גייט צוריק צום קאסטן, דרייט דעם ראד דריי מאל צו רעכטס און צוויי מאל צו לינקס, און דער שלאס וועט זיך עפנען**", די עסקנים זענען געלאפן צוריק און געטאן גענוי ווי דער רבי האט באפוילן, און דער שלאס האט זיך גלייך געעפנט פאר זייערע אויגן! ווען זיי זענען געקומען באדאנקען דעם רבי'ן, האט ער זיך ארויסגעדרייט און געזאגט מיט פשטות, "**דער אויבערשטער האט פשוט רחמנות געהאט אויף די קראנקע אידן**".

• • •

**אין ספר אור השלום ווערט דערציילט**, אין די יארן פאר דער מלחמה, ווען דער רבי האט געפירט זיין חצר אין אטוואצק, איז אריינגעקומען א חסיד פון ווארשא מיט א קוויטל פאר זיין טאכטער וואס האט געליטן פון א שווערע הארץ-קראנקייט, די גרויסע דאקטוירים אין ווארשא האבן געזאגט אז עס איז מער נישטא קיין האפענונג און עס איז א ענין פון געציילטע שעות, רחמנא ליצלן, דער רבי האט גענומען דעם קוויטל, עס אנגעהאלטן אינמיטן די הענט, און געבליבן זיצן פארמאכט די אויגן פאר איבער א פערטל שעה אין א שטארקע דביקות.

דערנאך האט ער זיך אויפגעוועקט און געזאגט פארן פאטער מיט גרויס ביטחון, "**פאר אהיים קיין ווארשא, די רפואה איז שוין אנגעקומען**", ווען דער פאטער איז אנגעקומען אהיים קיין ווארשא, האט ער געפונען די דאקטוירים שטיין פארוואונדערט, "**די טעמפעראטור איז פלוצלינג אראפגעפאלן, די אטעם איז געווארן רואיג, און זי איז ארויס פון סכנה**" ווען מען האט איבערגעקוקט די צייטן, האט זיך ארויסגעשטעלט, אז דער קריזיס איז אדורך **גענוי אין יענער רגע ווען דער רבי האט געזאגט די ווערטער אין אטוואצק.**

• • •

**אין ספר תפארת שמעון ווערט געברענגט**, אז אין די אנהייב יארן פון די מלחמה, ווען דער רבי האט זיך געפונען אין ווילנא, זענען די רוסישע געהיים-פאליציי ארומגעפארן ארעסטירן רבנים און מנהיגים צו שיקן קיין סיביר, איינמאל ביינאכט זענען די רוסישע אפיצירן געקומען צו דער דירה וואו דער רבי האט זיך באהאלטן, כדי אים צו ארעסטירן, די מענטשן אין הויז זענען געווארן פאראליזירט פון גרויס פחד.

דער רבי איז אבער געבליבן זיצן ביי זיין שלחן מיט אן אומבאשרייבליכע רואיגקייט, זיך פארמאכט די אויגן און אנגעהויבן זאגן קאפיטלעך תהילים מיט שטילע בכיות, **די אפיצירן זענען אריין אין הויז, ארומגעקוקט אין אלע צימערן, אריבערגעגאנגען גלייך אנטקעגן דעם רבי'ן וואס איז געזעסן ביים טיש, און האבן אים פשוט נישט געזען**, זיי האבן געשריגן אויף די אנדערע שטוב-מענטשן און געפרעגט "**וואו איז דער אמשינאווער**", און נאכדעם וואס זיי האבן גארנישט געפונען, זענען זיי ארויסגעגאנגען פונעם הויז אן קיין ענטפער.

• • •

**חסידי אמשינאוו האבן דערציילט**, אז פאר דער רבי האט פארלאזט שאנכאי צו פארן קיין אמעריקע, זענען פילע פליטים געקומען זיך געזעגענען און נעמען ברכות פאר די פראבלעמען פון זוכן קרובים און משפחה וואס זענען פארשוואונדן געווארן אין די מלחמה, איינע פון די בחורים האט געהאט פארלוירן אלע קשרים מיט זיין ברודער און מען האט געמיינט אז ער איז אומגעקומען הי"ד.

ווען ער איז אריין צום רבי'ן זיך געזעגענען, האט דער רבי אים געזאגט, "**זארג זיך נישט, דו וועסט פארן קיין ניו יארק, און אין דעם ערשטן חודש וואס דו קומסט אן, וועסטו זיך אנטרעפן מיט דיין ברודער אויף דער גאס**", אזוי איז טאקע געווען, עטלעכע וואכן נאכדעם וואס דער בחור איז אנגעקומען קיין ניו יארק, ווען ער איז געגאנגען אויף א גאס אין מאנהעטן, האט ער פלוצלינג באמערקט זיין ברודער ארויסגיין פון א באנק, און די צוויי ברודער האבן זיך ארומגענומען מיט אומבאשרייבליכע שמחה.

**יארצייט כ' אב**

**הגה"ק רבי פינחס ב"ר שלום זי"ע, (אדלער)**
**בעל פני חסד, אב"ד ראדוואנקא**

ער איז געבוירן אין שטאט סערעדנע, **בשנת תרל"ב**.

צו זיין טאטע הגה"ק **רבי שלום אדלער בעל רב שלום אב"ד סערעדנע** זי"ע.

און צו זיין מאמע **הרבנית הצדקת מרת טשארנא** ע"ה,
בת הגה"ק **רבי יצחק אייזיק הלוי ביללויצער בעל באר יצחק אב"ד נאגי אידא** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי שמואל ביללויצער** זי"ע,
ער איז געווען א **בן אחר בן פונעם של"ה הקדוש** זי"ע.

ער איז געווען א גאון מפורסם בכל אפסי ארץ, גודר גדר ועומד בפרץ, א חסיד ועניו נחבא אל הכלים, א איש קדוש מאוד וצדיק יסוד עולם, בעל דרשן נפלא וואס האט מעורר געווען אידן לאביהם שבשמים, ורבים השיב מעון.

ער האט עוסק געווען בתורה כל ימי חייו, און מרביץ תורה געווען מיט א מסירת נפש פאר הונדערטער תלמידים גאונים און גדולים, צווישן זיינע גרויסע תלמידים איז געווען הרה"ק **רבי אהרן ראטה בעל שומרי אמונים מירושלים** זי"ע.

הרה"ק רבי יוסף אלימלך כהנא מאונגוואר זי"ע, א תלמיד פונעם זיידן הגה"ק רבי יצחק אייזיק ביללויצער זי"ע, האט מעיד געווען אויפן רבין בזה"ל, "**היה גאון הגדול וצדיק מפורסם**".

הרה"ק רבי שאול בראך מקאשוי זי"ע און אויך די ברודער פונעם צדיק רבי פינחס שלום הגה"ק רבי יואב אדלער זי"ע, האבן ביידע מעיד געווען בזה"ל, "**שדרשתיו היה בתוכן מוסר השכל אשר יוצא מלבו הטהור, והיה פה מפיק מרגליות ודרש לפני קהל ועדה, והיה כח גדול לעורר לבבות בני ישראל לאבינו שבשמים**".

ער האט גאר אסאך געליטן מכאובים און יסורים נוראים אין זיין לעבן, און כל ימיו געווען שרוי בצער גדול, אבער מיט דעם אלעם האט ער זיך מוסר נפש געווען פאר תורה, ער האט עוסק געווען מיט א געוואלדיגע התמדה און געלערנט רוב צייט פון טאג, און אויך מיט א מסירת נפש אפילו זייענדיג אין יסורים האט ער ווייטער מרביץ תורה געווען פאר זיינע תלמידים.

ער איז געווען א מוראדיגע עניו און בכלל נישט מחזיק טובה געווען פאר זיך, אפילו זייענדיג א גרויסע גאון און גדול בדורו, האט ער אלעס געטון נאר לשם שמים, ער איז געווען א מסתפק במועט און גארנישט געברויכט פאר זיך, אבער פאר יענעם האט ער זיך אוועק געגעבן מיטן גאנצן הארץ.

צדיקים און גדולים האבן מעיד געווען, אז ער האט זיך געפירט מיט א געוואלדיגע קדושה וטהרה, און געווען א גרויסער יראה ד', אויך איז ער געווען באוויסט אלס א איש המידות, ער האט יעדן איד אויף גענומען מיט א שמייכל און מכבד געווען יעדע מענטש, מען האט דעם צדיק קיינמאל נישט געהערט רעדן שטרענג אדער זיין אין כעס, ער פלעגט זאגן בזה"ל, "**חמץ במשהו הוא אסור רק בפסח, וכעס איסורו במשהו כל השנה**".

ער האט געלערנט אין די ישיבה פון זיין טאטן הגה"ק רבי שלום אדלער בעל רב שלום זי"ע, און דארט אין ישיבה האבן געלערנט גרויסע תלמידים גאונים הגונים, און דארט איז ער געווען באוויסט אלס א גאון עצום בתורה און בהלכה.

מען דערציילט, אז בשנת תרמ"ט ווען מען האט געבויעט דעם גרויסן בית הכנסת אין שטאט בערעגסאז, איז פאר געקומען א דין תורה צווישן די קהלה און די וואס האבן געבויעט דעם ביהמ"ד, און עס איז פאר געקומען דעם דין תורה ביים טאטן הגה"ק **רבי שלום אדלער בעל רב שלום** זי"ע, אויך איז דארט געווען הגה"ק **רבי שמואל דוד אב"ד דיארמאטה** זי"ע.

אזוי אינמיטן דעם דין תורה האט דער רבי זייענדיג נאך א בחור געזאגט זיין חוות דעת לגבי די דין תורה, און דער גאון רבי שמואל דוד זי"ע איז ארויס פון התפעלות פון זיין גאונות און חריפות בהלכה.

און דער רבי שמואל דוד זי"ע האט דאן זייער געוואלט נעמען דעם בחור פאר אן איידעם, אבער פון הימל האט מען אנדערשט געוואלט און א שטיק צייט שפעטער איז דער גאון רבי שמואל דוד זי"ע נסתלק געווארן און דער שידוך איז נישט צישטאנד געקומען.

ער האט חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת ריזל** ע"ה,
בת **מוה"ר ר' יוסף שמואל מאשקאוויטש** זי"ע,
בן **מוה"ר ר' צבי** זי"ע.

נאך זיין חתונה האבן זיך אסאך אידן מדבק געווען צו דעם צדיק, און מען האט אנגעהויבן קומען צו אים לעצה ותושיה און נעמען ברכות.

ער האט קודם זיך אפגעשאקלט דערפון און כסדר געזאגט, אז ער איז באמת נישט ראוי לאותו איצטלא, און עס איז דא צדיקים בדור וואס קענען העלפן, און בכלל האט ער כסדר געזאגט, אז עס איז אים גורם ביטל תורה, און ער זעט באמת נישט פארוואס מען קומט צו אים פאר ברכות.

ער פלעגט זיך אסאך אויסדריקן מיט די ווערטער, אז די גאנצע וועלט מיט אלע תענוגי עולם הזה, קומט נישט צו צי די תענוג פון לערנען איין דף גמרא תוספות, און געזאגט אז ווען ער לערנט און איז זוכה צו מברר זיין איין הלכה, **שפירט ער אזא שמחה ווי כאילו דאס גאנצע וועלט איז זיינס**.

מיט זיין געוואלדיגע צו געלאזענקייט האבן אבער די מענטשן פון שטאט געהאט א יראת הכבוד פאר אים, ער איז געווען באוויסט אלס א גרויסע גאון בתורה און א געוואלדיגע חכם, אידן זענען געקומען פאר עצות אין סיי וואס, אפילו אין מסחר האט ער געהאט א גאר שטארקע פארשטאנד און אידן זענען זיך געקומען שואל עצה זיין במסחר.

מען דערציילט, אז איינמאל איז זיין זון הגה"ק רבי משה יהושע זי"ע זייער קראנק געווארן, און די מצב איז געווען ממש אז מען האט שוין אויף געגעבן אויף אים, האט דער זון זיך געבעטן ביים טאטן, טאטע בעט פאר מיר ביים הייליגן באשעפער אז ער זאל מיר שיקן א רפואה שלימה בקרוב.

די קומענדיגע אינדערפרי האט דער טאטע געזאגט, מיין קינד דאס רחמנות פונעם גרויסן באשעפער איז גאר גרויס, די נאכט האב איך מיך מתוך צער און עגמת נפש זיך צו געלייגט אביסל.

אינדערפרי גלייך ביים אויפשטיין איז מיר אריינגעקומען דעם פסוק אין מויל, **פָּדָה בְשָׁלוֹם נַפְשִׁי מִקְּרָב לִי כִּי בְרַבִּים הָיוּ עִמָּדִי**, און די רבי האט דאס מסביר געווען, **פָּדָה בְשָׁלוֹם נַפְשִׁי**, וואס ר"ת נפשי איז **פינחס בן שלום**, **כִּי בְרַבִּים**, וואס ברבים איז ר"ת **ב'ני מ'שה י'הושע ב'ן ר'יזל**, **הָיוּ עִמָּדִי**, **ער וועט בלייבן מיט אונז**, און כך הוה זיין קינד איז געזונט געווארן.

זיין עבודת התפלה איז געווען מיט א געוואלדיגע התרגשות דקדושה און מיט א קול נעים, אידן וואס האבן געדאווענט מיט אים האבן דערציילט אז עס איז געווען ממש כבן המתחטא עם אביו, ער האט אריינגעלייגט א געוואלדיגע עבודה אינעם דאווענען און מעורר געווען אידן צו תשובה.

אויך זיין עבודה פון חודש אלול ביז נאך די ימים נוראים איז געווען מיט א מוראדיגע פחד פארן יום הדין, ער האט אריין געלייגט גרויסע כוחות און געדאווענט ביז שפעט אריין אונעם טאג.

אפילו בסוף ימיו בעפאר ער איז נסתלק געווארן און ער איז געווען רב אין שטאט, האט ער זיך כסדר אויסגעדריקט מיט די ווערטער, **הלוואי זאך דער באשעפער מיר העלפן אז איך זאל טרעפן א וועג פון זיך אפזאגן פון דאס רבנות, און אזוי וועל איך קענען עוסק זיין נאר אין תורה דעם גאנצן טאג און קענען דינען דעם באשעפער מיט א אמת אן קיין ביטולים**.

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער.

הגה"ק **רבי שלום המגיד מישרים בחבורת ישועת ישראל בקאשוי** זי"ע,
הגה"ק **רבי משה יהושע** זי"ע, ממלא מקום אביו,

הרה"ק **רבי יצחק מאיר** זי"ע,
חתנו הרה"צ **רבי משה רוקח אב"ד קהל אנשי משה דחסידי בעלזא לאנדאן** זי"ע,
חתנו הרה"צ **רבי משה ארי' ראזענבעג אב"ד ראדוואנקא** זי"ע.

זומער בשנת תרצ"ב איז דער צדיק געווארן זייער שוואך און ער איז געפארן זיך אפריען אין שטאט דערענע נעבן סערעדנא, און דארט האט ער ווייטער עוסק געווען בתורה ובעבודה.

נסתלק לגנזי מרומים **כ' מנחם אב בשנת תרצ"ב**, ומנוחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט **ראדוואנקע**.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**אין די אבותינו בולעטין ווערט דערציילט א מעשה נורא**, הרה"ח ר' אברהם יודא האפמאן נ"י האט דערציילט בשם זיין זיידע הרב ר' שלום ראזענבערג שליט"א, אז הרה"ח ר' יוסף פילאף ע"ה וואס איז געווען פונעם שטאט ראדוואנקא האט דערציילט, אז ער איז אמאל צוריק געפארן צו זיין היים שטאט ראדוואנקא יארן נאך די מלחמה, און ווען ער איז אנגעקומען צום ביה"ח האט ער געזעהן א ביטער בילד, **ווי דאס גאנצע ביה"ח איז ליידער חרוב ונחרב געווארן דורך די גוים.**

אבער לפלא האט ער דארט געיענדיג אינעם ביה"ח, **געטראפן דעם ציון און די מצבה פונעם צדיק וקדוש רבי פינחס אדלער בעל פני חסד מראדוואנקא זי"ע, וואס איז געווען כמעט אינגאנצן אומבאריירט**, דארט נעבן די קבר איז געזעצן א אלטע גוי'טע, האט ער געפרעגט פון די גוי'טע וואס זי טוט דא ביים קבר, האט זי געענטפערט, "**די גרויסע רבי וואס ליגט דא האט אונז געהיטן ביי די מלחמה**", ווייל ביי יעדע צרה וואס האט פאסירט ביי אונז אין שטאט, איז מען געגאנגען בעטן ביי דעם קבר, און יעדעס מאל איז מען געהאלפן געווארן.

דערציילט די גוי'טע, אז דערפאר ווען די גויים פונעם געגענט האבן אנגעהויבן חרוב מאכן דעם ביה"ח, און זיי האבן געוואלט אויך פוגע זיין אין דעם קבר, האבן זיך צוזאמען גענומען אלע אלטע מענטשן פונעם שטאט, און מען האט געטון יעדע פעולה וואס מען האט געקענט נישט צולאזן אנרירען דעם קבר, **און דורך דעם איז דער קבר געווען דאס איינציגסטע וואס מען האט נישט חרוב געמאכט אינעם גאנצן ביה"ח.**

• • •

**ווי באקאנט איז דער הייליגער צדיק רבי אהרן ראטה בעל שומרי אמונים מירושלים זי"ע** געווען איינע פון די גרויסע תלמידים פונעם צדיק רבי פינחס מראדוואנקא זי"ע, האבן די תלמידים דערציילט, אז זייער רבי ר' פינחס האט שוין דעמאלט דערקענט די הויכע נשמה און די אויסערגעוויינליכע יראת שמים פונעם בחור אהרן.

און מען דערציילט, אז נאכן שמונה עשרה פלעגט דער ראש ישיבה רבי פינחס הייסן פאר די גאנצע ישיבה צו ווארטן אויף אים, און ווען דער ראש ישיבה האט געזען ווי די בחורים האבן זיך געוואונדערט פארוואס מען ווארט אזוי לאנג אויף איין בחור, האט דער ר"י רבי פינחס מסביר געווען און געזאגט, "**אז מען זעט אויף דעם בחור ווי ער לייגט אריין זיין גאנצע חיות אין דאווענען, ביז עס האט פון אים גערונען שווייס נאך יעדע שמונה עשרה, און ער וועט נאך וואקסן צו איינע פון די צדיקים בדורו**".

• • •

**אינעם קונטרס זכרונות לתולדות חכמי אונגארן ווערט דערציילט**, אז אין זיינע יונגע יארן האט דער גאון רבי פינחס אנגעהויבן זיין לימוד התורה מיט גרויס חשק, ער האט זעהר געוואלט גיין לערנען אין דער ישיבה אין שטאט **וואיע**, וואו זיין עלטערער ברודער האט געלערנט, אבער זיינע עלטערן האבן געהאט אנדערע מחשבות און האבן אים געבעטן ער זאל ליבערשט גיין לערנען אין **ראדוואנקא**.

אין דער גאון זייענדיג שטארק מקפיד אויף די מצוה פון כיבוד אב ואם, האט ער גלייך מבטל געווען זיין אייגענעם רצון און אנגענומען דעם רצון פון זיינע עלטערן, ווען ער איז אנגעקומען קיין ראדוואנקא, האט דער דארטיגער רב גלייך דערקענט זיינע גרויסע כוחות אין תורה, און פון

דארט איז ער נתעלה געווארן **ביז ער איז שפעטער זעלבסט געווארן דער מרא דאתרא און ראש ישיבה אין שטאט**.

• • •

**דער צדיק רבי פינחס מראדוואנקא זי"ע** איז געווען בארימט אלס א גרויסער תלמיד חכם און פוסק וואס האט זיך פארגליכן מיט די גרויסע גאונים פון זיין דור, זיין שם איז געווען אזוי אנגענומען צווישן די גדולי הדור אין אונגארן און גאליציע, אז ווען עס זענען פארגעקומען שווערע ענינים פון עגונות אדער "**היתר מאה רבנים**", פלעגט מען זיך ווענדן צו אים צו באקומען זיין הסכמה און חתימה.

צווישן די גדולי הדור איז אויך געווען **דער הייליגער מנחת אלעזר ממונקאטש** זי"ע און דער גרויסער גאון **רבי שמואל ענגעל פון ראדמישלא** זי"ע, און דער גאון רבי פינחס פלעגט ענטפערן מיט גרויס עניוות אבער מיט אויסערגעווענליכע קלארקייט אין הלכה.

• • •

**אינערהאלב זיינע הנהגות אין ראדוואנקא** איז דער צדיק רבי פינחס געווען בארימט מיט זיין גרויסער הכנעה און עניוות פאר אנדערע תלמידי חכמים, אפילו ווען זיי זענען געווען איינגער פון אים, מען דערציילט, אז ווען א תלמיד חכם אדער א אנגעזעענער רב פלעגט קומען צו פארן קיין אונגווער אדער דורך פארן די שטאט ראדוואנקא, פלעגט רבי פינחס איבערלאזן אלע זיינע ענינים און גיין מקבל פנים זיין דעם אורח כבוד מיט אן אויסערגעווענליכע הכנעה.

ער פלעגט זיך זעצן פאר די גדולי הדור ווי א תלמיד פארן רבי'ן, און זיך אומקוקן מיט גרויס דרך ארץ אויף זייערע דיבורים, ער האט שטענדיג געזאגט פאר זיינע תלמידים, אז מען דארף אפשעצן יעדן איד וואס הארעוועט און מיטשעט זיך אין תורה, און זיך לערנען פון יעדן מענטש, און דאס איז געווען ווי אזוי דער צדיק האט זיך זיין גאנץ לעבן געפירט, ער האט יעדן תלמיד חכם מכבד געווען מיט א געוואלדיגע הכנעה און באמת געשעצט זייער תורה.

• • •

**חוץ פון זיין גרויסקייט אין פסק'נען הלכות** אויף א גאר וואונדערליכן אופן, איז דער צדיק געווען בארימט מיט זיינע אינערליכע כוחות און עבודת התפילה, די תלמידים אין ישיבה אין ראדוואנקא האבן דערציילט, אז ווען דער רב פלעגט שטיין ביים עמוד אדער ביים מזרח וואנט אין בית המדרש בשעתן דאווענען ימים נוראים אדער אפילו ביי א פשוטן שבת דאווענען, **פלעגט מען זען אויף זיין פנים אן ענדערונג פון די גשמיות'דיגע וועלט**.

ער האט געדאווענט מיט אן אמת'ער מתיקות און שטילע התלהבות וואס האט מעורר געווען די גאנצע סביבה צו תשובה, די השפעה פון זיין דאווענען האט איבערגעלאזן א טיפן רושם אויף אלע תלמידי הישיבה אריינגערעכנט זיין תלמיד חביב הרה"ק **רבי אהרן ראטה בעל שומרי אמונים** זי"ע, וואס האט שפעטער איבערגעגעבן **די יסודות פון עבודת התפילה מיט אש קודש פאר זיינע תלמידים**.

• • •

**אין די יארן נאך די ערשטע וועלט-קריג**, ווען די מצב הכלכלי אין די שטעטלעך ארום אונגווער איז געווען גאר שווער און פילע ישיבות האבן זיך געפלאגט צו עקזיסטירן, האט דער צדיק רבי פינחס זיך נישט אונטערגעגעבן צו די חומריות'דיגע דרוקן און האט אויף אייגענע אקציעס און מוסר נפש געהאלטן די ישיבה אין ראדוואנקא אפן.

ער פלעגט זארגן נישט נאר פאר דעם רוחניות'דיגן חלק פון די בחורים צו לערנען מיט זיי שיעורים בעיון און לערנען מוסר מיט די בחורים און אריינברענגען יראת שמים און אהבת השם אין די תלמידים, נאר ער האט זיך אויך מטפל געווען צו באזארגען אז די בחורים זאלן האבן צו עסן בהרחווה כדי זיי זאלן האבן כוח צו דינען דעם באשעפער, אויך פאר די בחורים וואס זענען געקומען צו זיין ישיבה פון אנדערע שטעטלעך, האט ער זיי באזארגט מיט אלע געברויכן, כדאי זיי זאלן קענען זיצן און לערנען אומגעשטערט.

• • •

**אינעם קונטרס זכרון לדורות ווערט דערציילט**, אז חוץ זיין גרויסקייט אין שולחן ערוך, איז דער צדיק רבי פינחס געווען בארימט מיט זיין גרויס רחמנות און פארשטאנד צו פארשטיין די נשמה פון יעדן איד, איינמאל איז געקומען פאר זיין בית

דין א דין תורה צווישן א גביר און א ארימאן איבער א גרויסן סכום געלט, **בעת דעם דין תורה האט דער גביר זיך אויסגעדריקט מיט אביסל זלזול כלפי דעם ארימאן**.

דער צדיק רבי פינחס האט גלייך אפגעשטעלט די טענות, און מיט א געוואלדיגע ערנסקייט און מיט א אמת'קייט געזאגט פארן גביר, "**אין מיינע אויגן זענט איר ביידע גלייך, אבער דער אייבערשטער האט דיר געגעבן עשירות כדי צו העלפן אנדערע, נישט צו ניצן דאס געלט אלס א שטעקן**", ער האט שטילערהייט ארויסגענומען אייגענע געלט פון זיין קאסע צו העלפן דעם ארימאן ארויסגיין פון זיין דחקות, כדי די פשרה זאל געמאכט ווערן מיט א שלום און ישרות הדין.

• • •

**אין הקדמת שו"ת פני חסד ווערט געברענגט,** אז די געוואלדיגע פארשטאנד און ישרות אין לערנען פונעם גאון וקדוש רבי פינחס מראדוואנקא זי"ע זענען געווען לשם ולתפארת צווישן די חכמי אונגארן, מען דערציילט, אז איין נאכט בעת ער איז געזעסן פארטיפט אין א שווערער סוגיה אין מסכת בבא קמא, איז אנגעקומען א תשובה פון איינעם פון די גדולי הדור וואס האט געפרעגט זיין חוות דעת אויף א שווערע עגונה-שאלה.

דער גאון האט זיך אריינגעטאן אינעם שאלה און גאר שווער געארבעט צו מברר זיין די תשובה, דער צדיק רבי פינחס האט זיך נישט אפגעשטעלט און איז געזעסן א גאנצע נאכט ביז פארטאגס צו מעיין זיין אין כללי הפוסקים, ווען זיין אשת חיל האט אים געבעטן ער זאל זיך אביסל אפרוהן, האט ער געענטפערט מיט זיין געוואלדיגע אהבת ישראל בזה"ל, "**ווי אזוי קען איך שלאפן, ווען א יתומה אדער אן עגונה ווארט אויף א היתר, און די תורה הקדושה גיט אונז די כוח צו ברענגען פאר איר א ישועה**", ער האט זיך אריינגעלייגט אינעם ענין מיטן גאנצן כוח, ביז ער האט אויסגעקלארט דעם ענין און ארויסגעקומען מיט א פסק הלכה.

• • •

**אין ספר סיפורי חסידים ואנשי מעשה ווערט דערציילט**, אז כאטש דער צדיק האט זיך געהאלטן פאר א פשוט'ער מרביץ תורה און זיך אלץ באהאלטן פון פורסם אדער רעביסטעווע, האט אמאל פאסירט, ווען א איד פון די ארומיגע דארפער פון ראדוואנקא איז אריינגעקומען צו אים מיט א שווער הארץ איבער זיין איינציג קינד וואס איז געווען גאר קראנק, און די דאקטוירים אין אונגווער האבן זיך שוין מייאש געווען, דער צדיק רבי פינחס איז זייער באנומען געווארן פון דעם איד'ס צער, און באמת מיט געשפירט יענעם'ס ווייטאג.

אבער דער צדיק האט זיך אנטזאגט צו געבן א הבטחה אדער באווייזן א מופת, אבער ער האט געזאגט פאר דעם איד, "**איך בין בלויז א מלמד תורה, אבער לאמיר צוזאמען זאגן עטלעכע קאפיטלעך תהילים און לערנען א משנה פאר דעם בחור'ס רפואה**", נאכן דאווענען מיט אמת'דיגע דמעות, האט ער אים געגעבן א ברכה מעומק הלב, און בדרך פלא איז דאס קינד קורץ דערנאך געזונט געווארן, און דער איד האט שפעטער מעיד געווען, **אז די פשוט'ע הכנעה און די אמת'דיגע דמעות פונעם רב האבן זיכער געברענגט די ישועה.**

**יארצייט כ"א אב**

**הרה"ק רבי אלכסנדר סענדר ב"ר יצחק אייזיק זי"ע, (אייכנשטיין) בעל זכרון דברים, מקאמארנא**

ער איז געבוירן אין שטאט סאפרין, **בשנת תק"ל.**

צו זיין טאטן הרה"ק **רבי יצחק אייזיק ספרין מזידיטשוב קאמארנא** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי אלכסנדר מסטבניק** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי צבי** זי"ע,
חתן הגה"ק **רבי יום טוב ליפמאן הלוי בעל תוספות יו"ט מקראקא** זי"ע,
נכד הגה"ק **רבי ישעי' הלוי איש הורוויץ בעל השל"ה הקדוש** זי"ע.

און צו זיין מאמע **הרבנית הצדקת מרת הינדא** ע"ה,
בת הרה"ק **רבי צבי** זי"ע.

אויף די מאמע די צדקת מרת הינדא ע"ה דערציילט מען, אז זי איז געווען מפורסם מיט איר געוואלדיגע צדקת, און זי איז יעדע נאכט אויף געשטאנען און אויך אויפגעוועקט די קינדער צו תיקון חצות.

ער איז געווען א איש אלקים קדוש ונורא, בעל רוח הקודש נפלא אספקלריא המאירה גדול ונורא, ער איז געווען א גאון עצום וחריף נפלא בנגלה און א בקי עצום בחכמת הנסתר, ער איז געווען א קדוש וטהור און עוסק געווען אין תיקון נשמות און יחידים קדושים, און עוסק געווען אין עבודת השם מיט א אש דקדושה, ער איז געווען מפורסם אלס א מופת עצום און א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ.

ער האט געהאט א דרך הלימוד, אז ער האט קיינמאל נישט דערמאנט ביים לערנען די שיטת פון די מפרשים מיט א ראשי תיבות, ווי למשל **רמב"ם**, האט ער ארויס געזאגט "**רבינו משה בן מימון**", **רבינו הרא"ש**, האט ער ארויס געזאגט "**רבינו אשר בן יחיאל**", און אזוי אלע מפרשי הש"ס און הלכה, און ער האט געזאגט, אז ער האט זיך מיט דעם מדבק געווען נפש בנפש מיט יחודים מיט די שורש נמשות פון די אלע גאונים בתורה.

ביי די 7 יאר האט ער שוין געקענט די דריי בבות מיט אלע מפרשים בעל פה, אויך איז ער שוין געווען א בקי אין שו"ע, ער איז שוין דאן געווען באוויסט אלס א גאון און גדול בתורה און א חריף עצום.

ער האט רוב פון זיין לעבן געלעבט און א מורא'דיגע דחקות, און ממש נישט געהאט קיין ברויט צו עסן, אבער ער האט דאס מקבל געווען באהבה און מיט א שמחה, **ער איז אייביג געווען בשמחה און געמאכט אנדערע בשמחה**, דאס מידה פון כעס האט נישט עקזיסטירט ביי דעם צדיק, ער האט געלעבט מיט א געוואלדיגע עניוות, ער האט זיך באמת געהאלטן אלס א שפל ביי זיך אין די אויגן.

ער האט חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת חנה** ע"ה,
בת הרה"ק **רבי יעקב משה** זי"ע,
חתן הרה"ק **רבי יעקב קאפיל מליקאווע** זי"ע, דער זיידע פון הרה"ק **החוזה מלובלין** זי"ע.

הרה"ק החוזה מלובלין זי"ע האט געזאגט אויף דעם צדיק רבי סענדרל מקאמארנא זי"ע, "**אז ער איז געווען פון די ל"ו צדיקים בדורו**".

ער האט משמש געווען אלס אב"ד **זידיטשוב** פאר א שטיק צייט, און דערנאך איז ער געווארן רב אין שטאט **זוראבנה**.

בשנת תקע"ב סוף ימיו איז ער געווארן רב אין שטאט **קאמארנא**, און דארט איז ער געווען ביז צו זיין הסתלקות, ער האט דארט גאר אסאך מרביץ תורה געווען סיי בתורת הנגלה און אויך גאר אסאך בתורה הנסתר, ער איז געווען פארעכענט פון די גרעסטע גאונים בתורת הנסתר.

ער איז אסאך געפארן זיך מסתופף זיין בצלו פון די הייליגע תלמידי בעש"ט הקדוש זי"ע, ובתוכם הרה"ק **המגיד ממעזריטש** זי"ע און הרה"ק **רבי זאב וואלף מזבאריז** זי"ע און נאך אסאך תלמידי בעש"ט, זיין **רבו מובהק** איז געווען הרה"ק **החוזה מלובלין** זי"ע, נאך די פטירה פונעם הייליגען חוזה האט ער זיך מדבק געווען אין הרה"ק **רבי צבי הירש מזידיטשוב** זי"ע, און אויך איז ער געווען גאר שטארק מקושר צום **הייליגען ישמח משה מאוהעל** זי"ע.

ווי באקאנט האט דער מאמע פונעם צדיק וקדוש הרה"ק רבי הערשעלע ליסקער זי"ע, באקומען א ברכה פונעם צדיק הרה"ק רבי סענדר'ל מקאמארנא זי"ע, אז זי זאל זוכה זיין צו א הייליגען קינד וואס זאל באלייכטן די וועלט, און זכות פון איר מסירת נפש און צדקות.

און עס איז טאקע געווען א גאר שטארקע קשר צווישן רבי אייזיק'ל מקאמארנא און רבי הערשעלע ליסקער זי"ע, **עד כדי כך אז די צוויי צדיקים האבן זיך געהאלטן אלס ברודער'ס**.

בשנת תקע"ח איז דער הייליגער צדיק געפארן קיין אונגארן, און דער זון הרה"ק בעל היכל הברכה זי"ע דערציילט, אז דאן איז ער געווען בערך 12 יאר אלט, און ער מיט די טאטע האבן דאן געוויינט פאר 7 טאג ברציפות, ווייל דער זון האט נישט געוואלט אז דער טאטע זאל פארן קיין אונגארן, ווייל ער האט שוין דאן מרגיש געווען אז דער טאטע גייט דארט נסתלק ווערן.

אבער דער טאטע האט דאן מגלה געווען פארן זון, **אז כבר נגזרה גזירה אז ער זאל נסתלק ווערן פון די וועלט אפילו זייענדיג נאר 48 יאר אלט**, און דער טאטע האט אים דאן אן געזאגט אפאר הנהגות ווי אזוי ער זאל זיך פירן, איינס איז געווען אז ער זאל גיין שבת קודש מיט ווייסע מלבושים ביז די דרייסיג יאר, אויך ווען ער קומט אן צו רוב שנותיו זאל ער לייגן רש"י און ר"ת תפילין ביי תפילות שחרית.

און דאן האט דער טאטע איבער געגעבן די כתבים פון אים, און געהייסן אז ער זאל דאס דריקן, און ער זאל דעם ספר ריפן מיטן נאמען "**זכרון דברים**", און דער הייליגער היכל הברכה זי"ע האט געזאגט, אז דאן ווען ער האט זיך געשייד פונעם טאטן, האט זיך געפילט ווי א נשמה שיידט זיך פונעם גוף.

די טאטע איז דאן געפארן קיין אוהעל אין אונגארן, און דארט איז ער קראנק געווארן, און שבת קודש פרשת עקב ביי שלש סעודות, אפאר שעה בעפאר די פטירה, האט דער צדיק שוין מרמז געווען אויף זיין הסתלקות, **און מוצאי שבת קודש כ"א מנחם אב איז דער צדיק וקדוש נסתלק געווארן**.

מען דערציילט, אז בשעת די לוי' נאנט צום קבירה, איז געקומען א שליח מיט א בריוו, און דארט איז געשטאנען אז דער זון הרה"ק **מהרי"א** איז ליידער אריין געפאלן אין בעט און איז מסוכן קראנק, אבער ליידער איז שוין דער טאטע נישט געווען בחיים, האט מען דעם בריוו געגעבן פארן הייליגען ישמח משה זי"ע, וואס איז דאן געווען דער רב אין אוהעל.

דאן איז דער ישמח משה צו געגאנגען צום מיטה פון דעם צדיק, און מזכיר געווען מיט טרערן פארן טאטן, אז זיין זון איז קראנק און ברויך א ישועה, האט דער ישמח משה דערציילט, **אז מען האט געזעהן ווי דער צדיק שאקלט צו מיט קאפ, ווי ער שטימט איין פאר די רפואה פארן זון**, ווי דער ישמח משה האט געזעהן אז עס איז א עת רצון, האט ער אויך מזכיר געווען, אז כלל ישראל ברויך אויך רחמי שמים מרובים, א**בער דא האט שוין דער צדיק שוין נישט צוגעשטימט**.

מען דערציילט, אז נאכן פטירה פונעם צדיק איז דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע, וואס איז שוין נסתלק געווארן דריי יאר בעפאר, געקומען אין חלום צום ברודער הרה"ק רבי צבי הירש בעל עטרת צבי מזידיטשוב זי"ע, און מגלה געווען, **אז דער הייליגער ברודער רבי סענדר'ל איז געווען פון די ל"ו צדיקים בדור, און אז ביי זיין יציאת נשמה האט ער מייחד געווען די יחודים וואס די עשרה הרוגי מלכות האבן מייחד געווען**.

דער זון הרה"ק רבי אייזיק'ל מקאמארנא זי"ע האט געזאגט, **אז אויפן קבר פונעם טאטן זי"ע זעט מען יעדן ערב שבת קודש נאך חצות היום, א עמוד של אש וואס דערגרייכט ביזן הימל**.

זיינע הייליגע דברי תורה זענען געדריקט געווארן דורך זיין הייליגע זון הרה"ק רבי אייזיק'ל זי"ע אונעם **ספר זכרון דברים**.

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע קינדער.

הרה"ק **רבי יצחק אייזיק יהודה יחיאל סאפרין בעל היכל הברכה מקאמארנא** זי"ע, ממלא מקום אביו,
הרה"ק רבי **קאפיל מווערצקי** זי"ע,
חתנו הגה"ק **רבי יהוסף הלוי ראטטענבערג אב"ד קאזיווע** זי"ע,
חתנו הרה"ק **רבי אשר** זי"ע.

נסתלק לגנזי מרומים **כ"א מנחם אב בשנת תקע"ח**, ומנוחתו כבוד איז אין **ביה"ח הישן אין שטאט אוהעל**, נעבן דעם הייליגען ישמח משה זי"ע.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**הרה"ק רבי אייזיק'ל מקאמארנא זי"ע האט פארציילט,** אז זיין טאטע ר' סענדר'ל האט נישט געהאט קיין בן זכר, און זיין טאטע ר' סענדר'ל איז געווען א תלמיד פון דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע, ער פלעגט כסדר בעטן פין זיין גרויסן רבין דער הייליגער חוזה, אז ער זאל אים אויספויעלען א בן זכר, איינמאל האט דער חוזה געזאגט פאר ר' סענדר'ל, **אויב דו ביזט מסכים צו פארלאזן די וועלט יונגערהייט, קען איך דיר אויס פועל'ן א גרויסע נשמה, אבער דו וועסט נישט קענען זיין צוזאמען מיט אים אויף די וועלט א לאנגע צייט**, ר' סענדר'ל האט מסכים געווען און ר' אייזיק'ל קאמארנער זי"ע איז דאן געבוירן געווארן.

ווען ר' אייזיק'ל איז געווארן בערך צען יאר, האט זיין טאטע זיך געזעגנט פון אים און ער האט געזאגט אז ער דארף פארן קיין אונגארן, (קאמארנא איז דעמאלס געווען א טייל פון פוילן), זיין טאטע האט געזעהן ברוח קדשו אז ער דארף נסתלק ווערן אין דעם שטאט אוהעל, האט ער זיך געזעגנט פון זיין זון, און זיי האבן ביידע געוויינט, ווייל זיי האבן ביידע געוואוסט וואס דאס געזעגענען מיינט, ר' סענדר'ל איז טאקע נסתלק געווארן אין שטאט אוהעל, און דארט ליגט ער אין דער זעלבע אוהל צוזאמען מיט דעם הייליגען ישמח משה זי"ע.

ר' אייזיק'ל קאמארנער איז געבליבן א יתום און ער האט זיך געוואלגערט פון איין פלאץ צום צווייטן, ויהי היום, און זיין פעטער, דער הייליגער צדיק הרה"ק רבי צבי הירש בעל עטרת צבי מזידיטשוב זי"ע האט געלאזט רופן ר' אייזיק'ל קאמארנער און ער האט אים געזאגט, **אז פון היינט אן זאל ער בלייבן ביי אים, און ער וועט לערנען מיט אים, און ער וועט זיך אומקוקן אויף אים אזוי ווי אויף אן אייגן קינד**.

האט דערציילט דער פעטער דער עטרת צבי זי"ע פארן צדיק רבי אייזיק'ל זי"ע, אז יענע נאכט האט ער געחלומ'ט, ווי ער קומט ארויף אויבן אין גן עדן, און ער גייט אריין אין א גרויסע היכל, וואו עס זענען געזעצן אסאך צדיקים, דער ראש פון די היכל איז געווען דער הייליגער "**בית יוסף**", צווישן די צדיקים איז אויך געזעצן דיין טאטע ר' סענדר'ל זי"ע, וואס דאס אליין איז געווען א חידוש נפלא פארן הייליגען עטרת צבי זי"ע, אז דער רבי סענדרל זי"ע איז שוין און אזא קורצע צייט פון די פטירה, אנגעקומען אין אזא הויכע היכל בעולם העליון.

און אזוי ווי איך בין אריין געקומען אין די היכל, האט זיך דער בית יוסף אויף געשטעלט און ער האט געזאגט, "**ברוך הבא ר' הערשעלע זידיטשויבער**", און דער בית יוסף האט געבעטן אז איך זאל זאגן א דבר תורה.

איך האב געענטפערט אז דא אין דעם היכל זיצן דאך גרויסע תלמידי חכמים וואס זענען עוסק בעיקר אין נגלות התורה, און איך בין עוסק בעיקר אין סתרי תורה, פון דעסט וועגן וועל איך זאגן א דבר תורה בנגלות התורה אויף די וואכעדיגע סדרה.

אזוי ווי איך האב געענדיגט די תורה האט מיר דער בית יוסף געזאגט, "**גוט האסטו מחדש געווען אין די הייליגע תורה**", נאכדעם האט מיר דער בית יוסף געזאגט, "**ר' הערשעלע זידיטשויבער, דיין ברודער ר' סענדר'ל וואס זיצט דא, האט מיר געבעטן אז איך זאל דיר זאגן, אז ער האט איבער געלאזט א קליין קינד אויף יענע וועלט, און קיינער קוקט זיך נישט אום אויף אים, און ער האט נישט ווער זאל לערנען מיט אים תורה, ער בעט פון דיר אז דו זאלסט לערנען מיט אים**", איך האב געענטפערט אז איך בין מקבל אויף מיר, צו לערנען מיט אים, און אזוי האב איך מיר אויף געכאפט פון שלאף.

און דעמאלס האט ער געלאזט רופן ר' אייזיק'ל, און ער האט אנגעהויבן צו לערנען מיט אים, ער איז געווען זיין **רבו מובהק** אזוי ווי מען טרעפט אין די פילע ספרים פון ר' אייזיק'ל קאמארנער, ווי ער ברענגט אן א שיעור תורות פון זיין רבי זיין פעטער **ר' הערשעלע זידיטשויבער** זי"ע.

• • •

**דער זון הרה"ק רבי אייזיק'ל מקאמארנא זי"ע האט געשריבן** אין זיין ספר נתיב מצותיך, אז די טאטע זי"ע האט רוב פונעם טאג געלערנט איינגעהילט אין טלית ותפילין, און געלערנט תורה מיט א גוואלדיגע קדושה, ער האט טעגליך געלערנט זיין סדר הלימוד בש"ס און די מפורשים ראשונים און אחרונים, און דערנאך האט ער געלערנט טור און שו"ע עם נושאי כלים, און מרוב מתיקות התורה האט דער צדיק וקדוש געקענט פארגעסן פון עסן.

איינמאל האט דער טאטע פארגעסן צו עסן פון מוצאי שבת קודש ביז דאנערשטאג, און ווען זיין תלמיד הרה"ק רבי יהודה צבי מראזלא זי"ע איז אריין צום רבין און געפרעגט פארוואס די רבי איז זיך מסגף און עסט נישט, דאן האט דער צדיק מיט גרויס עניוות געזאגט, **איך האב בכלל נישט בכוונה געוואלט פאסטן, נאר מיטן לערנען תורה האט איך געפילט אזוי זאט, אז איך האב בכלל נישט געפילט אז איך פאסט, און ווען איך וואלט געוויסט וואלט איך געגעסן**.

• • •

**ווערט דערציילט**, אז בעפאר די פטירה פון הרה"ק רבי סענדער'ל מקאמרנא זי"ע, האט ער איבער געגעבן פאר די חברא קדישא א בריוו, און געהייסן **אז מען זאל דאס אויפמאכן כ"ח תמוז תר"א, בערך 23 יאר נאך זיין פטירה**.

כ"ח תמוז בשנת תר"א ווען מען האט דאס געעפענט, איז דארט געשטאנען, אז ער שרייבט בצוואה פאר די חברה קדישא, אז ער בעט, **אז ווער עס ווערט נפטר דעם טאג זאל מען לייגען נעבן אים, און לפלא יענעם טאג איז דער הייליגער ישמח משה זי"ע נסתלק געווארן**.

• • •

**דער זון הרה"ק רבי אייזיק'ל זי"ע דערציילט**, אז דאס הונגער אין שטוב ביים טאטן איז געווען ממש נישט צו אויסהאלטן, עס האט געקענט דורך גיין טעג וואס מען האט ממש נישט געהאט קיין שום זאך אין מויל צו נעמען.

איינמאל איז דורך א גאנצע מעת לעת וואס די קינדער האבן אין שטוב נישט געהאט גארנישט וואס צו עסן, אבער דער טאטע זי"ע איז געווען פארטיפט אין א שווערע סוגיא, און דאס פנים האט אים געברענט מיט א אש דקדושה, און דעם קומענדיגן טאג האט אים דער טאטע צוגערופן און עוסק געווען מיט אים אין א סוגיא און מיט דעם פראבירט צו איינשטילען זיין הונגער, ווי דער טאטע האט כסדר געזאגט אז מיט תורה קען מען זיך אנזעטיגן.

אבער ווען דער טאטע האט געזען אז דאס קינד איז ממש מסוכן, און אויב ער וועט נישט האבן עפעס וואס צו נעמען אין מויל וועט ער זיין אין א סכנה, האט דער טאטע געהייסן, **אז ער זאל גיין צום שכנ'טע, און בעטן אז זי זאל בארגן עפעס צו עסן**, רבי אייזיק'ל האט געזאגט אז בדרך הטבע וואלט דער שכן שוין מער נישט געבארגט קיין עסן אפילו מיט א משכון, אבער אז דער טאטע הייסט איז ער אריבער צום שכן.

אנקומענדיג צום שכן, האט ער אויפן טרעפ באגעגענט א גוי וואס איז דארט געזעצן, און דער גוי פרעגט אים, "**מיין קינד ווילסט ברויט און ברוינפען**", האט רבי אייזיק געזאגט יא, און דער גוי האט אים געגעבן ברויט און ברוינפען, און פון גרויס הונגער האט ער נישט געלייגט קיין געוויכט ווער דער גוי איז, אבער ווען ער איז צוריק געקומען צום טאטן, האט דער טאטע אים געזאגט, "**קוק דיך אן, האסטליידער נישט זוכה געווען צו זען אליהו הנביא ז"ל, נאר געקליידעט אלס א גוי**".

• • •

**די מאמע פון הרה"ק רבי צבי הירש מליסקא זי"ע איז געווען**, די צדקת שרה ע"ה, וואס מען האט געריפן מיטן נאמען "**שרה די בעקערין**", ווערט דערציילט פון צדיקים ווי אזוי די צדקת האט זוכה געווען צו אזא הייליגע זון ווי רבי הערשעלע ליסקער זי"ע.

ווען די מאמע איז געווען א מיידל איז זי געווען א יתומה און זי האט געוואוינט אינעם זעלבן שטאט ווי דער צדיק וקדוש רבי סענדרל מקאמארנא זי"ע, און די מאמע האט געדינט אלס א משרת ביי א איד אין שטוב, אינעם שטאט האבן געוואוינט אסאך גרויסע מתנגדים, וואס האבן ליידער גאר שטארק מצער געווען דעם צדיק מקאמארנא, מען האט כסדר אנגעדרייט שטיקלעך צו מבזה זיין דעם צדיק און געברענגט גאר אסאך צער און עגמת נפש פארן צדיק.

איינמאל האט איינער פון שטאט ליידער געוואלט איינמאל פאר אלעמאל מסדר זיין דעם צדיק, האט ער געזיכט פאר א פרוי פון שטאט, וואס זאל קומען עדות זאגן ביים בית דין, אז דער צדיק האט ח"ו עובר געווען אויף א הארבע עבירה, דער איד איז געקומען צו די צדקת שרה, און אן געטראגען א גרויסע סכום געלט אלס שוחד, אז זי זאל עדות זאגן קעגן דעם צדיק, און די צדקת האט מסכים געווען.

אבער ווען מען האט דעם צדיק געברענגט צום בית דין, האט די צדקת, אנשטאט עדות זאגן קעגן רב, האט זי ארויס גענומען דאס געלט, און געזאגט פאר די בית דין, **דא האט איר דאס געלט וואס מען האט מיר געגעבן אז איך זאל עדות זאגן קעגן דעם רב, און וויבאלד איך האב מורא געהאט אז אפשר וועט א אנדערע מיידל זיך נישט קענען איינהאלטן און עדות זאגן פאלש קעגן דעם רב, האב איך געזאגט אז איך בין מסכים, אבער דער רב איז א ערליכער און הייליגער איד.**

מען האט טאקע ריינגעוואשן דעם רב דער צדיק רבי סענדרל מקאמארנא זי"ע, און דער צדיק האט דאן געגעבן א ברכה פארן די צדקת שרה די בעקערין, **אז זי זאל זוכה זיין צו אראפ ברענגען א הייליגע נשמה אויף די וועלט, וואס וועט באלייכטן די אויגן פון אידישע קינדער און פויעלן גרויסע ישועות פאר אידן**, און דער קינד איז געווען דער גרויסער און הייליגער צדיק **רבי הערשעלע ליסקער** זי"ע.

• • •

**ווען דער זון דער צדיק רבי אייזיק'ל מקאמארנא זי"ע** האט גענדיגט דעם ספר עשירית האיפה, איז ער געווען אינגאנצן 30 יאר אלט, איז ער געפארן קיין אונגווער צו בעטן א הסכמה פון הגה"ק **המהר"ם א"ש** זי"ע, ווען ער איז אנגעקומען קיין אונגווער און געגעבן דעם ספר פארן גאון, האט דער גאון געזעהן פאר זיך א פשוטע יונגערמאן און ער האט אים נישט אויף גענומען כראוי, און געזאגט, אז ער וועט מוזען איבער טראכטן אויב ער קען געבן זיין הסכמה אויפן ספר, אבער רבי אייזיק'ל האט דעם ספר אראפגעלייגט אויף דעם עמוד ווי דער גאון דאווענט.

ביינאכט האט דער גאון דער מהר"ם א"ש געזעהן אין חלום דעם טאטן הרה"ק רבי סענדר'ל זי"ע, און ער זאגט פארן גאון, **וויסן זאלסטו אז דער אינגערמאן וואס איז געקומען נעמען דעם הסכמה, איז א איש קדוש און די זאלסט אים מכבד זיין און נישט אהיים שיקן אן קיין הסכמה.**

ווען דער גאון האט זיך אויפגעוועקט, האט ער נישט געוויסט אויב דאס איז סתם א חלום אדער עס איז אמת, האט ער אפ געמאכט ביי זיך, אז וויבאלד ער האט א ענין פונעם **ספר תורת כהנים**, וואס איז א פלוגתא צווישן דעם ראב"ד און אנדערע ראשונים, וואס ער מיטשעט זיך שוין א לאנגע צייט און קען דאס נישט פארשטיין, האט ער געטראכט, אז ער וועט מעיין זיין אינעם ספר פון דעם אינגערמאן, און אויב וועט אים פאר ענטפערט ווערן די פלוגתא, וועט ער וויסן אז די חלום איז נישט סתם א חלום.

ער איז צו געגאנגען צום ספר וואס איז געלעגען אויפן עמוד און דאס אויף געמאכט, האט ער געזעהן, **אז די בלאט וואס איז געווען איינגעקנייטשט פון דעם פריערדיגען טאג, איז דער ענטפער אויף דעם פלוגתא, און דער מחבר פונעם ספר איז דאס מסביר בטיב טעם ודעת**, ווען דער גאון האט דאס געזעהן האט ער זייער מכבד געווען דעם רבין און געגעבן א הסכמה אויפן ספר.

• • •

**די מאמע די צדקת מרת הינדא ע"ה**, איז געווען מפורסם מיט איר געוואלדיגע צדקת און ערליכקייט, זי האט דעם גאנצן טאג עוסק געווען במסחר און צו געהאלפן מיט די פרנסה אין שטוב, כדי דער מאן דער צדיק זאל קענען נאר עוסק זיין בתורה ועבודת השם, זי האט כסדר עוסק געווען מיט איר צדקה וחסד, זי האט אויף גענומען די געסט וואס זענען דורך געפארן דעם שטאט, און זיי געגעבן מיט א שמחה עסן און טרינקען, אבער ביינאכט פלעגט די צדקת אויפשטיין און געוויינט מיט בכיות און געקלאגט אויף גלות השכינה און צרות ישראל, און אזוי האט זי אויך מחנך געווען איר הייליגע קינדער.

צדיקים האבן דערציילט, אז דער טאטע וואס איז געווען א גאון אין הכנסת אורחים און צדקה וחסד, ער האט מקפיד געווען נישט צו עסן א סעודה אן האבן א גאסט ביים טיש, אבער איינמאל איז אנגעקומען א גאסט צום טאטן אין שטוב, און פונקט דאן האט דער צדיק עוסק געווען אין א

מצווה פון פדיון שבויים, און דערפאר האט ער נישט געהאט קיין געלט צו קויפן עפעס צו מכבד זיין דעם גאסט.

די רעבעצין ווען זי האט געזען דעם צער פון איר גרויסע מאן, אז ער קען נישט מכבד זיין א גאסט, איז זי שנעל געלאפן און געבארגט פון א שכן עסן, אז מען זאל קענען מכבד זיין דעם גאסט, האבן צדיקים געזאגט, **אז דער גאסט איז געווען אליהו הנביא ז"ל, און ער האט דאן געגעבן א ברכה פאר די רעבעצין און איר הייליגע מאן, אז עס זאל ביי זיי געבוירן ווערן 5 קינדער צדיקים און קדושים, וואס זאלן באלייכטן די וועלט און די אויגן פון כלל ישראל.**

• • •

עס ווערט דערציילט אז דער טאטע הרה"ק רבי יצחק אייזיק מסאפרין זי"ע האט זיך אויף דער עלטער אמאל דערוועקט, און דער צדיק האט אנגעהויבן קרעכצן, האט אים די רעבעצין די צדקת הינדא ע"ה געפרעגט פארוואס ער קרעכצט אזוי, האט דער צדיק מיט זיין גרויס עניוות געזאגט, **מיר ווערן עלטער און מיר האבן נישט מיט וואס ארויף צו גיין אויפן עולם האמת.**

האט די רעבעצין געענטפערט מיט חכמה, עס שטייט דאך אין פסוק (במדבר כ' י"ט) **בַּמְסִלָּה נַעֲלֶה**, וואס די ראשי תיבות פון דעם ווארט **בַּמְסִלָּה** באטרעפט **די נעמען פון אונזער 5 הייליגע קינדער**, און זייער זכות וועלן מיר קענען ארויף גיין גאר הויער אין גן עדן צום עולם שכולו טוב.

הרה"ק רבי ישכר **ב'עריש** מזידיטשוב זי"ע,
הרה"ק רבי **מ'שה** בעל תפלה למשה מסאמבור זי"ע,
**הרה"ק רבי אלכסנדר ס'ענדר בעל זכרון דברים מקאמארנא זי"ע,**
הרה"ק רבי **ל'יפא** מסאמבור זי"ע,
הרה"ק רבי צבי **ה'ירש** בעל עטרת צבי מזידיטשוב זי"ע.

• • •

**אין ספר היכל הברכה ווערט געברענגט**, אז איינמאל האט דער הייליגער החוזה מלובלין זי"ע גערופן זיין תלמיד מובהק רבי סענדרל מקאמארנא זי"ע, און אים געזאגט, "**סענדרל! זעה צו שרייבן פאר דיר א ספר תורה מיט דיין אייגענער כתב יד קדשו**", רבי סענדרל, זעענדיג דערין א הויכע סגולה און א ציווי פון זיין רבין, האט זיך תיכף אריינגעווארפן אין דער ארבעט מיט א קדושה וטהרה, **און האט מיט גרויסע כוונות געשריבן א גאנצע ספר תורה מיט זיין אייגענער האנט**.

אבער ליידער נישט אסאך נאכן ענדיגן דעם ספר תורה איז דער צדיק רבי סענדרל נסתלק געווארן יונגערהייט, און ער האט נישט זוכה געווען צו ניצן דעם ספר תורה פאר צו לאנג, און זיין זוהן דער הייליגער היכל הברכה זי"ע, ברענגט דעם סיפור, און פירט אויס מיט א הארץ-רייסנדן טייטש אויפן מאמר חז"ל בזה"ל.

"**הכל תלוי במזל אפילו ספר תורה שבהיכל**", אז אפילו דאס ספר תורה וואס זיין הייליגער טאטע רבי סענדרל האט געשריבן און מקיים געווען וואס זיין גרויסע רבי דער הייליגער חוזה מלובלין האט געהייסן שרייבן אלס סגולה, איז געבליבן ליגן אין **היכל** (אין **ארון קודש**) און דעם וואס ער זאל זוכה זיין אין דעם צו ליינען פארן עולם פאר א לאנגע צייט, וועגן זיין פריצייטיגע הסתלקות.

• • •

**אין ספר מגילת סתרים ווערט דערציילט** א מורא'דיגע מופת פונעם צדיק רבי סענדרל מקאמארנא זי"ע, איינמאל איז רבי סענדרל געפארן אויף א נסיעה קיין אונגארן, אויפן וועג איז ער איינגעשטאנען ביי א נגיד און גביר א ירא שמים, דער גביר האט זיך מזכיר געווען מיט טרערן פארן צדיק און זיך באקלאגט, אז זיין איינציגער זון לייט רחמנא ליצלן מיט א שווערע קראנקייט אויפן אטעם, און די דאקטוירים האבן זיך שוין מייאש געווען פון זיין לעבן.

דער צדיק רבי סענדרל זי"ע האט געבעטן מען זאל אים אריינפירן צום קינד'ס בעט, און דער צדיק האט זיך פארקוקט אויפן קינד מיט זיין קדושה, זיך מתבודד געווען א קורצע צייט, און דאן געזאגט צום פאטער מיט גרויס בטחון, "**זארג זיך נישט, דאס קינד וועט לעבן און ערפילן אלע זיינע יארן**", און דער צדיק רבי סענדרל האט אים געגעבן א ברכה און א סגולה, און נאר א קורצע צייט נאכדעם וואס דער צדיק איז אוועקגעפארן, איז דאס קינד אינגאנצן געזונט געווארן כאילו לא היה!, **און דער מופת האט געמאכט א גרויסן רעש אין גאנץ אונגארן.**

• • •

**אין ספר זכרון לראשונים ווערט דערציילט**, אז דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע האט עטליכע מאל באנוצט דעם כח פון זיין תלמיד מובהק רבי סענדרל צו פועל'ן ישועות פאר אידן וואס האבן געליטן פון גזירות קשות, און די תלמידים האבן דערציילט אז ווען עס פלעגן קומען קיין לובלין אידן מיט שווערע צרות (אזעלכע וואס מען האט אין הימל געהאט גזירות אויף זיי), פלעגט דער הייליגער חוזה מלובלין זאגן, "**שיקט דעם קוויטל צו סענדרל'ן, ער האט די מפתח פונעם שער הרחמים**".

איינמאל איז געקומען א איד וואס האט געזאלט פארלירן זיין גאנצע פארמעגן און אנגעקלאגט געווארן ביי די רעגירונג, רבי סענדרל זי"ע האט געהומען דעם קוויטל, מעיין געווען דערין, און אים איבערגעזאגט פונקטליכע פרטים וואס דער ריכטער און פראקוראר וועלן אים פרעגן אין בית המשפט, און אים אנגעזאגט פונקטליך וואס צו ענטפערן, דער איד האט גארנישט פארשטאנען, אבער ער האט געפאלגט דעם צדיק, און **ביים משפט איז פונקטליך אזוי געשען, ביז די שופטים האבן אים געלאזט גיין פריי חוץ לדרך הטבע**.

• • •

**אין ספר נתיב מצותיך ווערט געברענגט**, אז דער זוהן רבי אייזיקל קאמארנער זי"ע ברענגט עטליכע מאל אין זיינע ספרים, אז זיין טאטע רבי סענדרל זי"ע האט געקענט זעהן דעם שורש נשמה פון מענטשן און האט געקענט פועל'ן רפואות וישועות נאר דורך זיין קוקן אויפן מענטש'נס פנים (**חכמת הפרצוף בקדושה**).

און דער זוהן רבי אייזיקל דערציילט, אז גלייך ווען דער טאטע רבי סענדרל האט אנגעהויבן פירן די רביסטעווע אין קאמארנא, פלעגן קומען צו אים מאסן אידן, חולים, עקרות, און בעלי חובות, און ער פלעגט מיט זיין גרויסן כח און קדושה משפיע זיין רפואות וישועות למעלה מן הטבע, און ער האט געזאגט, **אז ווילאנג א איד האט אמונה פשוטה אין די חכמים, קען מען איבערדרייען די גאנצע בריאה לטובה**.

• • •

**עס ווערט דערציילט אין די ספרי תולדות קאמארנא**, אז אין איינע פון די יארן ווען רבי סענדרל זי"ע האט געוואוינט אין זיין געגנט, איז געווען א פריץ (א גראף) א רשע וואס האט ארויסגעגעבן גזירות אויף די אידישע ישובים ארום, און ער האט געוואלט ארויסווארפן עטליכע אידישע משפחות פון זייערע הייזער אין מיטן קאלטן ווינטער ווייל זיי האבן נישט געהאט צו באצאלן די רענט פאר די ארענדעס.

די אידן זענען געקומען צו לויפן צום הייליגן צדיק רבי סענדרל מיט גרויס געוויין, רבי סענדרל האט זיך אריינגעזעצט אין זיין חדר המיוחד, פארמאכט די טיר, און מעיין געווען אין זיין ספר תורה אדער אין די חכמת הקבלה, נאך א ווײלע איז ער ארויסגעקומען צו די אידן מיט א שמייכל און געזאגט, "**גייט אהיים בשלום, דער פריץ וועט אייך גארנישט קענען טאן**", יענעם נאכט איז דער פריץ פלוצלונג באפאלן געווארן מיט א גרויסן פחד און א שווערע מחלה, ביז ער האט געשיקט רופן די אידן און זיי אינגאנצן מוחל געווען דעם חוב, און צוגעזאגט אז ער וועט זיי מער נישט טשעפען.

• • •

**אין ספר נוצר חסד ווערט געברענגט**, אז דער זוהן דער הייליגער היכל הברכה מקאמארנא זי"ע, ברענגט עטליכע מאל אין זיינע חיבורים, וועגן די הויכע דרגות פון זיין טאטן רבי סענדרל בשעת'ן דאווענען.

ער דערציילט אז ווען רבי סענדרל זי"ע פלעגט דאווענען, פלעגט זיין פנים ברענען ווי א לפיד אש, דורך זיין אש-להב'דיגן דאווענען מיט מסירות נפש, פלעגט ער זעהן די קלארע הנהגה פון די עולמות העליונים, און ער פלעגט אומווארפן און ממתיק זיין אלע מקטרוגים און דינים פון הימל פון אויף כלל ישראל, פיל אידן וואס זענען געשטאנען נעבן דעם צדיק בשעת'ן דאווענען האבן געפילט א הרהור תשובה און א גרויסע התעוררות, און פיל קראנקע זענען נתרפא געווארן פשוט פון זיין דאווענען און קוקן אויפן צדיק'ס פנים.

• • •

**אין ספר נתיב מצותיך ווערט געברענגט**, אז איינמאל איז געקומען א אורח קיין קאמארנא וואס האט זיך פארגעשטעלט אלס א תלמיד חכם און א צדיק, און אלע מענטשן אין שטאט האבן אים מכבד געווען מיט גרויס כבוד.

ווען דער גאסט איז אריין לקודש פנימה פון רבי סענדרל זי"ע, האט דער צדיק אים נאר אנגעקוקט מיט זיינע הייליגע גלוי עיניים, און תיכף געזאגט פאר זיינע גבאים, **אז דער מענטש באהאלט אין זיך א שווערע עבירה און ער דארף טאן א גרויסע תשובה**, דער מענטש האט זיך תיכף געגומען וויינען מיט ביטערע טרערן, און ער האט זיך מתוודה געווען פארן צדיק אין פריוואט, און רבי סענדרל האט אים געגעבן א תיקון תשובה און אים מקרב געווען מיט גרויס רחמנות ביז ער איז געווארן א בעל תשובה גמור.

• • •

**אין ספר נוצר חסד ווערט דערציילט**, אז כאטש דער צדיק רבי סענדרל זי"ע איז געווען א קדוש עליון און א גרויסער מקובל, האט ער מיט זיין ענווה גאר שטארק באהאלטן זיינע הויכע מדרגות, און ווילאנג זיין רבו מובהק דער הייליגער החוזה מלובלין זי"ע, איז געווען בחיים, האט רבי סענדרל זיך אלץ געהאלטן ווי א פשוטער תלמיד און זיך מבטל געווען אינגאנצן פאר זיין רבין.

אבער נאך דער הסתלקות פונעם חוזה מלובלין בשנת תקע"ה, זענען די גרויסע תלמידים און צדיקי הדור ובראשם זיינע הייליגע ברודער'ס, **דער הייליגער עטרת צבי מזידיטשוב** זי"ע און **רבי יהודה צבי מראזלא** זי"ע געקומען צו אים און אים ממש געצוואונגען איבער צו נעמען די הנהגה און פירן רביסטעווע אין שטאט קאמארנא.

זיין זוהן דער הייליגער היכל הברכה זי"ע דערציילט, אז ווען זיין טאטע רבי סענדרל האט ענדליך אנגעהויבן פירן די עדה, האט זיך אנטפלעקט זיין מורא'דיגער כח, מענטשן פון גאנץ גאליציע און אונגארן האבן געשטראמט קיין קאמארנא, און ער האט באוויזן אפענע מופתים פון רוח הקודש, גילוי עתידות, און פועל'ן ישועות למעלה מן הטבע פאר אלע וואס זענען געקומען זיך מזכיר זיין מיט קוויטלער.

• • •

**אין ספר נתיב מצותיך ווערט געברענגט**, איבער די גרויסער התעוררות דקדושה וואס איז געווען אין קאמארנא ביי דעם יומא דהילולא פון **התנא האלקי רבי שמעון בר יוחאי ע"ה ל"ג בעומר**, רבי סענדרל זי"ע, זייענדיג עוסק בתורת הנסתר און זייענדיג א בקי נפלא בתורת הקבלה, פלעגט פראווען דעם יום טוב ל"ג בעומר מיט אן עילאישער שמחה וואס מען האט ערגעץ אנדערש נישט געזען.

איינמאל ביי די הדלקה און ביים טיש פון ל"ג בעומר, איז דער בית המדרש געווען איבערגעפילט מיט חסידים, רבי סענדרל האט אנגעהויבן זינגען די זמירות און פיוטים לכבוד רשב"י, און זיין פנים האט אנגעהויבן ברענען ווי א לפיד אש ממש.

די חסידים וואס זענען דארט געשטאנען האבן דערציילט, **אז מען האט געפילט אין בית המדרש אן עקסטערע קדושה און אן הערליכער ריח טוב, כאילו מען שטייט אינעם אתרא קדישא מירון**, ביים טיש האט ער אנגעהויבן משפיע זיין ברכות פאר אלע אנוועזענדע, פאר עקרות צו געהאלפן ווערן מיט זש"ק, און פאר קראנקע צו האבן א רפואה שלימה, און יענעם יאר זענען אלע זיינע דיבורים מקוים געווארן איינס ביי איינס.

• • •

**אינעם ספר זכרון דברים ווערט דערציילט**, אז בשעת זיין הסתלקות לגנזי מרומים אין יונגן עלטער, כ"א באב בשנת תקע"ח, זענען די הייליגע ברודער און תלמידים געשטאנען ארום זיין בעט מיט א צעבראכן הארץ, און האבן איינגעריסן בעולמות העליונים אז די רבי דער צדיק רבי סענדרל זאל נאך בלייבן משפיע זיין פאר זיי תורה און קדושה.

ממש איידער יציאות נשמה, האט דער צדיק רבי סענדרל זי"ע חיזוק געגעבן פאר זיין משפחה און פאר די חסידים, און ער האט איבערגעלאזט א צוואה און א הבטחה, אז ער וועט נישט פארגעסן פון די וואס זענען דבוק אין זיינע קינדער און אין זיינע ספרים, ער האט געזאגט **אז ווער עס וועט לערנען אין זיין ספר "זכרון דברים" און זיך מדבק זיין אין זיין דרך פון תורה און קדושה, וועט ער זיין א מליץ יושר פאר אים אין הימל צו פועל'ן בני, חיי ומזוני רוויחי**, און זיין זוהן דער הייליגער היכל הברכה, פלעגט זיך תמיד מיחס זיין מיט זיין טאטן רבי סענדרל **און דערמאנענען דעם זכות פאר יעדער ישועה.**

**יארצייט כ"א אב**

**הגה"ק רבי חיים ב"ר יוסף דוב הלוי זי"ע**
**(סאלאוויטשיק)**
**בעל חידושי הגר"ח, אב"ד בריסק**
**"הנקרא ר' חיים בריסקער, אדער רבי חיים"**

ער איז געבוירן אין שטאט וואלאזין, **ט"ו אדר בשנת תרי"ג**.

צו זיין טאטע הגה"ק **רבי יוסף דוב סאלאווייטשיק** זי"ע, הנקרא **ר' יאשע בער**,
בן הגה"ק **רבי יצחק זאב הלוי אב"ד קאוונא** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי יוסף אב"ד קאוונא** זי"ע,
חתן הגה"ק **רבי חיים מוולוז'ין** זי"ע.

און צו זיין מאמע **הרבנית מרת צירל** ע"ה,
בת הגה"ק **רבי יצחק עפרון** זי"ע פון די נכבדי העדה אין **וואלאזשין**.

ער איז געווען א גדול וגאון עולם בתורה און א עמקן נפלא, ער איז געווען צווישן די גרעסטע גאונים בתורה בדורו, ער איז געווען א איש קדוש מאוד וואס איז געווען מופרש פון אלע תעניגי עולם הזה, דער גאון איז געזעצן און עוסק געווען בתורה יומם ולילה מיט א געוואלדיגע התמדת התורה, דער גאון איז געווען א בעל יראת שמים מרובים, ער האט מרביץ תורה געווען פאר טויזענטער תלמידים גאונים וגדולים בתורה מיט א געוואלדיגע מסירת נפש און מיט א געוואלדיגע איבער געגעבנקייט.

דער גאון האט בימיו אריין געברענגט א נייעם דרך הלימוד אין די עולם הישיבות וואס האט קלאר געמאכט גאר אסאך שווערע סוגיות הש"ס, און עד היום הזה איז זיין דרך הלימוד דעם עיקר דרך הלימוד אין אסאך גרויסע ישיבות אין די וועלט, ער איז געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע אהבת ישראל, דער גאון רבי חיים האט יעדן איד מקבל פנים געווען בסבר פנים יפות, זיין מידות הצדקת וחסד איז געווען עד אין לשער, דער גאון האט אוועק געטיילט כמעט זיין גאנצע געלט פאר ארימעלייט און צובראכענע אידן, און ווען ער האט נישט געהאט מער קיין געלט, האט דער גאון זיך אנגעבארגט מיט גרויסע סכומים, נאר כדי צו קענען ווייטער אנגיין מיט זיינע צדקות.

זיין טאטע דער גאון וקדוש רבי יאשע בער זי"ע איז געווען א איש קדוש מאוד און א גאון עולם בתורה, און דער קינד חיים האט זוכה געווען צו קונה זיין גאר אסאך תורה פון זיין הייליגען טאטן, דער טאטע זעהענדיג דאס גדלות בתורה פון זיין זוהן, האט אריין געלייגט גאר אסאך כוחות אינעם זוהן נאך זייענדיג גאר יונג, און טאקע גאר יונג איז דער רבי חיים שוין געווען באוויסט אלס א עילוי עצום בתורה, גרויסע גדולים בתורה וואס זענען דאן געקומען צום טאטן קיין סלוצק זענען שטארק נתפעל געווען פון דעם יונגן עילוי און פון זיין טיפע הבנה בתורה.

ביי די 5 יאר אלט איז דער קינד חיים שוין געווען מפורסם מיט זיין גדלות וחריפות בתורה, דאן האט דער טאטע זיינער רבי יאשע בער זי"ע גענומען פארן קינד א מלמד הגה"ק **רבי אברהם המלאך** זי"ע, שפעטער איז ער אריבער לערנען ביים הגה"ק **רבי דוד בלינדער** זי"ע, און דארט איז דער קינד גאר שטארק געוואקסן אין תורה.

בשנת תרכ"ה ווען ער איז געווען בערך 12 יאר אלט, האט זיך זיין טאטע דער גאון וקדוש רבי יאשע בער זי"ע אוועק געצויגען פון שטאט **וואלאזין** צוליב די מחלוקה מיטן גרויסן ראש ישיבה דער הייליגער נצי"ב, און דאן האט זיך דער טאטע אריבער געצויגן וואוינען אין שטאט **סלוצק**, און דארט איז די טאטע געווארן רב אלס ממלא מקום פינעם גאון הגה"ק **רבי יוסף פיימר** זי"ע.

דארט אין סלוצק האט דער טאטע גענומען פארן זוהן א מלמד הגה"ק **רבי מענדל סלוצק** זי"ע, וואס איז געווען פון די תלמידים פין רבי חיים מוולוז'ין זי"ע און א גאר נאנטער ידיד מיטן טאטן רבי יאשע בער, און דעם גאון רבי מענדל מסלוצק זי"ע האט רבי חיים בריסקער זי"ע געהאלטן פאר זיין **רבו מובהק**, און דער גאון רבי חיים בריסקער זי"ע האט שפעטער געזאגט, **אז פון דעם רבין האט ער מקבל געווען זיין דרך און שיטת הלימוד**.

דארט אין סלוצק איז דער יונגער גאון רבי חיים גאר שטארק געוואקסן בתורה ובקדושה, ער איז שוין דאן געווען באוויסט אלס א בקי וחריף עצום בתורה, ער האט דארט געלערנט בחברותא מיט אסאך גאונים בדורו ובתוכם הגה"ק **רבי זלמן סנדר כהנא שפירא אב"ד קרינקי** זי"ע, הגה"ק **רבי**

**יוסף ראזין דער רוגאטשובער גאון** זי"ע, הגה"ק **רבי אברהם אליהו קפלן מברלין** זי"ע.

ער האט דארט עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה, ער האט יעדן טאג געלערנט צוויי שיעורים וואס ער האט כמעט יעדן טאג געלערנט **60 בלאט גמרא מיט רש"י תוספות**, און אויך ספרי רמב"ם און טור שולחן ערוך בעיון, די נאכט פון זיין בר מצווה האט דער גאון געלערנט **90 בלאט גמרא פין מסכת זבחים**, און די פשעטל ביי די בר מצוה איז געווען אינעם סוגיא פון נבילות וטריפות, און זיין טאטע דער גאון וקדוש רבי יאשע בער זי"ע איז ממש ארויס פון התפעלות פין די פשעטל און ער האט זי איסגעדריקט אויפן זוהן בזה"ל, "**בן חכם ישמח אב**".

ווינטער בשנת תרל"ג ווען דער גאון רבי חיים איז געווען 20 יאר אלט, איז זיין מאמע די צדקת צירל ע"ה נפטר געווארן, ביי די שבעה איז געקומען הגה"ק רבי נפתלי צבי יהודה ברלין בעל הנצי"ב זי"ע מנחם אבל זיין דעם טאטן און דעם זוהן, און זייענדיג מנחם אבל דעם טאטן האט דער הייליגער נצי"ב מציע געווען, אז ער וואלט זייער געוואלט נעמען דעם זוהן חיים אלס איידעם פאר זיין אייניקל **הרבנית הצדקת מרת שרה** ע"ה, בת חתנו הגה"ק **רבי רפאל שפירא** זי"ע, וואס האט דאן געדינט אלס **משנה ראש ישיבה אין ישיבת וואלאזין**, און די טאטע האט מסכים געווען צום שידוך, און די חתונה איז פאר געקומען אין שטאט וואלאזין סוף יאר בשנת תרל"ג.

נאך די חתונה איז דער גאון געזעצן בערך 5 יאר אויף קעסט ביים שווער אין וואלאזין, יענע צייט איז דער גאון רבי חיים געזעצן רוב טאג ביים זיידן אין ישיבה, און אפילו נישט דינענדיג אלס מגיד שיעור אין די ישיבה, האבן זיך אבער אסאך תלמידים פון די ישיבה מדבק געווען אין דעם גאון און עוסק געווען מיט דעם גאון בתורה איבערן טאג ובתוכם איז געווען הגה"ק **רבי שמעון שקופ** זי"ע.

נאך 5 יאר בערך בשנת תרל"ט האט זיך דער גאון רבי חיים אריבער געצויגען פאר בערך א יאר קיין **בריסק** ווי זיין טאטע האט דאן געדינט אלס רב, דארט האט דער גאון געלערנט בחברותא מיטן גאון הגה"ק **רבי יעקב יצחק הנקרא ר' איצילה מפוניבז** זי"ע.

נאך זייענדיג גאר יונג האט דער גאון רבי חיים זי"ע אנגעהויבן אריין ברענגען זיין נייע דרך הלימוד בחריפות ופלפול, וואס דאס איז געווען א גרויסע חידוש בימיו, אסאך גאונים וגדולים בדורו האבן זיך אנפאנג שטארק ארויס געשטעלט קעגן דעם דרך הלימוד, אבער מיט די צייט האט דער גרויסער גאון רבי חיים מיט זיין גרויסע כוח התורה באוויזן צו טוישן דעם דרך הלימוד אין רוב ישיבות, און עד היום הזה לערנט מען אין רוב ישיבות דעם דרך הלימוד אדער כאטש א חלק פון די לימודים זענען אויף זיין דרך.

בערך בשנת תר"מ ווען זיין שווער דער גאון רבי רפאל שפירא זי"ע האט איבער גענומען אלס ממלא מקום פון זיין ברודער רבי לוי זי"ע אלס רב אין שטאט **נובו אלכסנדרובסק**, האט מען אויף גענומען דעם איידעם רבי חיים אלס משנה ראש ישיבה צו זיין זיידן דער הייליגער נצי"ב זי"ע אין ישיבה אין וולאזין, און אפילו דער גאון איז דאן געווען נאר 27 יאר אלט, האט מען דעם גאון גאר שטארק מכבד געווען און מעריץ געווען דארט אין ישיבה.

דער גאון האט יענע צייט לוחם געווען קעגן די משכילים וואס האבן גע'פועל'ט ביי די רעגירונג אז מען זאל ברויכן לערנען לימודי חול אין די חדרים און ישיבות, דער גאון האט זיך ארויס געשטעלט בתוקף און מרעיש עולמות געווען אז מען זאל ח"ו נישט אריין ברענגען קיין לימודי חול אין די ווענט פון די הייליגע ישיבות ווי מען איז מחנך די קומענדיגע דורות, אויך האט דאן אויס געבראכן א שטארקע מחלוקה אין די ישיבה צוליב וואס מען האט דאן געוואלט אויף נעמען דעם זון פונעם נצי"ב הגה"ק **רבי חיים ברלין** זי"ע אלס ראש ישיבה.

אבער ליידער ה' שבט בשנת תרנ"ב איז דורך די גזירה פין די רעגירונג, און וויבאלד מען האט נישט געוואלט מסכים זיין צו לערנען לימודי חול אין די ישיבות, האט מען פארשלאסן די ישיבה אין שטאט וואלאזין, און די שטאט האט דאן גוזר געווען א גזירות גירוש אויף אלע ראשי ישבות, איז דער גאון רבי חיים דאן אריבער קיין **בריסק** דארט ווי זיין טאטע האט דאן געוואוינט.

ד' אייר בשנת תרנ"ב איז זיין גרויסע טאטע הגה"ק רבי יאשע בער זי"ע נסתלק געווארן, און

מען האט דאן אויף גענומען דעם זוהן הגה"ק רבי חיים זי"ע אלס ממלא מקום אלס רב אין שטאט **בריסק**, אבער וויבאלד דער גאון האט נאך דאן נישט געהאט סמיכה להוראה, און דער גרויסער גאון הגה"ק **רבי אליהו חיים מייזל מלודז** זי"ע, איז דאן געווען אין שטאט בריסק און האט מספיד געווען דעם טאטן רבי יאשע בער זי"ע, און ער האט דאן פארהערט דעם גאון רבי חיים זי"ע, און ממש ארויס פון התפעלות פין זיין גאונות וחריפות בתורה, **און האט אים דאן געגעבן סמיכה להוראה**.

אבער אפילו ער האט באקומען היתר הוראה האט ער נישט געוואלט דינען אלס מורה הוראה אין שטאט, האט ער דאן אויף גענומען אלס דיין ומורה הוראה אין שטאט הגה"ק **רבי שמחה זעליג ריגר** זי"ע, און דער גאון רבי חיים האט כסדר געזאגט, אז דער תפקיד פון א רב איז זיך אפ צו געבן מיט די צרכים פון די אידן פון שטאט, און דער גאון אפילו זייענדיג עוסק די גאנצע מעת לעת בתורה ועבודת השם, האט ער אבער גאר אסאך עוסק געווען בצדקה וחסד אויף א גאר געהויבענע מדרגה.

דער גאון חוץ זייענדיג דער גאון וגדול הדור בתורה, איז ער אויך געווען א גאון וגדול הדור בצדקה וחסד, ער האט זיין גאנצע געלט פארטיילט פאר ארימעלייט, און ווען ער האט נישט געהאט גענוג געלט צו געבן האט ער זיך אנגעבארגט מיט גרויסע געלטער, נאר כדי צו קענען ווייטער ארויס העלפן פאר צובראכענע אידן, ער האט באפוילן צו לאזן זיין האלץ-קאמער אייביג אפען, כדי די ארימעלייט פון שטאט זאלן קענען נעמען האלץ וויפיל זיי האבן געברויכט.

האט זיך אמאל געמאכט אז די ראשי קהלה פון שטאט האבן געזעהן אז די קאסטן פון די האלץ איז געוואקסן גאר שטארק, און זיי זענען אריין צום רב רבי חיים זיך אפ רעדן אז מען ברויך די האלץ-קאמער פארמאכן ווייל זיי קענען מער נישט דעקן די קאסטן, האט דער גאון געזאגט, אז אויב גייט מען פארשליסן דעם האלץ-קאמער, וועט ער הייסן מען זאל זיין שטוב אויך נישט הייצן, ווייל ווי אזוי קען ער זיצן אין א ווארעמע שטוב און בשעת מעשה ווייסט ער אז ביי די ארימעלייט איז ביטער קאלט, און בלית ברירה האבן די ראשי קהלה געמיזט לאזן ווייטער דעם קאמער אפען פאר די ארימעלייט.

דער גאון רבי חיים בריסקער זי"ע חוץ וואס ער איז געווען א גאון וגדול בתורה שאין כדגמתו, איז דער גאון אויך געווען א למדן נפלא בתורה, זיין יגיעת התורה איז געווען מיט א געוואלדיגע התמדה און פלאגעניש העכער אלע באגריפן און השגות, מען דערציילט פיל ענינים, ווי מען האט געזעהן ווי דער גאון האט זיך באמת מיגיע געווען אין תורה, **מען האט געקענט זעהן ווי אין א קאלטע ווינטער טאג איז דער גאון רבי חיים געווען אריינגעטון אין לערנען, און עס האט זיך געגאסן שווייס פין זיין שטערן**, און כמה פעמים האט מען געזעהן, ווי דער גאון האט ארויף געלייגט זיין הייליגען קאפ אויף א פארפרוירענע שטיין, **ווייל זיין קאפ איז ממש געווען איבערגעהיצט פין זיין עמקות התורה**.

דער גאון רבי חיים בריסקער זי"ע האט מרביץ תורה געווען פאר זיינע תלמידים מיט א געוואלדיגע מסירת נפש און האט זיך באמת אוועק געגעבן פאר זיינע תלמידים מיטן גאנצן הארץ, יעדער תלמיד האט געהאט ביי דעם גאון א אפען טיר און האט געקענט צו קומען צום רבין סיי וועו, און דערפאר האט דער גאון זוכה געווען ארויס צו געבן תלמידים גאונים וגדולים בתורה וואס האבן ווייטער ממשיך געווען זיין דרך הלימוד און זיין תורה וקדושה פאר דורו דורות ובתוכם.

בנו הגה"ק **רבי יצחק זאב** הנקרא **ר' וועלוועלע מבריסק** זי"ע,

הגה"ק **רבי ברוך בער לייבאוויץ ראש ישיבת קאמעניץ** זי"ע,

הגה"ק **רבי אלחנן וואסערמאן בעל קובץ שיעורים** זי"ע,

הגה"ק **רבי חיים עוזר גרודזינסקי בעל שו"ת אחיעזר מווילנא** זי"ע,

הגה"ק **רבי איסר זלמן מעלצער בעל אבן האזל מסלוצק** זי"ע,

הגה"ק **רבי יחזקאל אברמסקי בעל חזון יחזקאל אב"ד לאנדאן** זי"ע,

הגה"ק **רבי אליעזר יהודה פינקל ראש ישיבת מיר** זי"ע.

כאטש וואס דער גאון רבי חיים איז געקומען פינעם ליטווישן חדר, האט ער אבער געהאט א

געוויסע ווארעמקייט צי חסידות, דער גאון וקדוש רבי חיים בריסקער זי"ע איז גאר נאנט געווען מיט די ליובאוויטשער רבי **דער הייליגער רש"ב** זי"ע, און זיי פלעגן אפט שמועסן עניני חסידות, אזוי אויך מיטן **מלאך** וואס איז שפעטער ארויס געקומען קיין אמעריקא, ווי אויך האט זיך ר' חיים געגרויסט מיט דעם, אז זיין זיידע הגה"ק **רבי חיים מוואלאזין** זי"ע איז נישט געווען פון די תלמידי הגר"א **וואס האבן אונטער געשריבן אויפן חרם קעגן די חסידים**.

דער גאון רבי חיים בריסקער זי"ע איז געווען באוויסט מיט זיין געוואלדיגע התנגדות קעגן ציונות, ער איז ארויס געקומען גאר שארף קעגן זיי און לוחם געווען גאר שטארק קעגן זיך מדבק זיין ח"ו אין די רשעים וואס האבן ליידער אפ געפירט א גרויסע חלק פון כלל ישראל, אויך האט זיך דער גאון ארויס געשטעלט קעגן די אגודה וואס מען האט דאן אויף געשטעלט כאילו מען גייט דא צוזאמען נעמען די ערליכע אידן קעגן די ציונים, און מען קען זעהן די ווערטער וואס דער גאון האט געזאגט וועגן ציונות בזה"ל, "**בנידון כת הציונים שנתחברו ונתאגדו עתה בחזקה, ולא אבוש מלאמר כי לא אדע איך למצוא מסילות לצאת נגדם, אחרי כי האנשים הלא מהם נודעים במקומותם לרעה, ותכליתם כבר הודיעו ופרסמו כי הוא לעקור יסודי הדת**".

בשנת תרע"ד ביי די ערשטע וועלט מלחמה איז די שטאט בריסק געווען זייער נאנט צום גרעניץ ווי די דייטשן האבן מלחמה געהאלטן מיט די רוסין, האט זיך דער גאון דאן פאר בערך דריי יאר געצויגען קיין **מינסק** ביז נאך די מלחמה.

צו פארשטיין אביסל דאס עניוות און שפל ברך פון דעם גרויסן גאון וקדוש רבי חיים בריסקער זי"ע איז ראטזאם צו שרייבן, אז דער גאון האט זיך קיינמאל נישט פאריפן אלס **אב"ד בריסק**, אפילו זייענדיג א גאון וגדול בתורה און אלע גאונים בדורו האבן זיך גערעכנט מיט זיינס א פסק הלכה און מיט זיין מיינונג ווען עס איז געקומען צו סיי וואס בעניני הדת, האט אבער דער גאון זיך קיינמאל נישט אונטער געשריבן **אלס רב פין בריסק**, חוץ איינמאל דערציילט דער זוהן רבי וועלוועלע זי"ע, ווען דער טאטע איז געגאנגען מחזק זיין א אלמנה, האט דער גאון געשיקט זאגן פאר די אלמנה, "**דער בריסקער רב קומט**", ווייל ער האט געוויסט אז דאס גייט דערפרייען די אלמנה.

איינע פון די זאכן וואס זענען געבליבן פינעם גאון רבי חיים בריסקער זי"ע איז געווען, אז ער האט כסדר מיקל געווען ווען עס איז געקומען צו שאלות אויף פאסטן, ווען איינער וואס איז געווען זייער שוואך און עס איז געווען א סכנה צו פאסטן, האט דער גאון זייער גרונג געגעבן א היתר נישט צו פאסן, ווען מען האט גע'מוסר'ט דעם גאון היתכן ער איז מיקל אין די דינים פון פאסטן, האט דער גאון געזאגט, **אדרבה איך בין מחמיר אין עניני פיקוח נפש**.

ער האט איבער געלאזט פאר די וועלט זיינע הייליגער חיבורים וואס באלייכטן די אויגן פין אידישע קינדער עד היום.

**חידושי רבנו חיים הלוי**, **חידושיו על הרמב"ם**,
**חידושי הגר"ח**, **חידישיו על הש"ס**,
**מגנזי הגר"ח**, **שיעורים**,
**שיעורי רבינו חיים הלוי**, **שיעורים שמסר בוואלאזין**,
**כתבי רבינו חיים הלוי**.

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער.

הגה"ק **רבי ישראל גרשון** זי"ע, הי"ד, ער איז ליידער אומגעקומען על קידוש השם ביי די מלחמה,
הגה"ק **רבי משה** זי"ע,
הגה"ק **רבי יצחק זאב** זי"ע,
בתו **הצדקת מרת ראשה** ע"ה, אשת הגה"ק **רבי צבי הירש דב גליקסון ר"מ תורת חיים בווארשא** זי"ע,
הגה"ק **רבי יצחק זאב סאלאוויטשיק אב"ד בריסק** זי"ע, הנקרא **ר' וועלוועלע בריסקער**, ממלא מקום אביו, חתן הגה"ק **רבי חיים אויערבאך** זי"ע.

סוף ימיו איז דער גאון רבי חיים בריסקער זי"ע געווען זייער שוואך און לצורך רפואה האט דער גאון געברויכט כסדר גיין צום שטאט ליבוי, די דאקטוירים האבן געזאגט דאן פארן גאון, אז פאר זיין געזונט זאל ער נישט זיך אנשטרענגען מיטן לערנען תורה, ווי חז"ל זאגן בטלה מביאה לידי שיעמום, און דער גאון נישט וועלענדיג מבטל זיין

די צייט, האט ער זיך דאן אריין געלייגט אין מאטאמאטיק און פיזיקה, און יענע צייט איז דער גאון געווען באוויסט אלס א בקי אין די חכמות.

ווינטער בשנת תרע"ח איז דער גאון ליידער געווארן זייער קראנק, און דאן האט ער זיך אריבער געצויגן קיין **ביאליסטוק**, און אביסל שפעטער איז ער אריבער קיין **אטבוצק** וואס איז נישט ווייט פון ווארשא, דער גאון האט דאן געשיקט מכתבים פאר די גאוני הדור ובתוכם הגה"ק **רבי ישראל מאיר הכהן בעל חפץ חיים מראדין** זי"ע, חמיו הגה"ק **רבי רפאל שפירא** זי"ע, הגה"ק **רבי שמחה זעליג ריגר דומ"ץ בריסק** זי"ע, אז זיי זאלן אים אינזין האבן **פאר א רפואה שלימה בקרוב**.

נסתלק לגנזי מרומים **כ"א מנחם אב בשנת תרע"ח**, ומנחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט **ווארשא** נעבן זיין זיידע הגה"ק בעל הנצי"ב מוולוז'ין זי"ע.

הגה"ק רבי יעקב טייטלבוים בעל קול יעקב מוויען זי"ע האט דערציילט, אז דער גאון ופוסק הדור הגה"ק רבי מאיר אריק זי"ע האט מספיד געווען דעם גאון וקדוש רבי חיים בריסקער זי"ע האט ער געזאגט בזה"ל, "**מיטן פטירה פונעם גאון רבי חיים בריסקער זי"ע האט מען פארלוירן, דעם עמוד התורה, עמוד העבודה, און עמוד גמילות חסדים**".

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## מעשיות

**בערך בשנת תרע"ה ביים אנהייב פון די ערשטע וועלט מלחמה**, האט מען אין שטאט בריסק געכאפט פינף אידן וואס מען האט אויף זיי געמאכט א בלבול, און די רוסישע מלוכה האט די אידן ליידער אריינגעווארפן אין תפיסה, דער בריסקער רב רבי חיים זי"ע האט זיך דערוויסט, **אז פאר די סומע פון פינף טויזנט רובל קען מען אונטערקויפן די חברה און באפרייען די אידן**, וואס באמת האבן זיי בכלל נישט געטון די עוולות וואס מען האט אויף זיי ארויפגעלייגט.

עס איז דאן געווען עשרת ימי תשובה, און דער גאון האט פראבירט און זיך משתדל געווען צו צוזאמען שטעלן די סכום געלט, אבער עס איז נישט געגאנגען אזוי גרינג, אבער דער גאון האט געוואלט אז די אידן זאלן נאך בעפאר יום הקדוש זיין באפרייט, ווען עס איז אנגעקומען דעם הייליגען טאג יום הקדוש ביינאכט, האט דער רב געהייסן, אז מען זאל לאזן וויסן אין אלע שוהל'ן, אז מען זאל זיך נישט שטעלן דאווענען כל נדרי ביז ער הייסט.

און דער רב רבי חיים בריסקער זי"ע איז ארום צו אלע שוהל'ן און געהייסן יעדן ברענגען געלט, און אויף די עשירים האט ער ארויף געלייגט א באשטימטע סכום, און ערשט נאכדעם וואס ער האט געהאט די גאנצע סכום האט ער געלאזט אלע שוהל'ן צו גיין צו כל נדרי, **און מיט דעם האט זיך דער גרויסער גאון געגרייט צום הייליג'סטע טאג פונעם יאר**.

• • •

**ווי באקאנט איז דער גאון וקדוש רבי חיים בריסקער זי"ע** געווען צווישן די גרעסטע גדולים וגאונים בדורו און פון די פוסקים אחרונים בדורו, אפילו זיין טאטע דער גאון וקדוש רבי יאשע בער מבריסק זי"ע וואס איז אליין געווען א גאון עולם בדורו האט מעיד געווען אויף די גדלות בתורה און קלארקייט וואס זיין גרויסע זוהן רבי חיים האט פארמאגט אין תורה.

איינמאל האט זיך דער טאטע רבי יאשע בער זי"ע אויס געדריקט, דער אונטערשייד צווישן אים און זיין זוהן רבי חיים בזה"ל, "**ווען איינער לייגט פאר מיר פאר א קשיא אין א רמב"ם אדער א שטיקל גמרא, לייג איך מיך אריין טיף אינעם ענין, און נאכן דורך טון דעם גאנצן ענין פאר ענטפערט איך די קשיא פאר שואל, אוןביידע איך און דער שואל האבן הנאה, ווייל דער וואס האט געפרעגט האט הנאה, אז ער האט געפרעגט א גוטע קשיא, און איך האב הנאה, אז איך האב פאר ענטפערט א גוטע תירוץ**.

**אבער ביי מיין זוהן רבי חיים איז נישט אזוי, ווייל ווען א מענטש פרעגט אים א קשיא, האבן ביידע נישט קיין הנאה, ווייל מיט זיין ברייטן פארשטאנד און מיט זיין טיפן שכל צעווארפט ער די קשיא מעיקרא, קומט אויס אז עס איז נישט**

**געווען בכלל קיין קשיא, ממילא איז דאך נישט דא קיין ארט פאר קיין תירוץ, דערפאר האט סיי דער וואס האט געפרעגט די קשיא, און אויך מיין זוהן רבי חיים נישט קיין הנאה**", דאס איז געווען די געוואלדיגע כוח התורה און די געוואלדיגע קלארקייט פינעם גאון וקדוש רבי חיים, אז סוף דבר האט מען בכלל נישט געזעהן וואס די קשיא איז געווען.

• • •

**ווי באקאנט אז בשעת דער גאון רבי חיים בריסקער זי"ע** האט געדינט אלס רב אין שטאט בריסק, האט רח"ל אויס געבראכן א שרעקליכע פייער אין שטאט, וואס גאר אסאך הייזער זענען ליידער פארברענט געווארן, צווישן די הייזער וואס זענען באטראפן געווארן איז געווען די שטוב פינעם רב רבי חיים בריסקער זי"ע, האט דער גאון דאן עוסק געווען טאג און נאכט צו העלפן, אז מען זאל קודם צוריק בויען די הייזער אין שטאט נאך בעפאר מען בויעט אויף זיין שטוב.

און עס ווערט דערציילט, אז יענע טעג נאכן שריפה, **איז דער גאון רבי חיים געשלאפן אין פאליש פון די שול אויף דער ערד**, און אלע געבעטן פון זיינע בני בית אז ער זאל זיך קומען צו לייגן אויף א בעט האט גארנישט געהאלפן, ווייל דער גאון האט געזאגט, "**ווי אזוי קען איך מיך אוועקלייגן אין א בעט, אין די צייט ווען אזויפיל אידן האבן נישט קיין דאך איבער זייער קאפ**".

• • •

**ווערט דערציילט**, אז ווען דער גאון וקדוש רבי חיים בריסקער זי"ע איז געווען א קליין קינד, איז ער ל"ע געווארן שטארק נישט געזונט, און די דאקטורים האבן ליידער געהויבן הענט, אז עס איז ליידער נישט דא וואס צו טון פאר דעם קינד, די משפחה און ספעציעל זיין גרויסע טאטע הגה"ק רבי יאשע בער זי"ע זענען געווען שטארק צובראכן פין די מצב און עס איז געווארן א שטארקע פאניק ביי די משפחה נישט וויסענדיג וואס מען זאל ווייטער טון.

דער פאטער רבי יאשע בער זי"ע האט נאך דאן געוואוינט אין שטאט וואלאזין ביים שווער הגה"ק **רבי יצחק עפרון** זי"ע וואס איז געווען א טייערע חסידישע איד און א גרויסע חסיד פונעם צדיק הרה"ק **רבי משה מקאברין** זי"ע, דער הייליגער קאברינער פלעגט כסדר קומען קיין וואלאזין, און דאן איז ער איינגעשטאנען אין שטוב פון רבי יצחק, און דער רבי יצחק פלעגט כסדר פארן זיך מסתופף זיין בצלו פינעם הייליגען קאברינער זי"ע.

דאן בשעת דער קינד חיים איז געווען זייער נישט געזונט, איז דער הייליגער קאברינער זי"ע געקומען קיין וואלאזין, און מען האט געטראכט אז זיכער וועט דער הייליגער קאברינער נישט איינשטיין אינעם שטוב פין זיין חסיד ר' יצחק צוליב די שווערע מצב ביים אייניקל חיים, אבער ווען דער הייליגער קאברינער איז אנגעקומען האט ער געזאגט, אז ער וויל נישט משנה זיין און וויל דווקא יא איינשטיין ביים חסיד ר' יצחק.

לפלא האט דער הייליגער קאברינער זי"ע געבעטן פון זיין חסיד ר' יצחק, אז ער זאל גרייטן א סעודה פאר 10 ארימעלייט, און די סעודה זאל דווקא זיין אינעם שטוב פינעם חולה וואס איז געווען אין א מצב פון סכנת נפשות ממש, דער בעל אכסניא ר' יצחק וואס איז געווען א דורכגעווייקטע חסיד פינעם צדיק האט באלד ערפילט דעם רצון פינעם צדיק, און מיט גרויס אמונת צדיקים האט ער געגלייבט אז ישועה קרובה לבוא.

ביי די סעודה האט דער הייליגער קאברינער זי"ע דערמאנט די גמרא (בבא בתרא ט"ז ע"ב) "**אבן טובה היתה תלויה בצווארו של אברהם אבינו, שכל חולה הרואה אותה מיד נתרפא**", אז עס האט געהאנגען א אבן טובה אויפן האלז פון אברהם אבינו ע"ה, און יעדער חולה וואס האט געקוקט דעראויף איז געזונט געווארן, און דער הייליגער קאברינער זי"ע האט געזאגט, אז די אבן טובה איז געווען די הייליגע מדה פון הכנסת אורחים וואס אברהם אבינו האט מקיים געווען בשלימות מיט א מסירת נפש, און דאס האט משפיע געווען ישועות ורפואות.

האט דער הייליגער קאברינער זי"ע ממשיך געווען און געזאגט, עס שטייט אין פסוק ביי אברהם אבינו ע"ה, "**והוא עומד עליהם**", וואס די לשון מיינט "הוה" כאילו עס שטייט, אז אברהם אבינו שטייט נאך יעצט, עס וואלט ווען געברויכט שטיין "**והוא עמד עליהם**", א לשון עבר, אז אברהם אבינו איז געשטאנען, נאר די תירוץ אויף דעם איז,

אז די כוח פון הכנסת אורחים פון אברהם אבינו שטייט ווייטער, און א איד וואס איז עוסק אין די מדה פון הכנסת אורחים, שטייט אברהם אבינו נעבן דעם איד און איז צוזאמען מיט דעם איד מקיים דעם מצוה פון הכנסת אורחים, און דער איד האט די זעלבע כוח צו משפיע זיין ישועות ורפואת.

דאן האט דער הייליגער קאברינער זי"ע אויס געפירט, דער ר' יצחק איז דאך מקיים הכנסת אורחים, שטייט דאך אברהם אבינו דא מיט אים, **און דער חולה זעהט דאך און קוקט אויף אברהם אבינו, וועט דער קינד בעזהשי"ת ווערן אויס געהיילט בזכות פון אברהם אבינו וואס האט דעם אבן טובה**, אזוי איז טאקע געווען דער קליינער חיים'ל איז אינגאנצען אויסגעהיילט געווארן, און שפעטער האט ער משפיע געווען תורה וקדושה אויף גאנץ כלל ישראל.

• • •

**ווי באקאנט פלעגן די רוסישע רעגירונג כסדר ארויס געבן שווערע גזירות** אויף די אידן, אבער ווי מען האט מקובל דורות דורות ביי אידן, האט מען יעדע גזירה מיטן באשעפער'ס הילף מבטל געווען מיטן געבן שוחד פאר די וואס מען האט געברויכט אונטער קויפן, און מיטן באשעפער'ס הילף האט מען מצליח געווען צו מבטל זיין אסאך גזירות.

האט זיך אמאל געמאכט, אז די רוסישע רעגירונג האט ארויסגעגעבן א שווערע גזירה אויף די חדרים און תלמוד תורה'ס, און דער שר וואס האט ארויסגעגעבן די גזירה איז געווען באוויסט אלס א גרויסע רשע און א בעל גאווה, אבער ספעציעל האט דער שר געלאזט וויסן, אז ער איז זייער געטרייע צו די מדינה, און ער וועט זיך נישט לאזן אונטער קויפן פאר קיין שום געלט, און אויב איינער וועט פראבירן וועט מען יענעם קלאגן אין געריכט.

די אידן האבן נישט געוויסט ווי אזוי מען גייט זיך דא א עצה געבן אויב דער רשע וויל נישט נעמען קיין שוחד, דאן האט געדינט אלס רב אין שטאט בריסק דער גרויסער גאון וקדוש רבי חיים בריסקער זי"ע, און ווען ער האט געהערט וואס די צרה איז דא, האט ער געזאגט פאר די עסקנים און חכמי הדור, אז מען זאל אים געבן דאס געלט וואס מען האט באשטימט צו מבטל זיין די גזירה, און מיטן באשעפער'ס הילף וועט ער שוין טרעפן א וועג ווי אזוי דאס געלט זאל יא אנקומען צו דעם שר.

די עסקנים זענען דערציטערט געווארן צו הערן אז רבי חיים האט זיך אנגעטראגן צו גיין טראגן די שוחד, זיי האבן פראבירט צו אפרעדן דעם רב, אז ער שטעלט זיך ח"ו אריין אין א גרויסע סכנה און אויך די גאנצע שטאט און עס קען נאך פון דעם ארויס קומען א גרויסע חילול השם, אבער דער גאון האט געשמייכלט און געזאגט, זארגט אייך נישט איך וועל מיך נישט אריינלייגן אין קיין סכנה און אויך נישט כלל ישראל, גיבט מיר נאר דאס געלט און השי"ת וועט אונז בקרוב העלפן.

מען האט טאקע באשטעלט א באגעגעניש מיטן שר, און דער שר האט מסכים געווען זיך צו טרעפן מיטן גאון וויבאלד דער שר האט שוין געהאט געהערט פינעם בריסקער גאון וואס איז געווען באוויסט אלס א גאר קלוגער מענטש, און דער גאון רבי חיים איז אנגעקומען צום באשטימטן צייט צום באגעגעניש אנגעטון מיט א דיקן פעלץ און מיט ווארימע שטיוול.

דער שר האט זיך שטארק געוואונדערט אויפן גאון, וויבאלד דאן איז געווען אינמיטן זומער און עס האט געהערשט א שווערע היץ, האט ער געפרעגט דעם גאון, פארוואס גייט די רבי מיט א דיקן פעלץ עס איז דאך שרעקליך הייס אינדרויסן, האט דער גאון געזאגט פארן שר, איך וועל אייך זאגן הויכגעשעצטער שר, ביינאכט האב איך מיך גע'חלומ'ט, אז היינט גייט קומען א שווערע שניי און א שרעקליכע קעלט, דערפאר האב איך מיך אנגעגרייט מיט מיינע שטיוול און דיקן פעלץ כדי איך זאל מיך האבן מיט וואס צו דערווארעמען.

דער שר קוקט אזוי אויפן גאון מיט וואונדער און פלאצט אויס אין א געלעכטער און זאגט, אידישער ראבינער, איר זענט דאך באוויסט אלס א קלוגער איד און איינע פון די קלוגסטע אין כלל ישראל, ווי אזוי קענט איר גלייבן אזא נארישע חלום, קוקט נאר אינדרויסן איז דאך דא א הערליכע הימל און עס הערשט א שטארקע היץ, ווי קען אייך איינפאלן אז עס גייט קומען א שניי.

דאן שטעלט זיך אויף דער הייליגער גאון רבי חיים און זאגט פארן שר, איז דער שר אזוי זיכער

אז דער חלום וועט נישט מקיים ווערן, ענטפערט דער שר, אוודאי בין איך זיכער אין דעם, פרעגט דער גאון רבי חיים דעם שר, איז דער שר גרייט צו וועטן געלט אויף דעם, ווייל איך בין גרייט צו וועטן דעם און דעם סכום געלט, אז מארגען וועט קומען א שניי, און איך בין גרייט צו באצאלן דעם גאנצן סכום אויב עס קומט נישט קיין שניי, פארשטייט זיך אז דער שר האט גלייך מסכים געווען אויף דעם און די צוויי האבן זיך געזעגענט צום ווידער זעהן מארגען.

פארשטייט זיך אז עס איז נישט געקומען קיין שניי יענעם טאג, און דער שר האט שוין געווארט אויף מארגען ווען ער וועט באקומען פון דעם גאון די גאנצע געלט וואס מען האט אפגעשמיעסט, דעם קומענדיגע טאג איז טאקע דער גאון רבי חיים אריבער געקומען צום שר, און דארט פארנט פונעם שר ציילט ער אפ דאס גאנצע געלט, מען קען זיך נישט פארשטעלן די שמחה פון דעם שר אז ער באקומט דא אזא גרויסע סכום געלט.

דאן האט זיך דער גאון אויס געדרייט צו די עסקנים און געזאגט, טיי**ערע אידן דאס געלט האט ער שוין באקומען, יעצט וועט ער שוין מבטל זיין די גזירה**, פארשטייט זיך אז נאכדעם וואס דער שר האט באקומען דאס געלט פון דעם גאון, האט ער מבטל געווען די גזירה, און דער גאון רבי חיים האט מיט זיין גרויס חכמה מקיים געווען וואס חז"ל זאגן **כי השוחד יעור**, און א דאנק דעם חכמת התורה פונעם גאון רבי חיים בריסקער זי"ע איז די גזירה בטל געווארן.

• • •

**מען קען זעהן וואס דער זוהן הגה"ק רבי וועלוועלע בריסקער זי"ע** האט מעיד געווען אויפן טאטן רבי חיים זי"ע, דער טאטע איז געווען א איש חסיד פשוטו כמשמעו, די טירן ביים טאטן אין שטוב זענען קיינמאל נישט געווען פארמאכט נישט בייטאג און נישט ביינאכט, ער האט יעדן איד מקבל פנים געווען בסבר פנים יפות נישט קיין חילוק אויב דער איד האט באלאנגט צו זיין קהלה אדער אפילו פרעמדע אידן, אלע האבן געטראפן א אפען טיר ביים טאטן, אמאל האט דער זוהן געפרעגט דעם טאטן, טאטע אויב די טיר פין שטוב איז סיי ווי אייביג אפען, פארוואס האט די טאטע א טיר אפילו, האט דער טאטע רבי חיים געזאגט, **איך וויל יוצא זיין מצוות מזוזה אויך לויטן שיטה פינעם הייליגען רמב"ם זי"ע, וואס זאגט אז מען קען נאר קובע זיין א מזוזה אויב עס איז דא א טיר.**

• • •

**דער זוהן רבי וועלוועלע זי"ע האט דערציילט,** אז ער געדענקט, ווען א שכן א אלמנה וואס האט געוואוינט נעבן דעם טאטן, האט איינמאל נישט געהאט צו באצאלן קיין דירה געלט, האט די אלמנה מיט איר 6 יתומים געוואוינט ביי אונז אין שטוב פאר א שיינע פאר חדשים, אויך האט זיך געמאכט, אז פרויען וואס האבן ליידער נישט געקענט ערציען די קינדער ווי עס ברויך צו זיין, דער טאטע אפילו זייענדיג פארנומען די גאנצע טאג מיט צרכים פונעם שטאט און עוסק זיין בתורה יעדע מינוט וואס ער האט געהאט, **האט ער אבער אריין גענומען די קינדער און זיי ערצויגען ווי אייגענע קינדער און זיי אפילו חתונה געמאכט**, און דאס אלעס האט דער גאון געטון מיט א פשטות האלטענדיג אז ער האט בכלל נישט געטון דא עפעס.

• • •

**הגה"ק רבי יחזקאל אברמסקי זי"ע** וואס איז געווען א תלמיד חביב פינעם גאון רבי חיים בריסקער זי"ע האט דערציילט, אז ער האט דאס אליין צו געזעהן, ווען צוויי רייכע מחותנים זענען אריין געקומען צום רבין רבי חיים בריסקער זי"ע צו מכבד זיין דעם רבין מיט סידור קידושין, און ווי עס איז געווען דאן איינגעפירט האט מען באצאלט רח"ש געלט וואס דאס איז געווען ר"ב ח'זן ש'מש, און די מחותנים האבן געגעבן א ענוועלאפ פארן רב מיט א שיינע סכום געלט.

בשעת מעשה ווען די מחותנים זענען דארט געשטאנען, איז אריין געקומען א ארימאן וואס האט געברויכט נויטיג א סכום געלט מפרנס צו זיין די משפחה, דער גאון רבי חיים בריסקער זי"ע האט נישט געטראכט א רגע, **נאר האט גענומען דעם ענוועלאפ און דאס גלייך אהין געגעבן פאר ארימאן אין אנוועזנהייט פון די מחותנים, אן אפילו וויסן וויפיל געלט די מחותנים האבן געגעבן**, ווייל ביי דעם גאון האט געלט בכלל נישט געהאט קיין ווערט, נאר ער איז געווען גרייט צו אוועק געבן אלעס נאר צו העלפן א אנדערן איד.

• • •

**אין קונטרס זכרון לבית בריסק ווערט דערציילט**, עס האט אמאל פאסירט אין שטאט

בריסק, ווען דער גאון וקדוש רבי חיים בריסקער זי"ע האט באפוילן, אז מען זאל לאזן עטליכע הפקר'דיגע קעצלעך זיך דרייען ביים אים אין שטוב, די בני הבית האבן נישט פארשטאנען וואס דאס איז, און עס האט זיי זייער געשטערט די סדר אין הויז, בכלל איז די חי' א קאץ א נישט כשר'ע חי', איז פארוואס וויל דער גאון זיי לאזן זיך דרייען ביי אין אין שטוב, ווען מען האט דעם גאון געפרעגט די סיבה פארוואס ער לאזט עס צו, האט רבי חיים מסביר געווען מיט זיין געוויינליכן עמוק'דיגן חכמה און פארשטאנד.

„**מען זאגט אויף א קאץ, אז זי האט נישט קיין אהבה צום בעל הבית, נאר צום הויז זיך צו ווארעמען, זעהט איר, א מענטש וואס קומט אין אנדערע שטובער בעטן הילף, באקומט טיילמאל א שיינעם קבלת פנים, אבער די עניים וואס קומען צו מיין הויז, קומען נישט וויל זיי האבן ליב מיין הויז, נאר וויל זיי זענען נצרכים און צעבראכן, איז אויב איך וועל ארויסווארפן די קעץ וואס זוכן בלויז א ווארעם ארט, האב איך מורא אז מיין הויז וועט פארלירן דעם גדר פון 'א בית פתוח לרווחה', און מען וועט חלילה אנהייבן ארויסווארפן אויך די ארימע מענטשן**".

• • •

**אינעם קונטרס נפש הרב עובדות והנהגות לבית בריסק ווערט דערציילט**, אז איינמאל אין א קאלטן ווינטערדיגן פרימארגן, איז דער שמש דער מענטש וואס פלעגט קלאפן אויף די פענצטער אופצוועקן דעם עולם צו שחרית, געקומען אין שטאט-קאסע צו פארלאנגען זיין וועכענטליכע געהאלט, ער האט אבער נעבעך באקומען א תשובה אז עס איז נישטא קיין געלט אין קאסע.

דער איד איז געווארן זייער צעבראכן, וויל ער האט נישט געהאט מיט וואס צו קויפן א שטיקל ברויט אהיים צו ברענגען פאר די קינדער, דער גאון רבי חיים בריסקער זי"ע האט דאס געהערט, איז ער גלייך אריינגעלאפן אין זיין חדר, ארויסגענומען דעם לעצטן גילדן וואס ער האט געהאט ביי זיך פאר זיין אייגענעם שטוב, און ער האט דאס גלייך אהין געגעבן פארן שמש, און כדי דער איד זאל זיך נישט פילן ווי ער נעמט א מתנת בשר ודם, האט רבי חיים אים געזאגט, „**נעה, דאס איז נישט קיין מתנה! איך דארף דאך איינעם וואס זאל מיר קלאפן אויפ'ן פענצטער מיך אויפצוועקן צו גיין לערנען און דאווענען, איך נעם דיך אויף אלס מיין פריוואטער שומר און דאס איז דיין געהאלט**".

• • •

**אינעם ספר שמעתתא דמשה ווערט געברענגט**, אז עס איז אמאל אנגעקומען א שאלה צו רבי חיים יום כיפור אינדערפרי, וועגן א חולה וואס די דאקטוירים האבן געזאגט אז ער מעג מעגליך פאסטן, אבער דער חולה אליין האט געפילט זייער שוואך, די רבנים אין שטאט האבן זיך געקווענקעלט און געזוכט חומרא'ס אים צו הייסן פאסטן מיטן טרינקען אדער עסן מיט א שיעור.

ווען דער גאון רבי חיים האט דאס געהערט, איז ער געווארן זייער אויפגעבראכט און האט גלייך גע'פסק'נט און געזאגט, „**דער חולה מוז עסן כדרכו, אהן קיין שום שיעורים**", ווען די תלמידים האבן אים געפרעגט, „**רבי! וויאזוי איז דער רבי אזוי מיקל אין די חמורה שבחמורות פון איסור כרת פון יום כיפור**", האט דער גאון רבי חיים גענטפערט מיט זיין בארימטן בריסקער חכמה און פקחות, „**איך בין גארנישט מיקל אין יום כיפור, נאר איך בין מחמיר אין דעם איסור פון 'פיקוח נפש'!, ביי יום כיפור איז דא א ספק כרת, אבער ביי ספק נפשות זאגט די תורה 'וחי בהם' עס איז א חיוב דאורייתא צו מהדר זיין צו ראטעווען א אידן'ס לעבן**".

• • •

**אין ספרי תולדות לבית בריסק ווערט געברענגט**, אז עס איז אמאל אריבערגעקומען א גאסט ביי רבי חיים בריסקער אין שטוב, און ער האט באמערקט א מורא'דיגע זאך, רבי חיים זיצט אין חדר, איינגעהילט אין זיין גרויסן התמדת התורה, **אבער מיט איין האנט שאקלט ער א וויגאלע פון א קליין קינד וואס האט געוויינט**.

דער גאסט האט זיך זייער געוואונדערט און געפרעגט, „**רבי! אזא גרויסער רבן של ישראל, זיצט און שאקלט א וויגאלע**", האט דער גאון וקדוש רבי חיים אים ענטפערט מיט זיין גאונישער פשוט'קייט, „**אין די תורה שטייט 'ואהבת לרעך כמוך' דו זאלסט ליב האבן דיין חבר ווי זיך אליין, דאס קינד וויינט וויל עס איז אים אומבאקוועם און ער דארף איינער זאל אים רואיג מאכן, אויב איך קען אים שטילן און אים ברענגען רואיגקייט, איז דאס גארנישט קיין 'ביטול תורה', נאר דאס איז די תורה גופא, דאס איז קיום המצוה פון ואהבת לרעך כמוך**".

• • •

**אין ספר עובדות והנהגות לבית בריסק ווערט געברענגט** א מורא'דיגע מעשה וואס ברענגט שטארק ארויס דעם גאון רבי חיים בריסקער'ס גרויסע אהבת ישראל, אין בריסק איז געווען א באקאנטער איד א גנב, וואס פלעגט אפט אריינפאלן אין תפיסה, איינמאל ווען ער איז באפרייט געווארן פון תפיסה, האט קיינער פון שטאט נישט געוואלט אים אריינענעמען אין הויז אדער אים געבן א ארבעט.

אבער דער גרויסער גאון וקדוש רבי חיים בריסקער זי"ע **האט אים געעפנט די טיר פון זיין אייגן שטוב, און אים געגעבן א בעט צו שלאפן און אים געגעבן צו עסן ווי א אייגן קינד**, ווען די בני הבית האבן מורא געהאט אז ער וועט חלילה עפעס גנב'ענען פון הויז, האט רבי חיים געזאגט מיט א געוואלדיגע פשטות, "**קיין שום זאך אין מיין הויז איז נישט מיינס, איך מאך אלעס פון ביי מיר אין שטוב כלי הפקר! ער קען גארנישט גנב'ענען, ווייל אלעס איז הפקר, אבער א אידישע נשמה וואס דרייט זיך ארום אן א היים, קען איך נישט צוזעהן**".

• • •

**אין קונטרס נפש הרב ווערט דערציילט**, איבער די מסירת נפש פונעם גאון רבי חיים בריסקער זי"ע פאר א אנדערן איד, איינמאל איז אנגעקומען א שווערע דין תורה צום גאון וקדוש רבי חיים בריסקער זי"ע, צווישן א גביר און א ארימאן, דער גביר האט געהאט אלע רעכטן אויף זיין זייט לויט דעם אמתן פסק דין, און דער ארימאן האט געזאלט פארלירן זיין גאנצע פארמעגן און שטיין פאר גרויסע בזיונות.

דער גאון וקדוש רבי חיים האט געזען די צער פונעם ארימאן, איז ער אויפגעשטאנען, ארויסגענומען זיין אייגענעם טאשן-געלט וואס ער האט נישט לאנג בעפאר באקומען צו ניצן פאר די הויז-הוצאות, און ער האט דאס געלט אהין געגעבן פארן גביר בהאלטענערהייט, כדי צו דעקן דעם חוב פונעם ארימאן, ווען דער גביר האט באמערקט וואס דער רב טוט, איז ער נתפעל געווארן ביז גאר פון די גרויסע געוואלדיגע אהבת ישראל פונעם רב דער גרויסער גאון, **און דער גביר האט אויפן פלאץ מוחל געווען דעם גאנצן חוב פונעם ארימאן**.

• • •

**אין ספר מקור ברוך ווערט דערציילט**, אז דער גאון וקדוש רבי חיים בריסקער זי"ע איז אמאל געזעסן שפעט ביינאכט אין זיין חדר און געלערנט תורה מיט א געוואלדיגע התמדה, און דער גאון האט געלערנט מיט אזא דביקות און התמדה, אז ער האט נישט באמערקט ווי די ליכט וואס האט געלאכטן אויפ'ן טיש איז אומגעפאלן, **און די האלץ פונעם טיש האט אנגעהויבן ברענען מיט גרויסע פלאמען**.

די בני הבית האבן באמערקט דעם רויך, און זענען אריינגעלאפן מיט שרעק צו פארלעשן די פייער, דער גאון רבי חיים איז אבער געזעסן רואיגערהייט, די אויגן פארטיפט אינעם ספר, און האט גארנישט באמערקט די פלאמען וואס האבן כמעט אט אט דערגרייכט זיין קאפ, ערשט ווען מען האט אים אנגערירט און ארויסגעשלעפט פונעם פלאם, האט ער זיך ארומגעקוקט מיט וואונדער, ווייל זיין דביקות און עמקנות אין די תורה איז געווען אזוי שטארק, **אז ער איז כמעט געווען אינגאנצן אפגעשייט פונעם עולם הגשמיות און גארנישט געפילט וואס טוט זיך ארום זיך**.

• • •

**אינעם ספר רבינו חיים הלוי ווערט דערציילט דורך זיינע תלמידים**, אז ווען דער גאון וקדוש רבי חיים בריסקער זי"ע האט נאך שווערע יגיעה און עמל אנגעטראפן דעם ריכטיגן פשט אין א שווערן רמב"ם, איז זיין שמחה געווען גאר אן אומבאשרייבליכע, ער פלעגט זיך אויפשטעלן פון ארט, **און אנהייבן טאנצן אין שטוב פון גרויס שמחה**, און טיילמאל ארויסלויפן אין גאס צו טרעפן א תלמיד אדער א חבר אים צו דערציילן דעם נייעם אור וואס השי"ת האט אים אנטפלעקט אין די תורה, ער האט אפט געזאגט, "**קיין שום תענוג אין דער וועלט קען זיך נישט פארגלייכן צום טעם פון א קלארן פארשטאנד אין א שטיקל תורה**".

• • •

**אין ספרי תולדות ישיבת וואלאזשין ווערט געברענגט**, אז בשעת דער גאון וקדוש רבי חיים בריסקער זי"ע איז געווען ר"מ אין די גרויסע בארימטע ישיבה אין וואלאזשין, פלעגט ער לערנען יומם ולילה כמעט אן קיין הפסק, די תלמידים האבן מעיד געווען, אז עס זענען דורכגענגען גאנצע מעת-לעת'ן וואס ער האט

כמעט נישט פארמאכט קיין אויג, נאר איז געזעסן איינגעהילט אין די סוגיות הש"ס.

איז אמאל געווען א תקופה ווען ער איז געווען זייער אומגעזונט, און די דאקטוירים האבן אים חמורה'דיג מזהיר געווען אז ער דער גאון רבי חיים דער ראשי הישיבה מוז אויפהערן לערנען מיט אזא ענערגיע ווייל עס שטעלט זיין געזונט אין סכנה, דער גאון וקדוש רבי חיים האט צוגעהערט צו די דאקטוירים, אבער ער האט געזאגט, "**איינצוהאלטן דעם גוף פון אטעמען לופט קען מען נישט, און פאר מיר איז די תורה די לופט צום לעבן, און דעם קען איך פשוט נישט עקזיסטירן**", און דער גאון רבי חיים האט ווייטער עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה, ווייל ביים גאון איז געווען באמת "**כִּי הֵם חַיֵּינוּ וְאֹרֶךְ יָמֵינוּ וּבָהֶם נֶהְגֶּה יוֹמָם וָלָיְלָה**".

• • •

**אין ספר עובדות והנהגות לבית בריסק ווערט דערציילט**, אז עס איז אמאל אריינגעקומען א צעבראכן אידל צום גאון וקדוש רבי חיים בריסקער זי"ע אין שטוב, און וויינענדיג מיט ביטערע טרערן האט ער מזכיר געווען ביים גאון, אז זיין קינד ליגט אין בעט מיט א שווערע מחלה, און די דאקטוירים האבן זיך שוין כמעט מייאש געווען פונעם לעבן, און דער איד האט געבעטן א ברכה פאר א רפואה שלימה בקרוב.

דער גאון וקדוש רבי חיים בריסקער זי"ע האט זיך פארטראכט א קורצע ווייל, און זיך אנגערופן צום טאטן און געזאגט, "**גיי אהיים, און לייג צו פארן קינד דעם נאמען חיים**", דער טאטע איז שנעל אהיימגעלאפן און געטאן ווי דער רב האט אים געהייסן, און א גאר וואונדערליכע זאך האט פאסירט, כמעט אין די זעלבע מינוט האט זיך דער מצב פונעם חולה אנגעהויבן פארבעסערן, די פיבער איז געפאלן, און כהרף עין איז דאס קינד געראטעוועט געווארן פונעם סכנה, איז שפעטער באקאנט געווארן, אז אין יענע מינוט ווען רבי חיים האט געזאגט צו לייגן דעם נאמען "**חיים**", **האט ער מוותר געווען און אוועקגעגעבן א חלק פון זיינע אייגענע לעבן לזכות דעם חולה.**

• • •

**אין ספר מקור ברוך ווערט דערציילט**, אז אין די צייטן פון דער רוסישער אימפעריע האבן גאר שווערע גזירות געהאנגען אויף די אידישע בחורים, ווען מען האט זיי געכאפט און געצוואונגען צו דינען אין דער רוסישער ארמיי דורך די "**קאנטאניסטן**", וואס דאס איז געווען א גזירות שמד ממש רח"ל, איינמאל איז אריינגעקומען א מוטער און מיט טרערן זיך מזכיר געווען, אז איר זוהן איר בן יחיד ברויך רחמי שמים, ווייל מען האט שוין אנגעהויבן פארשרייבן איר זון צום מיליטער.

דער גאון וקדוש רבי חיים בריסקער זי"ע האט דערזען איר גרויסע צער, איז ער אויפגעשטאנען פון ארט, אריינגעקוקט אין א ספר, און געזאגט מיט גאר גרויס בטחון, "**זארג דיך נישט, ער וועט גארנישט דינען אין די ארמיי! פאר אים איז נישטא קיין שום סכנה**", אינמיטן דעם מעדיצינישן פארהער אין די מיליטערישע קאמיסיע, איז פארגעקומען אן אומגעהויערע נס, דער רוסישער דאקטער האט פלוצלונג אן קיין שום הסבר **באפרייט דעם בחור אויף אייביג מיט א פאלשן מעדיצינישן באריכט און האט אים דערלאנגט א פאספארט "פטור"**, און די מאמע האט זוכה געווען צו זען א געהויבענע ישועה למעלה מדרך הטבע.

• • •

**אין ספר רבינו חיים הלוי ווערט דערציילט**, אז א פאמיליע אין בריסק האט זוכה געווען צו זיין נאנט צום גרויסן גאון וקדוש רבי חיים בריסקער זי"ע, אבער זיי האבן שוין יארן לאנג געליטן פון עקרות און נישט געהאט קיין קינדער, נאך פילע יארן פון מובראכענקייט און איינזיימקייט, זענען זיי געקומען צו רבי חיים מיט א צעבראכן הארץ און געבעטן ער זאל בעטן רחמים פאר זיי און שוין ברענגען די ישועה אויף וואס זיי ווארטן שוין אזויפיל יארן.

דער גאון רבי חיים האט זיי געזאגט, "**אויב איר וועט מקבל זיין אויף זיך צו שטיצן ארימע יתומים און אריינגעמען א יתום אין שטוב אים צו ערציען, וועט איר זען די רחמי שמים בקרוב**", די פאמיליע האט גלייך מקבל געווען די עצה און אריינגענומען א יתום אין שטוב, א קורצע צייט דעריבער זענען זיי געהאלפן געווארן מיט א בן זכר, ווען מען האט געפרעגט רבי חיים וויאזוי ער האט דאס געוואוסט, האט ער דאס מסביר געווען מיט א פשטות, ווייל חז"ל זאגן דאך, "**כל המגדל יתום בתוך ביתו מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו**", און דורך דעם זכות פונעם חסד פאלט אראפ די מניעה מן שמים און מען ווערט געהאלפן.

**יארצייט כ"א אב**

**הרה"ק רבי אהרן ב"ר ישכר דוב זי"ע, (רוקח)**
**בעל מהר"א, אדמו"ר מבעלזא**
**"הנקרא ר' אהר'לע בעלזער"**

ער איז געבוירן אין שטאט בעלזא, **י"ז טבת בשנת תר"מ.**

צו זיין טאטע הרה"ק **רבי ישכר דוב האדמו"ר השלישי מבעלזא** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי יהושע "דער מיטעלער רבי" מבעלזא** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי שלום השר שלום מבעלזא** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי אלעזר מחכמי הקלויז בבראד** זי"ע,
מגזע הגה"ק **רבי אלעזר רוקח בעל מעשה רוקח אב"ד אמסטרדם** זי"ע,
ומגזע הגה"ק **רבי נפתלי הכהן בעל סמיכת חכמים מפרנקפורט** זי"ע,
ומגזע הגה"ק **רבי צבי הירש אשכנזי בעל חכם צבי** זי"ע.

און צו זיין מאמע **הרבנית הצדקת מרת באשע רוחמה** ע"ה,
בת הרה"ק **רבי ישעי' משולם זוסיא טווערסקי מטשערנאביל** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי אהרן מטשערנאביל** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי מרדכי המגיד הגדול מטשערנאביל** זי"ע, (חתן הרה"ק **רבי אהרן הגדול מקארלין** זי"ע,)
בן הרה"ק **רבי מנחם נחום בעל מאור עינים מטשערנאביל** זי"ע.

דער צדיק רבי אהרן מבעלזא זי"ע איז געבוירן געווארן נאך 12 יאר וואס די עלטערן האבן געווארט אויף קינדער, דורך א ברכה פינעם גרויסן זיידן הרה"ק **רבי יהושע מבעלזא** זי"ע, איינמאל ווען די רעבעצין האט זיך שטארק באקלאגט צום שווער, היתכן דער שווער העלפט אזויפיל אידן מיט קינדער, און נאר זיי העלפט ער נישט מיט קיין קינד.

האט דער שווער דער צדיק רבי יהושע'לע בעלזער זי"ע געזאגט, **"וואס קען איך העלפן, אז דיין מאן וויל אראפ ברענגען א הייליגע נשמה, וואס איז שוין 500 יאר נישט געווען אויף די וועלט"**, ווען דער צדיק איז געבוירן געווארן, איז דער זיידע רבי יהושע'לע זי"ע געקומען זעהן דאס קינד, און דער זיידע האט דאן געזאגט בזה"ל, **"ער וועט וואקסן גרויס, גרויס, גרויס, אז קיינער וועט אים נישט קענען פארשטיין און באגרייפן"**, זיין נאמען האט דער צדיק באקומען נאך זיינע צוויי הייליגע זיידעס, הרה"ק **רבי אהרן מטשערנאביל** זי"ע, און נאך הרה"ק **רבי אהרן הגדול מקארלין** זי"ע.

ער איז געווען א איש קדוש ונורא מאוד, תוארו דומה למלאך ד', ער איז געווען א עניו וחסיד עמוד צלותהון של ישראל, ער איז געווען א גאון וגדול בתורה ובחסידות לא פסיק פומיה מגירסא ולא מש מאוהלה של תורה.

דער צדיק וקדוש האט זיין גאנץ לעבן גאר אסאך עוסק געווען אין תעניתים און האט זיך מסתפק געווען מיטן עסן און שלאפן ממש כדי חייו, וואס די דאקטוירים האבן מפליא געווען אויף די עלטערע יארן פונעם צדיק, ווי אזוי דער צדיק לעבט אויף אזוי ווייניג שלאפן און עסן.

דער צדיק האט געהאט א אהבת ישראל עד אין לשער, דער צדיק האט נישט געקענט אפילו הערן ווי מען זאגט א שלעכט ווארט אויף א איד, אפילו אויף אידן וואס זענען ליידער געווען פארקראכן פון אידישן וועג.

ער האט זיין גאנץ לעבן מלמד זכות געווען אויף יעדן איד און כסדר מתפלל געווען פאר השפעות פאר אידישע קינדער, טויזענטער אידן יראים ושלימים האבן זיך מדבק געווען אין דעם צדיק און זענען געקומען מיט האלטן זיין עבודת הקודש, אלע צדיקים בדורו האבן גאר שטארק מעריץ געווען און מכבד געווען דעם צדיק וקדוש.

זיין עבודת התפילה איז געווען בלהבת אש און מיט א געוואלדיגע דביקות און השתפכות הנפש וואס דאס האט מעורר געווען יעדן איד צו תשובה ותיקון המעשים, ער איז געווען מפורסם אלס **בעל רוח הקדוש** וואס האט געהאט הייליגע אויגן, מען האט כסדר געזעהן ווי דער צדיק האט מרגיש געווען ברוח קדשו זאכן וואס קיינער האט נישט געוויסט, ער איז געווען א **בעל מופת עצום** און א גרויסע **פועל ישועות בקרב הארץ**.

די מאמע הרבנית הצדקת מרת באשע רוחמה ע"ה איז לײדער נפטר געווארן כ"א אדר בשנת תרמ"ד ווען דער זוהן רבי אהרן איז געווען בערך 3 יאר אלט, און דאן איז דער קינד ערצויגן געווארן ביים זיווג שני פון זיין גרויסן טאטן **הרבנית הצדקת מרת חי' דבורה** ע"ה,

אבער ספעציעל האט דער קינד געהאט א געוואלדיגע התקרבות ביים גרויסן זיידן הרה"ק **רבי יהושע מבעלזא** זי"ע, און דער צדיק האט געוואוינט ביים זיידן פאר בערך 14 יאר, און דער צדיק אליין האט מעיד געווען, **אז ער האט גאר אסאך תורה און עבודת השם מקבל געווען פינעם גרויסן זיידן מבעלזא זי"ע**.

ער האט חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת מלכה** ע"ה,
בת **דודו** הרה"ק **רבי שמואל מסקאהל** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי יהושע מבעלזא** זי"ע, הנקרא **דער מיטעלער רבי**,
בן הרה"ק **השר שלום מבעלזא** זי"ע.

נאך די צווייטע וועלט מלחמה ווען דעם צדיק'ס רעבעצין און קינדער זענען לײדער אומגעקומען אויף קידוש השם דורך די דייטשן ימ"ש, האט דער צדיק געמונען לחומרה א היתר מאה רבנים, און האט חתונה געהאט בזיווג שני מיט הר**בנית הצדקת מרת חנה** ע"ה, בת הרה"ק **רבי יחיאל חיים לאבין ממאקאווא** זי"ע, וואס די רעבעצין איז געווען חתונה געהאט בזיווג ראשון מיט הרה"ק **רבי יוסף מאיר פולק מבערגסאז** זי"ע וואס איז לײדער אומגעקומען על קידוש השם,

און די רעבעצין מרת חנה ע"ה האט מיט געברענגט צוויי קינדער פינעם זיווג ראשון, הרה"ק **רבי אברהם אלטר פולק מבערגסאז פתח תקווה** זי"ע, און בתה **הרבנית הצדקת מרתביילא חי'** ע"ה, אשת הרה"ק **רבי מנחם מנדל מנדלזון אב"ד קוממיות** זי"ע.

נאך זייענדיג גאר יונג האט זיך שוין דער צדיק מציין געווען מיט זיינע געוואלדיגע כשרונות וחריפות בתורה, ווערט דערציילט אז דער מלמד זיינער האט געזאגט פארן טאטן, אז ער ברויך זיך אפזאגן פון מלומדות, ווייל דער קינד איז אזוי געוואקסן בתורה און איז מחדש חידושים נפלאים בתורה און ער ברויך באמת נישט קיין מלמד.

דאן האט אים זיין גרויסע זיידע רבי יהושע'לע זי"ע באפוילן, אז ער זאל מער נישט זאגן זיינע חידושים פארן מלמד, און דאן האט דער זיידע געהייסן פארן אייניקל צו שרייבן הערות אויפן ספר קצות החושן, און הגה"ק **רבי דב בעריש ווײדנפלד מטשעבין** זי"ע האט געזאגט, אז ער האט זוכה געווען צו זעהן די הערות וואס דער צדיק האט געשריבן, **און דאס איז געווען גאונות וחריפות נפלאים**.

אויך איז באקאנט ווי שטארק דער אייניקל רבי אהרן זי"ע איז געווען באליבט ביים זיידן דער צדיק וקדוש רבי יהושע מבעלזא זי"ע, ער האט זוכה געווען צו א געוואלדיגע קרבה ביים זיידן, איינמאל ביים טיילן שיריים האט דער זיידע רבי יהושע'לע אלס א צייכן פון ליעבשאפט געגעבן פארן אייניקל **א פולע האנט מיט שיריים**.

אבער זיין טאטע הרה"ק רבי ישכר דוב זי"ע האט געוואונקן פארן זוהן, אז ער ברויך נישט אלעס עסן, האט זיך דער זיידע רבי יהושע'לע זי"ע אנגערופן פארן טאטן בזה"ל, "**דו דארפסט אים גארנישט זאגן, ער ווייסט אליין ווי אזוי א איד דארף עסן**".

דער צדיק האט זיך שוין זייענדיג גאר יונג געפירט מיט א געוואלדיגע קדושה ופרישות און אויך מיט סיגופים נפלאים אפילו זייענדיג א יונג קינד, און צדיקים וקדושים האבן מעיד געווען אויף זיין געוואלדיגע קדושה.

אמאל ווען דער צדיק רבי אהרן זי"ע איז געווען אין מרינבאד, איז אויך דארט געווען דער הייליגער שינאווא רב זי"ע, און ער איז געגאנגען אויף די גאס מיט הגה"ק מאונסדארף זי"ע, און ווען ער האט א בליק געטאן אויפן צדיק רבי אהרן מבעלזא זי"ע, האט ער זיך אויסגעדריקט בזה"ל, "**ווער איז דער יונגערמאן, דער יצה"ר האט דאך עפעס אינגאנצן פארגעסן אין אים**".

דער טאטע דער הייליגער צדיק רבי ישכר דוב מבעלזא זי"ע האט גאר שטארק מפליא געווען די

גדלות בתורה און די געוואלדיגע קדושה מיט וואס זיין זוהן אהרן האט זיך געפירט שוין אלס קליין קינד, און די טאטע האט זיך אמאל אויסגעדריקט אויפן זוהן בזה"ל, "**איך וואונדער זיך זייער שטארק, מיט וואס איך האב זוכה געווען אז דער רבונו של עולם האט מיר געגעבן אזא הייליגע זוהן וואס האט אזא הייליגע און ריינע נשמה**".

אמאל האט זיך דער טאטע הרה"ק רבי ישכר דוב זי"ע באראהטן וועגן א געוויסע ענין מיט זיינע איידעמער און זוהן, און דער טאטע האט זיך אנגערופן בזה"ל, "**איך האב זיך דורכגעשמועסט מיט מיין גאון** (דער צווייטער איידעם **רבי פניאלע מאוסטילא**), און ער האט מיר געענטפערט ווי א "**גאון**", דערנאך האב איך זיך דורכגעשמועסט **מיט מיין למדן** (זיין איידעם **רבי יצחק נחום מראווא**), און ער האט מיר געענטפערט א תשובה ווי א "**למדן**", דערנאך האב איך געפרעגט מיין זוהן **הרה"ק רבי אהרן**, און ער האט מיר געענטפערט א תשובה, **אזוי ווי איינער וואס לערנט "תורה לשמה"**.

הרה"ק רבי ישעי' מטשחויב זי"ע האט אמאל געזאגט אויפן צדיק רבי אהרן בזה"ל, "**הוא קדוש מרחם**", הרה"ק רבי אברהם מרדכי בעל אמרי אמת מגור זי"ע האט געזאגט, **אז אויב וואלט דער הייליגער צדיק רבי אהרן מבעלזא זי"ע געווען אין די צייטן פונעם הייליגן אוהב ישראל מאפטא זי"ע, וואלט ער אויך געווען א חידוש נפלא**.

אויך דער הייליגער צדיק הרה"ק רבי שלום משאץ לאנדאן זי"ע האט מפליא געווען אין די גדלות און קדושה פינעם צדיק מבעלזא זי"ע, און ער האט זיך אויס געדריקט בזה"ל, "**הוא היה חד ויחיד בדרא אפילו כלפי אבותיו בגודל קדושתו וטהרתו, שהרקיע שחקים ובקע רקיעים, בבחינת צדיק יסוד עולם**".

הרה"ק רבי אליעזר זאב מקרעטשניף זי"ע האט גאר שטארק מפליא געווען אין די גדלות וקדושה פינעם צדיק רבי אהרן מבעלזא זי"ע, און האט זיך אמאל אויסגדריקט בזה"ל, "**אויפן צדיק מבעלזא איז געזאגט געווארן די פסוק "כִּי אֹתְךָ רָאִיתִי צַדִּיק לְפָנַי בַּדּוֹר הַזֶּה"**", און דער צדיק וקדוש רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע האט געזאגט אויפן צדיק רבי אהרן מבעלזא זי"ע בזה"ל, "**ער זעהט נישט קיין שלעכטס אויף א איד, און ער איז ביכולת צו ברענגען משיח צדקנו**".

ווערט דערציילט, אז איינמאל האט מען געשמועסט ביים הייליגן חזון איש זי"ע בנוגע דעם זמן הדלקות נר חנוכה, און איינער דארט האט זיך אנגעריפן, אז דער הייליגער בעלזא רב רבי אהרן זי"ע צינדט חנוכה ליכט גאר שפעט, דער הייליגער חזון איש האט געהערט וואס יענער זאגט, אבער ער איז געבליבן שטיל, נאך עטליכע מינוט שווייגן האט דער הייליגער חזון איש זי"ע געזאגט בזה"ל, "**במופלא ממך אל תדרוש, ובמכוסה ממך אל תחקור**", ויהי לפלא.

הרה"ח ר' יעקב אליעזר שטארק ז"ל האט דערציילט, אז ער איז געווען אויפן שיף צוזאמען מיט הרה"ק **באבא סאלי** זי"ע פון גרמניה קיין צרפת און דערנאך קיין ארץ ישראל, און ער האט זוכה געווען צו באדינען דעם צדיק ומקובל באבא סאלי זי"ע אויפן שיף, שפעטער אין ארץ ישראל האט ער געטראפן דער בעל מקובל באבא סאלי זי"ע איינמאל אויפן גאס, און דער בעל מקובל באבא סאלי האט אים געזאגט, אז ער האט באזיכט דעם צדיק וקדוש רבי אהרן מבעלזא זי"ע, און דער מקובל באבא סאלי האט זיך אויסגעדריקט בזה"ל, "**הוא קדוש, קדוש, קדוש, שמעון הצדיק בדורנו**".

עס איז באקאנט ווי די צדיקי הדור האבן גאר שטארק מעריץ געווען דעם צדיק רבי אהרן מבעלזא זי"ע נאך ווען ער איז געווען גאר יונג, גרויסע צדיקים בדורו האבן מעיד געווען אויף זיין גדלות בתורה און זיין געוואלדיגע קדושה מיט וואס ער האט זיך געפירט זיין גאנץ לעבן, זיין הייליגע טאטע רבי ישכר דוב זי"ע האט אים געהייסן נעמען קוויטלעך נאך בחייו זאגענדיג אז ער האט א כוח צו פועל'ן ישועות.

כ"ב חשון בשנת תרפ"ז ווען זיין הייליגע טאטע איז נסתלק געווארן, האט דער זוהן רבי אהרן איבער גענומען דאס רבנות אלס ממלא מקום פינעם טאטן, ער האט די קהלה קדושה געפירט מיט א געוואלדיגע שטארקייט, ער האט נישט געלאזט מען זאל זיך אוועק רירן אפילו א קיצו של יוד פון וואס מען האט מקבל געווען מדורות הראשונים, ער איז דאן געווארן מפורסם

אין די גאנצע מדינה און אפילו אין די דערנעבענדיגע מדינות אלס א בעל רוח הקודש און א בעל מופת עצום און א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ.

טויזענטער אידן האבן זיך מדבק געווען אין דעם צדיק און זענען געקומען מיט האלטן זיין עבודת הקודש וואס איז געווען איין שטיק פייער און מיט א געוואלדיגע דביקות און השתפכות הנפש, צו דעם צדיק זענען אנגעקומען כסדר הזכרות פון די גאנצע וועלט און דער צדיק האט מיט זיין גרויס אהבת ישראל ממשיך געווען גרויסע ישועות פאר אידן פין איבעראל.

דבר נפלא האט דערציילט איינע פון די משמשים בקודש פינעם הייליגען בעלזא רב זי"ע, זומער בשנת תרצ"ט איז דער צדיק מבעלזא געפארן לצורך רפואה פאר זיינע הייליגע אויגן קיין בערלין.

אבער לפלא האט מען געזעהן א שטארקע שינוי אין די התנהגות פינעם צדיק דארט אין בערלין, רוב טאג איז דער צדיק געווען איינגעשפארט אין זיין פריוואטע שטוב און מתפלל געווען מיט שרעקליכע בכיות, און פאר א שטיק צייט איז דער צדיק געווען אין שטאט האמבורג, און יענע צייט איז דער צדיק כסדר געשטאנען ביים פענסטער און ארויס געקוקט און זיין הייליגע פנים איז געווען בלאך ממש ווי ער איז אין א פחד נורא.

רוב פון די צייט זייענדיג אין בערלין און האמבורג האט דער צדיק עוסק געווען בתעניתים וסיגופים און כסדר געווען שרוי בצער און זייער געוויינט, און ווען מען איז אוועק געפארן האט דער צדיק גענעבן א שווערע קרעכטץ און גזאגט **"עס איז אונז ליידער נישט געלונגען"**, די נאנטע האבן פארשטאנען אז עפעס שרעקליך איז דא פאר געקומען, אבער האבן נישט פארשטאנען וואס דאס איז.

אבער נישט לאנג נאכדעם איז מען געוואר געווארן, אז אין האמבורג איז די אכסניא פונעם צדיק געווען ממש קעגן איבער די אפיס פון דעם רשע **היטלער ימ"ש**, און דער צדיק האט דאן פראבירט צו מבטל זיין די שרעקליכע גזירה וואס האט געווארט אויף די אידן, אבער ליידער איז שוין דאן געווען נגזר די שווערע גזירה און ליידער זענען אומגעקומען אויף קידוש השם איבער 6 מיליאן אידן הי"ד.

בשנת ת"ש ווען עס האט אויס געבראכען די צווייטע וועלט מלחמה, איז דער צדיק וקדוש ליל שמחת תורה אוועק געפארן מיט די לעצטע באן פין שטאט בעלזא קיין סקוהל, נאך בערך א האלבע יאר איז דער צדיק אנגעקומען קיין פרעמישלאן, און דארט איז ער געבליבן פאר בערך א יאר, ליידער זענען דארט אנגעקומען די דייטשן ימ"ש און דארט האט מען ליידער אומגעברענגט זיין הייליגן זוהן הרה"ק רבי משה זי"ע, הי"ד, דאס איז געווען א שרעקליכע צער פארן צדיק פארלירענדיג זיין זוהן וואס איז געווען א איש קדוש מאוד, אבער דער צדיק האט דאס מקבל געווען בהאבה און מצדיק געווען דעם דין שמים באהבה.

ווי עס האט דערציילט הגה"ק רבי איסר זלמן מעלצער זי"ע, אז ער האט באזיכט דעם הייליגען בעלזא רב זי"ע אין ארץ ישראל נאך די ביטערע מלחמה, וואס ווי באוויסט האט דער צדיק ליידער פארלוירען זיין גאנצע משפחה און געבליבן איינער אליין, האט דער גאון רבי איסר זלמן געפרעגט דעם הייליגען בעלזא רב זי"ע, ווי אזוי איז דורך ביי אייך די מלחמה, האט דער צדיק געענטפערט מיט א שמחה און קורת רוח בזה"ל, **"כ'האב ברוך השם געהאט קוגל יעדן שבת"**.

ווען דער מצב אין אוקרינה איז געווארן גאר שווער, איז דער צדיק מיט גרויס השתדלות פין די חסידים ברוב רחמיו פינעם באשעפער אנגעקומען קיין **ווישניצא** אין גאליציה, דארט איז דער צדיק געווען אין די **געטו בוכניה**.

ווינטער בשנת תש"ג האט מען צוזאמען גענומען סכומים הגונים כדי צו קענען ראטעווען דעם רבין פין געטו, און מיט גרויסע ניסים איז דער צדיק אנגעקומען קיין **בודאפעסט** ל"ג בעומר בשנת תש"ג, צוזאמען מיט זיין ברודער הרה"ק רבי מרדכי מבילגוריי זי"ע, און שבט בשנת תש"ד איז געלונגען מיט גרויסע ניסים צו ערלעדיגן פארן

רבין א וועג ארויס פון בודאפעסט קיין ארץ ישראל.

דארט אין ארץ ישראל האט דער צדיק קודם געוואוינט אין **תל אביב**, אבער שפעטער האט זיך דער צדיק אריבער געצויגן קיין **ירושלים**, און דאן האט דער צדיק מיט א מסירת נפש ממש צוריק אויף געשטעלט די קהלה קדושה **בעלזא** אין **ירושלים**, **בני ברק**, און **חיפה**, טויזענטער אידן האבן זיך דאן מדבק געווען אין דעם צדיק וקדוש און זענען געקומען מיט האלטן זיין הייליגע עבודת השם, הונדערטער צדיקים בדורו האבן דעם צדיק געהאלטן פאר די צדיק הדור וואס האט לוחם געווען אויף יעדע מנהג און הלכה מיט א מסירת נפש.

דער צדיק מבעלזא איז געווען מפורסם מיט זיין עבודת השם, דער צדיק האט כמעט נישט געגעסן נאר געווען שרוי בתענים רוב פון זיין לעבן, און אפילו שבת קודש האט דער צדיק ממש טועם געווען לכבוד שבת קודש, דער צדיק איז כמעט נישט געשלאפן ספעציעל שבת קודש וואס דאן ווען דער צדיק האט זיך צו געלייגט האט ער מקפיד געווען צו שלאפן מיטן שטריימל אנגעטון.

דער צדיק איז געווען באוויסט מיט זיין הקפדה נישט צו קוקען אויף א **צורת המטבע** און כסדר געהייסן מען זאל אראפ נעמען אלע געלט פינעם טיש חוץ די **מחצית השקל**, דער צדיק האט רוב פון זיין לעבן מקפיד געווען צו זיצן אויפן עק פינעם בענקל און זיך נישט געמאכט באקוועם אויף א בענקל, דער צדיק האט זייער מקפיד געווען אז איינער אונטער די בר מצווה זאל אים נישט געבן די האנט אן דעם וואס עס זאל זיין א האנטיך צווישן די הענט, דער צדיק האט אמאל געזאגט בזה"ל, "**מיט א מידה וואס א מענטש איז געבוירן געווארן, מעג זיך א איד בארימען דערמיט, און איך בין ב"ה געבוירן געווארן מיט די מידת הרחמנות**".

זיינע הייליגע דברי תורה זענען געדריקט געווארן אין די ספרים.

**ספר מהר"א,**
**לקט אמרי קודש.**

דער צדיק האט געהאט זיינע הייליגע קינדער וואס זענען אלע איידער אומגעקומען על קידוש השם ביי די צווייטע וועלט מלחמה דורך די דייטשן ימ"ש.

הרה"ק **רבי משה** זי"ע, הי"ד, חתן הרה"ק **רבי פנחס שלום מוולברום** זי"ע,
הרה"ק **רבי ישראל** זי"ע, הי"ד, חתן הרה"ק **רבי אליהו חיים מסקאהל** זי"ע, (נכד **השר שלום מבעלזא** זי"ע),
בתו **הרבנית הצדקת מרת איידעלע** ע"ה, הי"ד, אשת הרה"ק **רבי משולם ישעי' זושא טברסקי** זי"ע, (בן הרה"ק **רבי פנחס מאוסטילא** זי"ע, חתן הרה"ק **רבי ישכר דוב מבעלזא** זי"ע),
בתו **הרבנית הצדקת מרת רבקה מרים** ע"ה, אשת הגה"ק **רבי שמואל פרנקל** זי"ע, (בן הרה"ק **רבי אברהם יושע העשיל מהובניב** זי"ע),
בתו **הרבנית הצדקת מרת מירל** ע"ה, אשת הרה"ק **רבי יודא וואגשאל מלבוב** זי"ע,
בתו **הרבנית הצדקת מרת שרה ברכה** ע"ה, אשת הרה"ק **רבי ישראל ראזענפעלד** זי"ע, (בן הרה"ק **רבי נפתלי שמואל צבי מקאמינקא** זי"ע),
בנו **אברהם יהושע העשיל** ע"ה, נפטר געווארן יונגערהייט,
בנו **אלעזר מנחם נחום** ע"ה, נפטר געווארן יונגערהייט.

ארץ אל יכסה דמם ואל יהיה מקום לזעקתם עדי עד ישקיף ד' ויראה בצרת עמו ויגאלנו ברחמיו שנית לעיני כל חי בביאת גואל צדק בב"א.

ליל שבת קודש פרשת עקב **כ' אב בשנת תשי"ז** איז דער צדיק געווען זייער שוואך, ביי די טיש האט דער צדיק געזאגט תורה און בתוך הדברים האט ער געזאגט בזה"ל, "**ווען א טאטע אדער א רבי ווערט נסתלק פין די וועלט, אויב זיינע קינדער און תלמידים זענען ממשיך צו פירן אויף גוטן וועג וואס ער האט זיי אויס געלערנט, דאן זענען זיי גורם א נחת רוח און פארמערן די שכר פארן טאטן און רבין בעולם העליון**", שפעטער האבן טאקע די נאנטע דאס גענומען אלס די צוואה פינעם צדיק.

איידער יענעם שבת ביינאכט האט דער צדיק וקדוש געליטן פון א שווערע סטראוק אויפן מח, און מוצאי שבת קודש איז דער צדיק נסתלק

געוואָרן, טויזנטער אידן ובתוכם רוב צדיקים בדורו האבן זיך באטייליגט ביי די לוי' און זענען געקומען אפגעבן דעם כבוד האחרון פארן צדיק הדור, און אלע אידישע קהילות האט מען געמאכט הספדים און מען האט שטארק באוויינט די אבידת הכלל מיט פארלירן אזא צדיק וקדוש פינעם פריערדיגן דור וואס האט געדינט דעם באשעפער מיט א מסירת נפש.

נסתלק לגנזי מרומים **כ"א אב בשנת תרי"ז**, ומנחתו כבוד איז אויפן **הר המנוחות אין ירושלים**, די מקום קדוש פינעם ציון איז מפורסם אלס א מקום ווי אידן קומען דעם גאנצן יאר פאר ישועות ובפרט אינעם טאג פון זיין יארצייט.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**ווי באקאנט האט דער צדיק וקדוש רבי אהרן מבעלזא זי"ע** געהאט א געוואלדיגע אהבת ישראל, דער צדיק האט באמת ממליץ טוב געווען און מלמד זכות געווען אויף יעדן איד, אפילו די וואס זענען ליידער געווען אינגאנצן פארקראכן פונעם ריכטיגע וועג, כסדר האט מען געזעהן ווי דער צדיק האט אפילו מכבד געווען שוואכע אידן און זיי מקרב געווען.

דער צדיק האט באמת נישט געקענט הערן ווי מען רעדט ח"ו שלעכטס אויף א אידיש קינד, סיי ווען מען האט געזאגט א שלעכט ווארט אויף א איד פארענט פינעם צדיק, האט ער גלייך מוחה געווען, ווען מען האט דערציילט פארן צדיק איבער א איד וואס איז ליידער **מחלל שבת**, האט דער צדיק נישט געלאזט מען זאל זאגן אויף א איד "**מחלל שבת**", נאר דער צדיק האט געזאגט, "**שוכח עיקר שבת**", אדער "**יהודי החושב שהוא יום שישי**", דער צדיק האט מיט אן אמת געזאגט, **אז זיכער האט דער איד פארגעסן אז עס איז שבת, אדער מיינט ער אז היינט איז פרייטאג.**

• • •

**מען דערציילט**, אז ווען הרה"ק רבי יוסף גרינוואלד בעל ויחי יוסף מפאפא זי"ע איז ארויף פין אנטווערפן קיין ארץ ישראל, האט א פרוי געבעטן דעם הייליגען ויחי יוסף, אז ער זאל מזכיר זיין איר זוהן ביים צדיק רבי אהרן מבעלזא זי"ע, אז דער זוהן איז רח"ל פארקראכן פין אידישן וועג, און ער זאל בעטן א ברכה פינעם צדיק פאר איר זוהן, אז ער זאל זיך צוריק קערן צום ריכטיגן וועג.

ווען דער הייליגער ויחי יוסף מפאפא זי"ע האט מזכיר געווען דעם זוהן פארן הייליגען בעלזא רב זי"ע, האט ער געזעהן אז עס האט בכלל נישט מעורר געווען דעם רבין, האט ער נאכאמאל מזכיר געווען און מסביר געווען פארן בעלזא רב, **אז ליידער איז דער בחור שוין גאר ווייט פארקראכן.**

דאן האט דער הייליגער בעלזא רב זי"ע געזאגט, אה, **ער איז פון רמב"ם'ס חסידים**, ווייל דער רמב"ם פסק'נט, "**ישראל אף על פי שחטא ישראל הוא**", דער ויחי יוסף האט פראבירט נאכאמאל צו מסביר זיין ווי נידעריג דער בחור האלט שוין רח"ל, אבער דער בעלזא רב האט ווייטער געזאגט, **אה, ער איז נאך מער פון רמב"ם'ס חסידים**, ווייל דער הייליגער בעלזא רב זי"ע **האט באמת נישט געקענט סובל זיין א שלעכט ווארט אויף א איד.**

• • •

**צו פארשטיין נאר אביסל פון די אמונה פשוטה** און די גדלות פינעם צדיק וקדוש רבי אהרן מבעלזא זי"ע, איז ראטזאם צו דערציילן די מעשה, איין יאר פסח אויף דערנאכט איז געזעצן דער צדיק רבי ישכר דוב מבעלזא זי"ע מיט זיינע קינדער ביים טיש.

דער זוהן רבי אהרן איז נאך דאן געווען בערך 4 יאר אלט, און דער זוהן האט זיך צו געקוקט צו די הנהגה פין זיין גרויסן טאטן רבי ישכר דוב מבעלזא זי"ע.

די טאטע דער הייליגער בעלזא רב האט פראבירט צו ארויס באקומען פינעם זוהן די קשיא פין מה נשתנה, וואס ווי באקאנט איז דאך די מצוה פינעם סדר נאכט אז די קינדער זאלן זעהן די אלע אונטערסאנטע מנהגים און פרעגן, און אזוי קען די טאטע מסביר זיין די סיבה פארוואס מען טוט די אלע זאכן כדי צו יוצא זיין למען תספר, **אבער וואס דער טאטע רבי ישכר דוב האט פראבירט האט דער קינד נישט געפרעגט קיין קשיא.**

האט דער טאטע געפרעגט דעם קינד אהרן, **עס איז דיר נישט קיין פלא די אלע זאכן וואס איך טו דא, איז פארוואס פרעגסטו נישט אפילו איין קשיא**, האט דער קינד אהרן געענטפערט מיט א פשטות, "**באמת זענען די אלע זאכן יא א וואונדער פאר מיר, אבער איך פרעגט נישט, ווייל אויף א טאטע פרעגט מען נישט קיין קשיא'ס**", דאס איז געווען זיין גרויסע אמונה און דרך ארץ פאר זיין גרויסן טאטן, אז אפילו ער האט געהאט קשיא'ס, האט ער פארשטאנען אז אויף א טאטע פרעגט מען נישט קיין קשיא'ס.

• • •

**הרה"ק רבי יענקעלע מפשעווארסק זי"ע** וואס האט זיך געהאלטן פאר א גרויסע בעלזא חסיד האט דערציילט, אז בשנת תשט"ז איז ער געווען אין ארץ ישראל, און ער האט געווארט אריין צו גיין צום הייליגען בעלזא רב זי"ע מיט א קוויטל, איז דארט געווען דער קאליבער רב זי"ע פין אמעריקע, און ער האט זייער געוואלט אז די רבי זאל בענטשן א מטבע פאר אים.

ווי באקאנט האט דער צדיק זייער מקפיד געווען נישט צו אן רירן א מטבע איבער הויפט שווייצער געלט וויבאלד עס האט געהאט א שתי וערב געדריקט אויף די געלט, ווען דער קאליבער רב זי"ע האט אראפ געלייגט די געלט אויפן טיש, האט דער הייליגער בעלזא רב זי"ע געפרעגט, "**ס'גוט**", האט ער געזאגט אז יא עס איז גוט, לפלא אזוי ווי דער צדיק האט ארויף געלייגט די הענט האט ער א שריי געגעבן "**אוי, אוי**", און רבי יעקנעלע זי"ע האט שפעטער מפליא געווען די רוח הקדוש און דעם מופת פינעם הייליגען בעלזא רב זי"ע, **אז ער האט גלייך מרגיש געווען וואס די געלט איז.**

• • •

**אמאל איז דער צדיק וקדוש רבי אהרן מבעלזא זי"ע** געווען אין שטאט נעמרוב כדי זיך אביסל צו אפריען, ער איז דאן איין געשטאנען אין שטוב פינעם שוחט וואס האט דעם צדיק גאר שיין אויף גענומען און מכבד געווען מיט א געוואלדיגע ליבשאפט, דער שוחט האט פארן צדיק צו געשטעלט אלעס וואס ער האט געבעטן אויפן בעסטן אופן.

יארן שפעטער איז דער טאכטער פונעם שוחט ליידער זייער נישט געזונט געווארן ר"ל און די דאקטורים האבן שוין געהאט אויף געגעבן אויפן טאכטער, האט דער איד אריבער געשיקט א קוויטל צום הייליגען בעלזא רב רבי ישכר דוב זי"ע, און דער שוחט האט געבעטן **אז מען זאל אויך מזכיר זיין ביים זוהן רבי אהרן זי"ע**, ווען דער שליח איז אנגעקומען קיין בעלזא איז געווען ערב יו"ט, און עס האט זיך געטון א גרויסע טומל אין הויף, הונדערטער אידן האבן געווארט אריין צו גיין צום צדיק רבי ישכר דוב זי"ע.

דער שליח האט ביי זיך געטראכט, אזוי ווי עס איז דאך א דרינגעדער הזכרה און עס זעהט נישט אויס ווי ער וועט אנקומען יעצט צום רבין, וועט ער קודם אריין גיין מזכיר זיין ביים זוהן רבי אהרן זי"ע, ווען דער שליח האט מזכיר געווען די חולה פארן צדיק רבי אהרן מבעלזא זי"ע, האט דער צדיק פונקט געהאלטן אינמיטן טרינקען א טיי און געהאלטן א שטיקל צוקער אין די האנט.

דער הייליגער צדיק רבי אהרן מבעלזא זי"ע האט אויס געהערט די הזכרה, און דאן איז דער צדיק געווארן שטארק צוקאכט און געזאגט בזה"ל, "**יא, ביי זיי האב איך זיך אויף געהאלטן אין נעמרוב, און זיי האבן מיך ערליך באדינט און מקיים געווען די מצוה פון הכנסת אורחים בשלימות**", און דאן האט דער צדיק אנגעוואונטשן א רפואה שלימה בקרוב.

ווען דער שליח איז אהיים געקומען איז די חולנית שוין געווען אסאך בעסער, און מען האט אים דערציילט, **אז זי איז געווען אין גאר א שמאלע מצב, אבער פלוצלונג האט זי געזעהן די צורה פינעם רבין ר' אהרן מבעלזא זי"ע, און ער האט איר געגעבן אין מויל א שטיק צוקער, און באלד איז איר בעסער געווארן**, און טאקע עטליכע טעג שפעטער איז דאס מיידל געווען געזונט כאחד האדם.

• • •

**אין ספר אור הצפון שרייבט דארט איינער א מכתב**, אז זיין שווער הרה"ח ר' דוד זינגער ז"ל וואס איז געווען א גרויסע בעלזא חסיד, האט געהאט די חזקה צו שיקן פארן הייליגען בעלזא רב א געוויסע "**סירופ**" וואס מען האט זיך געפירט אין בעלזא דאס צו טרינקען **ביי שלש סעודות**, און דער הייליגער בעלזא רב זי"ע האט געהאט א מנהג און האט זייער מקפיד געווען, **אז מען זאל די סירופ איבער זייען 3 מאל.**

איינמאל ווען מען האט געברענגט די סירופ פארן הייליגען בעלזא רב זי"ע, האט דער צדיק געפרעגט פון די משמשים אויב מען האט דאס איבער געזייעט 3 מאל, האבן זיי געזאגט פארן רבין, אז דאס האט געשיקט ר' דוד זינגער וואס איז א גרויסע חסיד פינעם רבין און ער ווייסט די הקפדה און ער האט דאס זיכער איבער געזייעט 3 מאל, אבער דער צדיק האט איבער געפרעגט אפאר מאל.

ביז דער חסיד ר' דוד האט זיך געכאפט, אז דאס מאל האט ער דאס געגעבן פאר א איידעם זיינער צו איבער זייען, און דער איידעם איז אויף געקומען מיט א פאטענט, **אז ער האט גענומען דריי שמאטעס איינס אונטער די אנדערע און עס אזוי איבער געזייעט**, דאן האט מען געזעהן די רוח הקדוש פינעם רבין, **אז ער האט דאס גלייך מרגיש געווען ווען מען האט אים געברענגט די סירופ**.

• • •

**עס האט דערציילט הרה"ק רבי שמעון אהרן פולאנסקי טעפליקער רב זי"ע**, אז ווען דער הייליגער צדיק רבי אהרן מבעלזא זי"ע איז ארויף געקומען קיין ארץ ישראל, איז ער א שטיק וועג געפארן דורך די יבשה, דורך פארענדיג לבנון, האט אים דארט מקבל פנים געווען א מקורב פון אינדערהיים וואס איז געווען א אדוואקאט, און ער האט געפרעגט דעם רבין "**וואס מאכט די משפחה**".

ליידער האט דער צדיק פארלוירן די גאנצע משפחה ביי די מלחמה, האט דער צדיק געזאגט בזה"ל, "**פון דעם וויל איך נישט רעדן, כדי עס זאל נישט אויסזעהן ח"ו ווי איך בין מהרהר אחר מידותיו ב"ה**", און ווען דער הייליגער טעפליקער רב זי"ע פלעגט דאס דערציילן, פלעגט ער וויינען און זאגן, קוקט ווי א מענטש זאל זיך אזוי דערהייבן ווי די מלאכי השרת און קיין שום מענטשליכע נגיעות.

• • •

**הרה"ק רבי פנחס מאוסטילא זי"ע** וואס איז געווען א איידעם ביים צדיק רבי ישכר דוב מבעלזא זי"ע האט דערציילט, אז די ערשטע יארן נאך די חתונה איז זיין שוואגער דער צדיק וקדוש רבי אהרן מבעלזא זי"ע געווען זייער נישט געזונט, און דער דאקטער האט געהייסן, **אז צוליב זיין געזונט זאל ער נישט גיין אין מקו'**, און זיין פאטער רבי ישכר דוב זי"ע האט גאנץ גוט געוויסט ווער זיין הייליגע זוהן רבי אהרן איז, **דערפאר האט ער אים געזאגט בתורת כיבוד אב, אז ער זאל נישט גיין אין מקו' צוליב זיין געזונט**.

דערציילט רבי פיניאלע מאוסטילא זי"ע, אז איין טאג פארטאג'ס זעהט ער ווי דער שוואגער רבי אהרן גייט ארויס אויפן וועג צו די מקו', און נאך פופצן מינוט קומט ער צוריק, עס איז געווען א שטארקע וואונדער פארן שוואגער וויסענדיג אז דער שוואגער וואלט קיינמאל נישט עובר געווען אויף א באפעהל פון זיין גרויסן טאטן.

דערפאר האט זיך דער צדיק רבי פיניאלע זי"ע דעם אנדערן פרימארגן באהאלטן אין מקו' צו זעהן וואס דער שוואגער גייט טון, צו זיין וואונדער זעהט ער, ווי דער צדיק רבי אהרן זי"ע קומט אריין אין מקו' און טוט זיך אויס זיינע קליידער און גייט אראפ די טרעפ פון די מקו', און בלייבט שטיין ביים לעצטן טרעפל פון די מקו' און זאגט, "**הנני מוכן ומזומן מקיים צו זיין מצות כיבוד אב זיך נישט צו טובל'ן אין די מקוה**", און דערנאך האט זיך דער שוואגער צוריק אנגעטון און אהיים געגאנגען.

• • •

**אין ארץ ישראל זענען אמאל געקומען צום רבין** דער צדיק רבי אהרן מבעלזא זי"ע דריי געשוויסטער וואס האבן זיך מיט גרויסע חסדים געראטעוועט נאכן צווייטן וועלט מלחמה צוזאמען מיט זייער מאמע'ן, אבער ליידער איז די מאמע געווארן שטארק קראנק און געלעגן אין א שווערע צעשטאנד אין הדסה שפיטאל.

און ווען די געשוויסטער זענען אנגעקומען צום רבין, האבן זיי נישט געקענט אריין גיין, האבן זיי אנגעהויבן זייער שרייען און וויינען אין די שטוב אינדרויסן, און ווען דער צדיק וואס איז געווען א בעל רחמנות נורא האט געהערט די געוויין, האט ער געהייסן מען זאל זיי אריין לאזן.

די געשוויסטער האבן זיך זייער אויס גערעדט און דערציילט די צושטאנד פון זייער מאמע, און איינע פון די שוועסטער'ס האבן אנגעהויבן זאגן פארן רבין, אז אויב זייער מאמע וועט רח"ל שטארבן וועלן זיי אלע רח"ל גיין אין א פרייער קיבוץ, ווייל דאס איינציגסטע זאך וואס האלט זיי נאכן ביטערן חורבן, איז זייער ערליכע מאמע, דער

צדיק איז געזעצן און זיך פארטראכט און עס האט אפילו אויס געזעהן ווי ער דרימלט.

אבער פלוצלונג האט זיך דער צדיק אויף געכאפט פון זיין דביקות און זאגט פארן גבאי, אז ער זאל זיי פרעגן ווי אלט די מאמע איז, האבן זיי געזאגט **אז די מאמע איז 56 יאר אלט**, האט דער הייליגער צדיק מבעלזא זי"ע געזאגט בזה"ל, "**דוד המלך ע"ה זאגט דאך יְמֵי שְׁנוֹתֵינוּ בָהֶם שִׁבְעִים שָׁנָה, אוי, אוי, נאר זעקס און פופציג**", און אזוי האט דער צדיק דאס איבער געזאגט אפאר מאל, ביז דער גבאי האט זיי געוואונקן אז זיי קענען שוין פארלאזן דעם צומער, לפלא נישט לאנג נאכדעם איז די מאמע געזונט געווארן און נאך זוכה געווען צו חתונה מאכן די קינדער, **און ביי 70 יאר אלט איז די מאמע נפטר געווארן**.

• • •

**הרה"ח ר' יהושע יאקאבאוויטש ז"ל האט דערציילט**, אז ער איז געווען א אפטער גאסט אין שטוב פונעם צדיק וקדוש רבי אהרן מבעלזא זי"ע, ער האט אסאך עוסק געווען אין שטאט פעסט צו ארויס העלפן אין שטוב פונעם רבין, איין טאג איז ער געווען פארנומען מיט א ענין פון פיקוח נפש, און ער האט נישט געהאט קיין צייט צו דאווענען בעפאר.

שפעטער נאכמיטאג איז ער געקומען אין שטוב פונעם בעלזא רב זי"ע, ווען ער איז אריין אין שטוב נעמען שלום פונעם רבין, **האט דער צדיק לפלא גענומען א האנטיך און דאס ארום געבינדן די האנט און אזוי געגעבן שלום פאר ר' יהושע**, עס איז געווען א שטארקע וואונדער פארן גבאי'ן, וויבאלד דער ר' יהושע איז דאך געווען א בן בית ביים רבין.

אבער ווען ער איז ארויס געקומען האט ער געזאגט פארן גבאי'ן, זארג זיך נישט, איך ווייס פארוואס די רבי האט מיר געגעבן די האנט מיט א האנטיך, **ווייל איך האב נאך היינט נישט געלייגט קיין תפילין**, און דאס האט דער צדיק גלייך מרגיש געווען.

• • •

**הגה"צ רבי יצחק שלמה אונגאר זי"ע וואס האט געדינט אלס רב אין שטאט "דיר יאסין"** וואס איז אין שכינות פון ירושלים, האט דערציילט, אז איין טאג זענען ליידער זעקס קינדער קראנק געווארן מיטן מחלה "**פאליא**", וואס בימים ההם האט מען נאכנישט געהאט קיין רפואה אויף די מחלה, זענען א קבוצה פון די קהלה אריבער געפארן צום צדיק וקדוש רבי אהרן מבעלזא זי"ע און מזכיר געווען די צרה און זיך געבעטן מיט תחנונים אז ער זאל וואונטשן א רפואה שלימה פאר די קינדער.

האט דער הייליגער בעלזא רב זי"ע געזאגט פאר די אידן, **אז מען זאל גיין בודק זיין די מזוזות ביי א חסידישע סופר**, האבן די אידן געפרעגט דעם רבין, ווי וועט מען טרעפן א בעלזא חסיד א ערליכע סופר, האט דער צדיק געזאגט מיט א שמייכל, **דו מיינסט א חסידישע סופר איז נאר איינער וואס הויבט אהן ביי שלש סעודות "יצוה" כמנהג בעלזא, א חסידישע סופר מיינט, איינער וואס ריירט נישט די בארד**, מען האט טאקע באלד געלאזט בודק זיין די מזוזות ביי א ערליכע סופר, און די אלע קינדער זענען פולקאם געזונט געווארן.

• • •

**ווי באוויסט פלעגן אסאך גדולי ישראל קומען צום זיידן רבי יהושע'לע מבעלזא זי"ע** זיך דורך שמועסן פארשידענע וויכטיגע ענינים, אמאל איז דער הייליגער שינאווא רב זי"ע געקומען אלס גאסט קיין בעלזא צום צדיק רבי יהושע'לע מבעלזא זי"ע, האט זיך דער הייליגער בעלזא רב אנגעריפן צום שינאווא רב זי"ע, קומט, איך וועל אייך ווייזן א וואונדערליכע זאך, און זיי זענען ביידע אריין אינעם צומער ווי דער אייניקל אהר'לע איז געשלאפן, און דער זיידע רבי יהושע האט געזאגט פארן הייליגען שינאווא רב זי"ע בזה"ל, "**באטראכט נאר גוט דעם פיצל קינד, וואס איז נאך נישט קיין יאר אלט, און זעהט ווי אזוי ער שלאפט, מיט וואס פאר א קדושה און טהרה**".

דערציילט דער הייליגער שינאווא רב זי"ע, ווי איבערראשט ער איז געווען, ווען ער האט באמערקט ווי א פליג האט זיך פונקט געשטעלט אויפן קעפל פונעם קינד, **און דאס קינד האט אראפ געצויגן די ארבל פון זיין העמדל און באדעקט זיין הענטעלע**, און אזוי פארטריבן די פליג פון זיין קאפ, נישט וועלנדיג אומריין מאכן זיינע הייליגע הענט מיטן אנרירן זיין קאפ, און באלד האט זיך דער זיידע רבי יהושע'לע זי"ע אנגערופן בזה"ל, "**איר האט יעצט באטראכט בלויז זיינע הייליגע הענט און**

**הייליגע פנים, אבער זיינע הייליגע אויגן קען נאר פארשטיין איינער וואס איז אין גאר א הויכע מדרגה, ווייל זיי זענען געוואלדיג הייליג"**.

• • •

**אמאל ווען דער צדיק רבי אהר'לע מבעלזא זי"ע** איז נאך געווען א קליין קינד, האט רח"ל אויסגעבראכן א שרעקליכע פייער אין ביהמ"ד אין שטאט בעלזא, דער גאנצער עולם איז גלייך אריין געלאפן אין ביהמ"ד ראטעווען די ספרי תורת פין די פייער, פלוצלונג זעהט מען ווי דער זיידע דער צדיק וקדוש רבי יהושע'לע זי"ע לויפט ארויס צווישן די פלאמען, און האלט דעם קינד אהרן אין די האנט און רופט זיך אן, "**אויך איך האב געראטעוועט פונעם פייער א לעבעדיגע ספר תורה וואס וועט אויפלעבן טויזענטער און טויזענטער אידן צו דינען דעם באשעפער און לערנען זיין תורה**".

• • •

**ווי באקאנט איז דער צדיק וקדוש רבי אהר'לע מבעלזא זי"ע** געווען שטארק נזהר זיין גאנץ לעבן אין שמירת עינים, דער צדיק האט ממש נישט ארויס געקוקט פון זיינע ד' אמות און אפילו נישט אויפגעהויבן זיין קאפ סתם אזוי, און ווי באקאנט האט דער זיידע דער צדיק רבי יהושע'לע זי"ע אמאל געזאגט מוסר פאר זיינע אייניקלעך איבער ענינים ווי אזוי מען זאל עסן און אויך איבער ענינים פון שמירת עינים, און דער זיידע האט געזאגט, "**אז מען קען זיך די זאכן אפלערנען פונעם אייניקל אהר'לע**".

סוף ימיו האט דער צדיק וקדוש רבי אהר'לע מבעלזא זי"עליידער אסאך געליטן אויף די אויגן, איינמאל איז דער צדיק געווען ביים דאקטאר פאר א אינטערזיכונג, און דער דאקטער האט געוואלט אונטער זיכן די אויגן, האט ער געזאגט פארן רבין, אז ער זאל אויפהייבן די אויגן און ארויס קוקען פון די פענסטער צו זעהן ווי די פייגל פליען, אזוי וועט ער בעסער קענען מאכן די אוטערזיכונג, האט דער צדיק וקדוש געזאגט פארן דאקטער, "**איך האב אין מיין לעבן נאך נישט געזעהן א פויגל**".

• • •

**הגה"צ רבי משה יאיר ווינשטאק ממקובלי ירושלים זי"ע** האט דערציילט א מעשה, וואס ער האט געהערט פונעם בעל המעשה אליין, א יונגערמאן א גרויסע בעלזא חסיד איז ל"ע קראנק געווארן מיט א שווערע לונגען ענצינדונג, און ער איז געלעגן אין שפיטאל ביטער קראנק, דער פראפעסאר וואס האט אים באהאנדלט איז געווען פון די בעסטע אין לונגען אפטיילונג, דער פראפעסאר האט געשטאמט פון א מיוחס'דיגע און חשובע משפחה, אבער ליידער איז ער געווען ווייט פון אידישקייט, און דער פראפעסאר האט באשטעטיגט, אז דער יונגערמאן איז אין א גרויסע סכנה אז די וואסער אין די לונגען זאל ח"ו אנקומען צו זיין הארץ.

די מאמע פונעם יונגערמאן איז געווען א טאכטער פון איינע פון די חשובי חסידי בעלזא וואס האט נאך זוכה געווען צו זיין א גבאי ביים זיידן דער צדיק רבי ישכר דוב זי"ע, איז זי גלייך אריבער געלאפן צום צדיק רבי אהרן מבעלזא זי"ע, מען האט איר געזאגט אז מען קען יעצט נישט אריין גיין, אבער זייענדיג פארביטערט האט זי אנגעהויבן שרייען ביז דער צדיק האט געהייסן מען זאל איר גלייך אריין לאזן, די פרוי האט זייער געוויינט צום צדיק און געבעטן אז דער צדיק זאל פועל'ן א ישועה פאר איר זוהן.

דער צדיק האט אראפ געלייגט די קאפ און אריין אין א דביקות, און דאן האט דער צדיק געזאגט פאר די פרוי מיט א פעסטקייט, "**ער האט נישט קיין וואסער אין די לונגען, גייט צוריק אין שפיטאל און בעהט דעם פראפעסאר ער זאל מאכן נאכאמאל א עקסרעי אויף די לונגען, און אי"ה נאך פאר שבועות וועט ער אהיים קומען פון שפיטאל**", הערנדיג די קלארע ריידט פונעם צדיק, איז די פרוי מיט איר שטארקע אמונת צדיקים גלייך אריבער געלאפן אין שפיטאל, און געזאגט פארן פראפעסאר וואס די רבי האט געהייסן טון.

דער פראפעסאר האט זיך קודם נישט וויסנדיג געמאכט און אויס געלאכט פון די פרוי זאגנדיג אז ער האט שוין פעסט געשטעלט אז די לונגען זענען פיל מיט וואסער און ער האט נישט קיין ספק אין דעם, אבער ווען די פרוי האט זיך פאר'עקשנ'ט און נישט נאכגעלאזט און געזאגט, אז אויב די רבי האט אזוי געהייסן דארף מען שוין אזוי טון, האט דער דאקטער איבער געמאכט דעם עקסרעי, און צו זיין איבערראשונג האט ער געזעהן, **אז עס איז נישט דא קיין זכר פון קיין וואסער אין די לונגען, א זאך וואס**

**ער האט מיט א טאג פריער געזעהן מיט די אייגענע אויגן.**

דער גרויסער פראפעסאר איז געווען שאקירט און זיך אנגערופן, "**איך האב שוין געזעהן אסאך רבי'ס, אבער דער רבי איז א מלאך, שוין צוויי און פערציג יאר וואס איך בין א גרויסע ספעציעליסט אין שפיטאל אין די לונגען, און אזא זאך האט נאך ביי מיר נישט פאסירט**", און דער פראפעסאר האט געבעטן, אז ער וויל אליין אריבער גיין זעהן דעם רבין וואס האט באוויזן אזא אפענע מופת, און דער דאקטער איז טאקע אריבער געפארן צום רבין.

ווען ער איז אנגעקומען צום צדיק רבי אהרן מבעלזא זי"ע, און ער האט געוואלט געבן די הענט שלום נעמען פונעם רבין, האט דער הייליגער בעלזא רב זי"ע גלייך געזאגט, אז ער וועט אים בשום אופן נישט געבן די הענט, **נאר אויב ער וועט זיך פאר נעמען צו אויפהערן רייכערן שבת און אנהייבן לייגן תפילין.**

דער פראפעסאר נאכן זעהן די גרויסע כוח פונעם רבין האט גלייך מסכים געווען און זיך פאר גענומען אז ער וועט אויס פאלגן אלעס וואס די רבי האט געבעטן, און דאן האט דער צדיק געגעבן די הענט און געוואונטשן ברכה והצלחה פארן פראפעסאר, און פון דאן איז דער פראפעסאר געווארן א ערליכער איד א שומר תורה ומצוות.

שפעטער ווען דער יונגערמאן איז אינגאנצן געזונט געווארן איז ער געקומען אפגעבן א הודאה פארן בעלזא רב זי"ע, האט אים דער צדיק רבי אהרן מבעלזא זי"ע געגעבן א צעטיל בכתב יד קדשו און געזאגט, אז ווען ער וועט האבן די אפעראציע זאל ער די צעטיל לייגן אונטער קאפ, עס איז געווען א גרויסע פלא פאר דעם יונגערמאן, ווייל ערשט יעצט איז ער דאך ארויס פון שפיטאל און דא רעדט די רבי פון א אפעראציע.

און נאך מער איז ער געווען איבעראשט ווען דער צדיק האט אים געזאגט, אז ער האט נאך קיינמאל נישט געגעבן א כתב פאר שמירה, אבער פאר אים געט ער דאס, ווייל אין זיין זכות האט דער פראפעסאר תשובה געטון און ער וועט שטארבן מתוך תשובה שלימה, **און לפלא א וואך שפעטער איז דער פראפעסאר נפטר געווארן נאכדעם וואס ער האט זוכה געווען צו תשובה שלימה.**

לפלא א שטיק צייט שפעטער האט דער יונגערמאן געברויכט דורך גיין א גאר שווערע און סכנת'דיגע אפעראציע אזוי ווי דער הייליגער בעלזא רב זי"ע האט פאראויס געזאגט, און מען האט טאקע אונטער געלייגט דעם צעטיל אונטערן קאפ פונעם יונגערמאן, און טראץ וואס די אפעראציע איז געווען א ערנסטע געפארפול אפעראציע, איז דאס געלונגען אין זכות פונעם שמירה צעטיל וואס די רבי האט אים געגעבן, און דער יונגערמאן איז פולקאם געזונט געווארן.

• • •

**צוויי בחורים פון פולין האבן זיך געברויכט שטעלן צו די מיליטער**, און זיי זענען געקומען זיך מזכיר זיין ביים צדיק וקדוש רבי אהרן מבעלזא זי"ע, דעם ערשטן בחור האט דער צדיק גלייך געוואונטשן, **אז ער זאל גרינגערהייט באפרייט ווערן פון די מיליטער**, ביים צווייטן בחור האט זיך דער צדיק אויפגעשטעלט און אנגעהויבן ארום שפרייזן דעם צומער עטליכע מאל אהער און אהין, און דערנאך איבער געליינט די קוויטל, און ביי די ענדע האט דער צדיק אנגעוואונטשן פארן צווייטן בחור, "**ער זאל געראטעוועט ווערן פון די גוי'אישע הענט**".

דער ערשטער בחור איז טאקע גלייך באפרייט געווארן פון מיליטער, אבער דער צווייטער בחור האט קודם באקומען א אפשטופונג, און נאך א יאר האט מען אים נאכאמאל אפגעשטופט, אבער ביים דריטן מאל האט מען אים אריין גענומען אין מיליטער, אבער אין פולין איז געווען א געזעץ, אז ווען עס איז געווען איבעריגע סאלדאטן, האט מען געמאכט א גורל, און ווער עס האט געווינען די גורל איז באפרייט געווארן פון די מיליטער, און א קורצע צייט נאכן אריין גיין אין מיליטער, **איז דער צווייטער בחור ארויס אין די גורל, און איז באפרייט געווארן פון די מיליטער.**

• • •

**א בחור פון שטאט פעסט מיטן נאמען יונה** האט זיך ליידער גאר שטארק געמיטשעט מיט די מחלה פון "**נפילה**", עס האט זיך ליידער געמאכט יעדע צוויי וואכן צום טאג איז דער בחור ליידער צוזאמען געפאלן, און מען האט געברויכט שווער

ארבעטן אים צו דערמינטערן, די צובראכענע מאמע איז ארום געלאפן מיטן בחור צו גרויסע דאקטוירים צו זיכן א רפואה, אבער אלע האבן געהויבן הענט און געזאגט, אז עס איז ליידער נישט דא מיט וואס זיי קענען דעם בחור העלפן.

דער צדיק רבי אהרן מבעלזא זי"ע האט זיך דאן געפינען אין שטאט פעסט, האט די צובראכענע מאמע אויס גענוצט די געלעגנהייט און אריין צום צדיק מיט א קוויטל און אויס געוויינט איר ביטער הארץ און געבעטן דעם צדיק פאר א ברכה אז איר בחור זאל האבן א רפואה שלימה בקרוב, די רבי האט געליינט איר קוויטל און זיך פארטיפט אין זיינע הייליגע געדאנקען און דערנאך געוואונטשן א ברכה, "**יונה בן מרים זאל האבן א רפואה שלימה**".

אין יענע יארן ווען מען האט זיך געברויכט שטעלן צו די מיליטער, האבן אידן אנגעוואנדן אלע מיטלען זיך ארויס צו דרייען פון די מיליטער, איינע פון די וועגן איז געווען, אז מען האט געדינגען איינעם וואס האט געליטן פון א קרענק, אז יענער זאל זיך שטעלן אנשטאט אים, און וויבאלד מען האט דאך נישט געהאט דאן קיין בילדער אויף די דאקומענטן, האט מען דאך נישט געוויסט אויב דער איז טאקע יענער וואס ברויך זיך שטעלן, און אזוי ארום האט מען זיך ארויס געדרייט פון די מיליטער.

דער בחור יונה וויבאלד ער האט דאך געליטן פונעם מחלה נופל, האט ער זיך פארדינגען פאר א באשטימטע פרייז זיך צו שטעלן אנשטאט אן אנדערן צו די מיליטער, און אזוי ווי ער האט דאך געוויסט אז אין אפאר טאג וועט ער ליידן פון די מחלה, איז ער געווען זיכער אז ער וועט באפרייט ווערן, אבער לפלא איז דאס געווען נאך די ברכה פינעם הייליגען בעלזא רב זי"ע, **און ווארטענדיג דארט אין די אפיס פון די מיליטער האט מער נישט פאסירט די נפילה**.

פארשטייט זיך אז די חברה דארט האבן אנגעהויבן חושד זיין אז דער בחור האט געזאגט ליגענט, דער בחור איז געווארן זייער באזארגט, ווייל מען וועט אים נאך באשטראפן פארן אויסנאר'ן די מיליטער, האט ער געלאזט וויסן פאר די מאמע וועגן די צרה, איז די מאמע גלייך אריבער געלאפן צום הייליגען בעלזא רב זי"ע, און מיט טרערן אין די אויגן האט זי דערציילט וואס דא האט פאסירט, און אז עס קען נאך דראעהן תפיסה פאר איר בחור, דער הייליגער בעלזא רב זי"ע האט זיך פארטראכט פאר עטליכע מינוט, און דאן זאגט ער פאר די מאמע, "**נו, זאל ער פאלן נאך איין מאהל**".

לפלא אזוי ווי דער צדיק דער הייליגער בעלזא רב זי"ע האט געזאגט האט פאסירט, דער בחור יונה האט באקומען די נפילה און איז צוזאמען געפאלן אין די אפיס פון די מיליטער, פארשטייט זיך מען האט אים גלייך געגעבן א מיליטערישע באפרייאונג צעטיל, **אבער פון דאן האט דער בחור מער נישט געליטן פון די קרענק זיין גאנץ לעבן**, אלעס דורך די ברכה פונעם הייליגען בעלזא רב זי"ע.

• • •

**איין טאג איז דער משמש הרה"ח ר' גרשון רייוועד ע"ה** אריין געקומען צום הייליגען בעלזא רב רבי אהרן זי"ע, און לפלא פרעגט אים די רבי, **אויב ער האט שוין היינט געלייגט רבינו תם'ס תפילין**, דער משמש האט געזאגט פארן רבין, אז ער האט געלייגט רבינו תם'ס תפילין.

אבער דעם קומענדיגע טאג האט די רבי נאכאמאל געפרעגט פונעם משמש די זעלבע קשיא, האט דער משמש פארשטאנען אז יש דברים בגו, ער האט טאקע געגעבן צו בודק זיין די רבינו תם'ס תפילין, **און לפלא איז דאס טאקע געווען פסול, און דאס האט דער צדיק גלייך מרגיש געווען**.

• • •

**הרה"ח ר' אשר יאקאב ז"ל** וואס איז געווען די בעל אכסניא פונעם הייליגען בעלזא רב רבי אהרן זי"ע אין שטאט קטמון אין ירושלים האט דערציילט, אז איין זומער טאג איז דער משמש געקמען בעטן, אויב ער האט אביסל מילך פאר רבין, דער ר' אשר האט מיט גרויס פריידט האבענדיג די זכי' צו מחי' זיין דעם צדיק אהין געגעבן מילך, אבער נאך אפאר טאג וואס מען האט יעדן טאג געבעטן מילך פארן רבין האט דער ר' אשר געטראכט ביי זיך, עס פאסט באמת נישט אז מען ברויך קומען יעדן טאג בעטן מילך פארן רבין.

האט דער ר' אשר באשלאסן, אז אזוי ווי נעבן זיין ארבעט אין די געגנט פון גבעת שאול וואוינט א ערליכער איד ר' אפרים קארפ ז"ל פון שטאט לאנצהוט, וואס דער איד האט א פארם מיט עטליכע קיהען, האט ר' אשר געמאכט א געוואוינהייט, אז יעדן טאג איז ער אריבער צו דעם פארם, און גענומען א באטל מילך און דאס אריבער געטראגן צום הייליגען בעלזא רב זי"ע אין שטוב, דער הייליגער בעלזא רב האט אים שטארק מכיר טובה געווען אויף דעם, אבער האט אים זייער געבעטן, אז ער זאל יעדן טאג בעפאר מען מעלקט די מילך, **מאכן זיכער אז די טאפ אין וואס מען מעלקט זאל זיין אינגאנצן ריין**.

איין טאג איז דער ר' אשר אנגעקומען אביסל שפעט, און האט נישט אנגעיאגט צו בודק זיין די טאפ אויב עס איז געווען אינגאנצן ריין, אבער ער האט געקענט דעם בעל הבית פונעם פארם, און געוויסט אז ער איז א ערליכער איד און האט זיכער געמאלקן די מילך אן קיין שום שאלות אויף כשרות, אבער לפלא יענעם טאג איז דער גבאי געקומען רופן דעם ר' אשר אז די רבי ריפט אים.

און צו זיין איבעראשונג פרעגט אים דער הייליגער בעלזא רב, "**אשר, צו קוקסטו אינעם טאפ פארן מעלקן**", דערציילט דער ר' אשר, א ציטער האט מיך געכאפט זעהנדיג די אפענע רוח הקדוש פונעם הייליגען בעלזא רב, און פון דאן האט ער שוין אכטונג געגעבן צו זיין בשעת מען מעלקט די מילך פארן רבין, צו מאכן זיכער אז די טאפ איז אינגאנצן ריין.

• • •

**דער הייליגער צדיק רבי איציק'ל מפשעווארסק זי"ע האט דערציילט**, אז הרה"ק רבי אהרן מבעלזא זי"ע האט געזאגט, **אז יעדער איד וואס איז ניצול געווארן פון די נעגל פון די דייטשן ימ"ש ביי די מלחמה, האט געהאט צוויי מלאכים וואס האבן אים באגלייט די גאנצע צייט**, און רבי איציק'ל האט צו געלייגט, דאס אז איין מלאך איז נישט גענוג געווען ווייזט וואסערע סכנה מען איז געווען, און כדי ניצול צו ווערן האט מען געברויכט צוויי מלאכים.

• • •

**הרה"ח ר' שמשון מרגליות ז"ל האט דערציילט**, אז ווען ער האט געוואוינט אין שטאט צפת, האט זיך דארט אין צפת בשנת תש"ה אויפגעהאלטן פאר א שטיק צייט דער צדיק וקדוש רבי אהרן מבעלזא זי"ע, ער פלעגט כסדר גיין צום שולחן הטהור פונעם בעלזא רב זי"ע, אבער דאוונען פלעגט ער אין ביהמ"ד האר"י, ווייל ער איז דארט געווען בעל תפילה.

ביים טיש פלעגט מען שטעלן ווייין און אויסריפן די נעמען ווער עס שטעלט ווייין, זיין גאנצע נאמען איז געווען "**יעקב שמשון**", אבער געריפן האט מען אים נאר **שמשון**, אויך ביים שטעלן ווייין ביים טיש האט מען אויסגריפן שמשון, איין וואך ביים טיש האט ער אזוי געטראכט ביי זיך, פארוואס זאג איך נישט מען זאל מיך אויסריפן מיט מיין גאנצע נאמען, און ער האט געטראכט פון זאגן פארן גבאי אז ער זאל זאגן זיין גאנצע נאמען, לפלא יענע רגע וואס ער האט אזוי געטראכט וועגן די נאמען, ווענדט זיך דער הייליגער בעלזא רב זי"ע צו אים און זאגט אים, "**יעקב שמשון דא האט איר שיריים**", ויהי לפלא.

• • •

**א מעשה פלא האט דערציילט הרה"ח ר' אברהם קאהן ז"ל**, בשעת ווען דער הייליגער צדיק וקדוש רבי אהרן מבעלזא זי"ע האט געוואוינט ביי די צווייטע וועלט מלחמה אין בודאפעסט, איז איין טאג אנגעקומען צום שטוב פונעם רבין א פרוי, און זי האט זיך אויס געוויינט צום צדיק, אז מען האט איר מאן ארעסטירט און אריין געזעצט אין תפיסה וואס פון דארט גייט מען קיינמאל נישט ארויס, און זי האט געבעטן דעם רבין אז ער זאל איר העלפן.

די רבי דער צדיק מבעלזא האט גלייך געלאזט ריפן איינע פון די ראשי הקהילה אין בודאפעסט, און דער צדיק האט אים געבעטן, אז ער זאל טון וואס ער קען צו באפרייען דעם איד פון תפיסה, דער איד ווען ער האט געהערט וואס די רבי בעט אים האט ער גלייך געזאגט, רבי איך קען באמת גארנישט טון איבער דעם וויבאלד ער האט באמת נישט קיין שום קשר ווי אזוי דאס צו ערלעדיגן, אבער דער צדיק האט זיך נישט געלאזט און געוואונטשן פאר דעם איד אז השי"ת זאל מצליח זיין דיין וועג.

דער איד איז ארויס פונעם שטוב און האט באמת נישט געוויסט וואס ער זאל דא טון, אבער

גייענדיג אויפן בריק וואס גייט דורך העכער די טייך דונאי האט ער געזען פלוצלונג, ווי עס קומט א קעגן א גענעראל וואס איז געווען אינגאנצן שיכור, און ווען דער גענעראל איז צו געקומען נאנט צו אים, האט דער גענעראל געפרעגט פון דעם איד, די קענסט מיך נישט, איך האב מיט דיר געלערנט יארן צוריק אין ישיבה.

דאן האט אים דער גענעראל דערציילט, אז היינט האט מען אים געהעכערט אין ראנג און מען האט אים צו געלייגט א שטערן, און מען האט אים געשטעלט אלס דער וואס נעמט קער פונעם תפיסה, און דער גענעראל זאגט דעם נאמען פונעם תפיסה ווי יענער איד איז געזעצן, און דער גענעראל האט אים גערופן אז ער זאל מיט אים קומען צום גרויסע פארברענג וואס מען האט געגרייט לכבוד זיין העכערונג אין ראנג.

דארט ביים סעודה האט דער גענעראל פאר געשטעלט דעם חבר פאר אלע זיינע חברים און געזאגט פאר דעם איד, **אז לכבוד די גרויסע טאג וועט ער אים ערפילן וואסערע בקשה ער וועט אים בעטן**, האט דער איד דערציילט פאר דעם גענעראל איבער דעם איד וואס זיצט אין תפיסה, און געבעטן אז ער זאל דעם איד באפרייען, דער גענעראל האט אבער געזאגט פאר זיין חבר, אז דאס קען ער נישט טון, ווייל מען וועט אים נאך באשטראפן, ווייל ווען מען וועט ציילן די ארעסטאנטען, וועט מען זעהן אז עס פעילט איינער.

אבער דער איד האט זיך איינגעבעטן, אז ער האט דאך אים צו געזאגט אז ער וועט ערפילן סיי וואסערע בקשה, און ער בעט אים זייער אז ער זאל דעם איד באפרייען, דאן האט דער גענעראל געזאגט, אז ער האט א עצה פאר דעם, ער איז אריבער צו א אנדערן תפיסה און געברענגט א אנדערע ארעסטאנט פון יענעם תפיסה צו זיין תפיסה, און אינמיטן די נאכט האט ער באפרייט דעם איד, און אזוי האט דער ראש הקהל ערפילט דעם בקשה פונעם צדיק מיטן כוח פונעם צדיק.

• • •

**הרה"ק רבי בנימין מנדלסון אב"ד קוממיות זי"ע** וואס איז געווען א שטיף איידעם פונעם בעלזא רב זי"ע האט דערציילט, ווי ער האט געזעהן אמאל די הייליגע אויגן פונעם הייליגען צדיק רבי אהרן מבעלזא זי"ע, ווי באקאנט איז די דערפל קוממיות געווען איינע פון די איינציגסטע שטעט וואס האבן מיט א מסירת נפש ממש געהיטן שמיטה ווי די הלכה איז.

און ווי מען דערציילט איז איין יאר שמיטה געקומען א מכה פון היישריקן אין די גאנצע געגנט פון קוממיות, וואס האט שאדן געמאכט אלע פעלדער, **אבער נאר אין קוממיות איז נישט אנגעקומען קיין איין היישריק**, און דאס האט ארויס געריפן א גרויסע קידוש השם זעהנדיג ווי דער באשעפער היט אויפן שטאט.

דער רב רבי בנימין זי"ע פלעגט כסדר מחזק זיין די אידן פון שטאט אז מען זאל זיך האלטן שטארק למען קדושת ארץ ישראל און שמירת המצוות און היטן שמיטה ווי מען ברויך, און ווען דער רב פלעגט גיין צום הייליגען בעלזא רב זי"ע מיט א קוויטל, פלעגט ער אויך מיט ברענגען א קוויטל פון די שטאט מענטשן און זיי אויך מזכיר געווען ביים צדיק מבעלזא.

איין טאג האט א איד פון שטאט מכבד געווען דעם רב מיט סנדקאות, אבער דער רב איז שוין איינמאל געווען סנדק ביי א אנדערן קינד פון דעם איד, און ווי עס ווערט געברענגט זאל א איד נישט נעמען צוויי מאל סנדקאות ביי דעם זעלבע משפחה, און אפילו מען האט זיך געפירט אז א רב אדער א רבי האט יא גענומען צוויי מאל סנדקאות, האט דער רב נישט געוואלט נעמען נאכאמאל סנדקאות, אבער דער איד האט נישט געוואלט מוותר זיין און ממש געצווינגען דעם רב אז ער זאל נעמען סנדקאות.

און יענע טעג איז דער רב געפארן קיין ירושלים צום הייליגען בעלזא רב זי"ע, און דער רב האט געטראכט אויך צו גיין צום הייליגען חזון איש זי"ע, און אן פרעגן אויב ער זאל נעמען סנדקאות א צווייטע מאל.

אבער קודם איז ער אנגעקומען קיין ירושלים צום הייליגען בעלזא רב זי"ע, און איז אריין מיט זיין קוויטל און אויך מיט די קוויטלעך פון די שטאט מענטשן, כדי צו בעטן א ברכה פארן שטאט אז מען זאל מצליח זיין מיט די פעלדער.

לפלא אזוי ווי ער קומט אריין צום הייליגען בעלזא רב זי"ע, זאגט אים דער הייליגער בעלזא רב בזה"ל, **"איר ברויכט מיר נישט געבן קיין קוויטלעך פון די שטאט מענטשן, ווייל ווען איך בענטשט דעם רב פון שטאט זענען שוין אריין גערעכנט אויך די אלע אידן פון זיין קהלה אין שטאט"**, און דער הייליגער בעלזא רב זי"ע האט דאס מסביר געווען אזוי.

**"עס איז ידוע וואס דער הייליגער רמ"א זי"ע זאגט, אז מען איז נישט מכבד א מענטש צוויי מאל מיט סנדקאות, ווייל זיין סנדק ביי א ברית ברענגט עשירות, און מען ברויך געבן א געלעגנהייט פאר א אנדערן איד אויך זוכה צו זיין צו עשירות, אבער פאר א רב פון שטאט מעג מען יא מכבד זיין צוויי מאל, ווייל אלע צינורות פון השפעה פאר א שטאט קומט פון הימל דורך דעם רב פון שטאט, און אויב דער רב האט הצלחה האבן די אידן פון שטאט אויך הצלחה, און דורך דיין קוויטל קומט שוין א ברכה אויך אויף די שטאט מענטשן"**.

דער גאון רבי בנימין מנדלסון זי"ע איז ממש ארויס פון התפעלות פון די אפענע רוח הקדוש וואס ער האט געזעהן ביים הייליגען בעלזא רב זי"ע, און אפילו ער האט בכלל נישט געפרעגט דעם בעלזא רב איבער די סנדקאות, האט דער צדיק דער הייליגער בעלזא רב זי"ע אים געגעבן די ענטפער אין די בחינה פון **טרם יקראו ואני אענה**.

• • •

**הרה"ח ר' ישראל מאיר עקשטיין ע"ה האט דערציילט**, אז ער האט געהאט א קרובה וואס האט געוואוינט אין ירושלים וואס די דאקטוירים האבן איר געזאגט אז זי טאר נישט האבן קיין קינדער ווייל עס איז א סכנה פאר איר, זי איז אריבער צום צדיק וקדוש רבי אהרן מבעלזא זי"ע און זיך מזכיר געווען מיט טרערן ביים צדיק אז זי וויל האבן קינדער, דער צדיק האט אבער געזאגט פאר די פרוי, וואס ווילסטו איך זאל דיר טון, אויב דער דאקטער זאגט אז מען קען נישט, וואס קען איך דען טון בין איך דען א מלאך.

האט די פרוי געזאגט פארן רבין, **די רבי איז גרעסער ווי א מלאך**, די רבי האט איבער געפרעגט דעם גבאי'ן וואס די פרוי האט געזאגט, האט דער גבאי געזאגט, די פרוי זאגט **"אז די רבי איז גרעסער ווי א מלאך"**, האט דער צדיק געזאגט בזה"ל, **"טאקע, טאקע, גייט אהיים און איר זאלט האבן קינדער לעבעדיג און געזונט"**, איבעריג צו זאגן אז די ברכה פונעם צדיק איז מקיים געווארן, און זי האט געהאט א שטוב מיט קינדער געזונט און שטארק.

• • •

**הרה"ח ר' ישראל מאיר עקשטיין ע"ה האט דערציילט**, אז ער האט געהאט א פעלד בשותפות צוזאמען מיט הרה"ח ר' יענקל פארקאש ע"ה וואס איז געווען א בעלזא חסיד, איין טאג האבן זיך אינעם פעלד אריין געכאפט **א מחנה מיט מייזן און זיי האבן ממש חרוב געמאכט די פעלד**, וואס מען האט פראבירט האט נישט געהאלפן.

האט דער ר' ישראל מאיר געבעטן זיין שותף ר' יענקל אז ער זאל אריבער גיין צו זיין רבין הרה"ק רבי אהרן מבעלזא זי"ע און מזכיר זיין די צרה, ר' יענקל איז טאקע גלייך אריבער געפארן קיין תל אביב צום רבין און אריין מיט א קוויטל און מזכיר געווען די פראבלעם מיט די מייזן, די רבי האט איבער געפרעגט אפאר מאל וואס דער איד האט מזכיר געווען, און דאן האט די רבי געזאגט בזה"ל, **"אזוי, אזוי, זיי מאכן א תל דאס פעלד, זאלן זיי גיין אין די מדבריות אריין"**, לפלא דעם קומענדיגע טאג האט מען אינעם גאנצן פעלד נישט געטראפן אפילו איין מייזל, ווייל צדיק גוזר והקב"ה מקיים.

• • •

**הר"ר דוד דאננבערג האט דערציילט**, אז ווען ער איז ארויף געקומען קיין ארץ ישראל האט ער געלערנט אין די ישיבה דושינסקיא און מען האט אים געריפן זיך שטעלן צו די מיליטער, ער איז גלייך אריין צום הייליגען צדיק רבי אהרן מבעלזא זי"ע און מזכיר געווען אז ער ברויך זיך שטעלן צו די מיליטער, דער רבי האט אים גלייך געזאגט בזה"ל, **"דו בוסט באפרייט"**, דער ר' דוד האט ביי זיך געטראכט, אויב די רבי האט געזאגט אז איך בין באפרייט ברויך איך דאך מיך בכלל נישט שטעלן, און דערפאר האט ער זיך בכלל נישט וויסענדיג געמאכט פון אלע בריוון וואס מען האט געשיקט פון די מיליטער.

אבער נאך א תקופה וואס ער האט נישט געענטפערט, זענען די מיליטער אריבער געקומען צו זיין שטוב מיט א הינט כדי מען זאל אים זיכן,

וויבאלד קיינער איז נישט געווען אינדערהיים האט ער זיך באהאלטן אונטערן בעט, און די חברה האבן זיך אריין געבראכן אין זיין שטוב און ארום געגאנגען מיטן הינטל איבער די גאנצע הויז.

ווען זיי זענען אנגעקומען אין זיין שלאף צומער און דער הינטל איז צו געקומען נאנט צו אים, האט דער ר' דוד געזאגט פארן הינט די ווערטער, "**די בעלזער רב האט געזאגט אז איך בין באפרייט**", לפלא האט זיך דער הינט אוועק געדרייט און ארויס פון זיין הויז און ער איז געראטעוועט געווארן.

•••

**און ספר בקדושתו של אהרן ווערט געברענגט**, אז עס איז געווען אין די שווערע יארן ווען דער רבי דער צדיק רבי אהרן מבעלזא זי"ע האט געוואוינט אין תל אביב, איינמאל האט זיך געמאכט אז א איד, וואס איז ליידער געווען זייער ווייט פון תורה ומצוות און פלעגט רח"ל מחלל שבת זיין בפרהסיה, איז אריינגעקומען אל הקודש פנימה בעטן א ברכה פאר א ישועה ורפואה, די גבאים און די מקורבים האבן זיך געוואונדערט און געווען אין כעס, טראכטענדיג, ווי אזוי פאסט עס אז אזא מענטש זאל אריינטרעטן אין אזא הייליג ארט, אבער פון גרויס פחד און כבוד פונעם צדיק האט קיינער גארנישט געזאגט.

ווען דער איד איז ארויס פון חדר, האט דער רבי זי"ע גלייך מרגיש געווען אין דעם אטמאספערע פון די גבאים, האט זיך דער רבי זי"ע אויסגעדרייט צו זיי מיט זיין צוגעלאזענקייט און געזאגט מיט גרויס התרגשות, "**וואס קוקט איר אויף אים, איר ווייסט דאך אז ער איז באמת א שומר שבת, נאר יעדער איד וואס פירט זיך נישט גוט, איז דאס ווייל ער פארשטייט נישט, אבער אין זיין נשמה וויל ער טון דעם רצון השם, איי ער איז מחלל שבת, דאס איז נאר מצד השכחה און מצד היצר, אבער זיין פנימיות היהודי איז דאך א שומר שבת**".

ווייל דער צדיק צוליב זיין גרויס אהבת ישראל האט תמיד געזוכט נאר די גוטסקייט און די נקודה טובה אין יעדן איינציגן איד, און זיין ברכה האט טאקע שפעטער גע'פועל'ט א גאנצע ישועה פאר דעם איד, וואס האט שפעטער מהרהר געווען בתשובה.

•••

**אין ספר מהר"א מבעלזא ווערט דערציילט**, אז איינמאל איז אריין אל הקודש פנימה א חסידישער יונגערמאן וואס האט זיך אפגערעדט פארן רבי'ן דער צדיק רבי אהרן מבעלזא זי"ע מיט א צעבראכן הארץ, "**רבי! איך פרוביר אזוי שטארק צו דאווענען מיט כוונה און צו לערנען בהתמדה, אבער דער יצר הרע קומט יעדן טאג נאכאמאל און נאכאמאל און שטערט מיר, איך קען אים פשוט נישט מנצח זיין**", דער הייליגער רבי זי"ע האט אים אנגעקוקט מיט זיין הייליגן בליק, און האט געזאגט מיט א רואיגקייט פארן יונגערמאן בלשון קדשו.

"**וויסן זאלסטו, אז דער יצר הרע איז ווי א הינט וואס איז געבונדן מיט א לאנגע קייט ביי די טיר, ווען א מענטש גייט פארביי די טיר, הויבט דער הינט אן צו בילן און שפרינגען, און עס זעט אויס ווי ער גייט אים תיכף צורייסן, אבער אויב דער מענטש גייט ווייטער און קוקט זיך נישט אום, זעט ער אז די קייט איז צו קורץ און דער הינט קען אים גארנישט טון, די זעלבע להבדיל איז מיט עבודת השם, דער עיקר איז, מ'דארף זיך פשוט נישט אומקוקן אויפן ייצר הרע, און די ברויכסט זיך אפילו נישט קריגן מיט די מחשבות, נאר זיך מדבק זיין אין תורה און תפילה, און דער יצר הרע וועט אוועק פאלן פון זיך אליין**", דער יונגערמאן איז ארויס פון חדר מיט א נייער חיות און א קלארן דרך פאר זיין גאנצן לעבן.

•••

**אין ספר ביתו נאוה קודש ווערט געברענגט**, אז אין די יארן פון די צווייטע וועלט מלחמה, ווען דער רבי זי"ע איז געלעגן בהסתרה און זיך באהאלטן פון די רשעים ימח שמם אין **בוכניה געטא**, איז די סכנה געווען שרעקליך ממש יעדן טאג וואס איז פארביי, מענטשן זענען געווען אנגעזאפט מיט פחד און מורא און געציטערט יעדע רגע וואס עס וועט ח"ו פאסירן, קיין ספרים איז כמעט נישט געווען צו באקומען, אבער דער רבי זי"ע האט זיך נישט אפגעשטעלט פון לערנען תורה בעל פה א גאנצן מעת לעת.

איין נאכט, ווען עס איז געווען א שרעקליכע אלארם און אלע זענען אנטלאפן זיך צו באהאלטן אין די קעלערן, האט זיך דער רבי זי"ע געזעצט ביים עק פינעם שטיבל, און עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה און חיות, ווי ער וואלט

זיך ווען געפונען אין דעם בעלזער בית מדרש אין די גוטע יארן, ווען זיין ברודער, הרה"ק רבי מרדכי מבילגורייי זי"ע, האט אים געפרעגט, וויאזוי ער קען האבן אזא מנוחת הנפש אין אזא גורל'דיגן מאמענט, האט דער רבי זי"ע געענטפערט מיט זיין אצילות און מיט א פשטות, "**די תורה הקדושה איז אונזער היטער און אונזער לעבן, און בשעת א איד זיצט און לערנט א דף גמרא אדער א פרק משניות, איז ער אנגעבונדן אינעם באשעפער, און קיין שום רעה אויף דער וועלט קען אים נישט שלעכטס טון**".

• • •

**אין ספר בקדושתו של אהרן ווערט דערציילט**, אז עס איז געווען אין די יארן ווען דער רבי זי"ע האט געוואוינט אין תל אביב, איינמאל איז אריינגעקומען אל הקודש פנימה א איד וואס האט געליטן פון א שווערע מחלה, און די דאקטוירים האבן אים געזאגט אז ער מוז דורכגיין א מסוכנ'דיגע אפעראציע, דער איד איז געווען אנגעפילט מיט פחד און האט געשריבן א לאנגן קוויטל פארן רבי'ן מיט אלע פרטים פונעם דאקטאר און די רפואות וואס דער דאקטאר וויל אים געבן.

ווען ער איז אריין צום רבין, האט ער דערלאנגט דאס קוויטל פארן גבאי, אבער איידער דער גבאי האט נאך עספייעט צו לייענען דעם קוויטל פארן רבי'ן, האט דער רבי זי"ע זיך אויסגעדרייט צום איד, אן אפילו קוקען אינעם קוויטל, און אים געזאגט מיט זיין הייליגן קול, "**דער דאקטער אין חיפה וואס דו ווילסט גיין צו אים, גיי נישט צו אים, פאר קיין ירושלים צו יענעם דאקטער, און ער וועט דיר געבן א רפואה אן קיין אפעראציע בכלל**".

דער איד איז געווארן ערשטוינט עד דכדכה של נפש, ער האט דאך גארנישט דערציילט פארן רבין איבער זיין הזכרה, און אויפן קוויטל איז אפילו נישט געווען געשריבן וועגן דעם דאקטער פון חיפה, איז פון ווי האט דער רבי געוויסט וואס ער וויל מזכיר זיין, אבער מיט זיין גרויס אמונת צדיקים האט ער געפאלגט וואס דער רבי האט געהייסן, ער איז געפארן קיין ירושלים, **און דער דאקטער דארט האט אים טאקע געגעבן א פשוט'ע רפואה, וואס האט אים אינגאנצן געהיילט אן קיין שום אפעראציע**.

• • •

**אין ספר ביתו נאוה קודש ווערט געברענגט**, אז בימי השואה האיומים, ביי די צווייטע וועלט מלחמה, ווען דער רבי זי"ע האט זיך באהאלטן אין **בוכניה געטא**, האבן די רשעים די נאצי'ס ימ"ש דורכגעפירט כסדר די אכזריות'דיגע אקציע און געזוכט פון הויז צו הויז פאר אידן וואס באהאלטן זיך, די חסידים האבן אריינגעפירט דעם רבי'ן אין א באהאלטענעם בונקער אונטער די ערד, וואס די אריינגאנג אהין איז געווען פארשטעלט מיט א שווערע שאנק.

איין טאג האבן די דייטשן ימ"ש אריינגעשטורמט אין דעם הויז מיט גרויס יללה און געשרייען, און האבן אנגעהויבן קלאפן אויף די ווענט מיט זייערע ביקסן צו זוכן לעכער ווי מענטשן באהאלטן זיך.

די חסידים אינאיינעם מיטן רבי'ן האבן געהערט די טריט פון די רשעים גאר נאנט אויפן קאפ, און אלע זענען געווען פארשטייפט פון גרויס פחד און שרעק, אבער פלוצלונג האט זיך דער רבי זי"ע אויסגעדרייט צו זיין משמש און געזאגט שטיל'ייט, "**איך הער נישט קיין קלאנגען פון די רשעים**".

די חסידים האבן זיך געוואונדערט, ווארום מ'האט דאך ממש יעצט געהערט די שווערע טריט פון זייערע שטיוול ממש איבער זייערע קעפ, אבער נאך עטליכע מינוט איז געווארן שטיל, ווען זיי זענען ארויסגעקומען שפעטער, האבן זיי אויסגעפונען א נס גלוי, **די רשעים זענען אריינגעקומען ממש ביזן שאנק, אבער פלוצים איז אריינגעלאפן א קאמאנדיר און זיי ארויסגערופן מיט א בהלה צו אן אנדערן גאס, און זיי האבן אינגאנצן פארגעסן צו זוכן הינטער דעם שאנק**.

• • •

**אין ספר בצל החכמה ווערט געברענגט**, אז נאך די מלחמה איז אריינגעקומען א יתום'ל, וואס איז ניצל געווארן פון די מלחמה, וואס האט זיך צוגעטשעפעט צום רבי'ן ווי א פאטער, דער בחור איז א חתן געווארן בשעה טובה ומצלחת, אבער א קורצע צייט פאר די חתונה איז די כלה ל"ע קראנק געווארן מיט א שווערע מחלה אין די אויגן, **און די דאקטוירים האבן געזאגט, אז זי גייט חס ושלום פארלירן די ראיה אינגאנצן**.

די קרובים האבן מייעץ געווען דעם בחור צו אפלאזן דעם שידוך, ווייל ער קען דאך נישט בויען קיין שטוב מיט א אומגעזונטע פרוי, דער בחור איז אין גרויס צער און עגמת נפש אריין צום רבין דער צדיק רבי אהר'לע מבעלזא זי"ע און מיט א צעבראכן הארץ האט ער דערציילט פארן רבין די צרה.

דער רבי זי"ע האט זיך אנגערופן מיט גרויס תקיפות און אהבה, "**זארג זיך נישט! ברעך נישט דעם שידוך, הויב אן גרייטן די חתונה מיט שמחה, און ביי די חתונה וועט זי זען געהעריג**".

דער בחור האט געפאלגט דעם צדיק מיט אמונת צדיקים בתמימות, אויף די נאכט פון די חתונה, ווען די כלה איז געזעסן ביים באדעקן, **האט זי פלוצלינג אנגעהויבן זעהן קלאר און ריין, און די מחלה איז פארשוואונדן געווארן כאילו לא היה**, און זיי האבן אויפגעשטעלט א ערליכע דור מיט קינדער און אייניקלעך.

• • •

**אין ספר בקדושתו של אהרן ווערט דערציילט**, אז עס איז אמאל געקומען צו פארן צום רבי'ן א איד וואס האט ל"ע באקומען א שווערן מחלה אויף זיין פנים, און זיין מויל האט זיך אינגאנצן פארקרימט, ביז ער האט כמעט נישט געקענט ארויסזאגן קיין איין קלאר ווארט, די דאקטוירים האבן אויפגעגעבן צו טרעפן א רפואה, די משפחה האט אים אריינגעפירט אל הקודש פנימה צום רבין ר' אהרן מבעלזא זי"ע מיט גרויס געוויין.

דער רבי זי"ע האט אים אנגעקוקט ברוח קדשו, **און אים דערלאנגט א שטיקל לעקאך פון טיש און אים געהייסן מאכן א ברכה**, דער איד האט פרובירט ארויסצושטאמלען די ווערטער, אבער ס'איז אים אנגעקומען מיט גרויסע יסורים און מ'האט גארנישט געקענט פארשטיין, דער רבי האט אבער נישט נאכגעלאזט און געזאגט צו אים, "**זאג מיט מיר אינאיינעם, הויך און קלאר**".

און דער רבי האט מיט אים געזאגט די גאנצע ברכה ווארט ביי ווארט, און אזוי האבן זיי געזאגט אינאיינעם ווארט ביי ווארט, ווי נאר דער איד האט געענדיגט די ברכה און געזאגט "**אמן**", **איז זיין מויל צוריקגעגאנגען אויפן פלאץ כדרך כל הארץ, כאילו עס איז קיינמאל גארנישט געווען**, און ער האט געקענט נארמאל עסן און רעדן, צום גרויסן וואונדער פון די גבאים און די משפחה.

• • •

**צווישן די חסידי בעלזא איז מפורסם די מעשה**, אז א חסידישער איד וואס איז שוין געווען פארהייראט לאנגע יארן און האט נאכנישט געהאט זוכה געווען צו קיין קינדער, איז אריינגעקומען צום רבי'ן מיט א שווער הארץ, און זיך צעוויינט אז ער בעט א ישועה פאר זרע של קיימא, דער רבי זי"ע, מיט זיין געוויינליכע רואיגקייט און פאטערליכע ליבשאפט, האט אים אנגעקוקט און געפרעגט צי **ער האט שוין גרייט א וויגעלע אינדערהיים פאר א קינד**.

דער איד האט געענטפערט מיט אן אראפגעלאזט קאפ, "**ניין, הייליגער רב, צו וואס דארף איך א וויגעלע אויב איך האב נישט קיין קינדער יעצט**", רופט זיך אן דער רבי מיט א זיסן פנים, "**גיי קויף א וויגעלע און לייג עס אריין אין שטוב, אויב דו וועסט אנגרייטן די ריכטיגע כלים, וועט דער אייבערשטער שוין געבן וואס אריינצולייגן דערין**".

דער איד האט פולשטענדיג געגלייבט מיט זיין פשוטע אמונת צדיקים אין די ווערטער פונעם צדיק, און כאטש עס האט אויסגעזען מאדנע פאר די ארומיגע, האט ער טאקע תיכף געקויפט א קינדער-וויגעלע, און **פונקטליך א יאר דערויף, איז די ברכה מקוים געווארן, און ער האט געפראוועט א פרייליכן ברית צו א געזונט בן זכר**.

**יארצייט כ"ב אב**

**הרה"ק רבי מאיר ב"ר יעקב זי"ע**
**הנקרא ר' מאיר הגדול**
**ראש שושלת פרמישלאן/נדבורנא**

ער איז געבוירן אין שטאט פרמישלאן, **בשנת תס"ג.**

צו זיין טאטן הגה"ק **רבי יעקב לייפער איש תם מפרמישלאן** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי דוד** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי משה** זי"ע,
מגזע הגה"ק **רבי יצחק מקורביל בעל הסמ"ק** זי"ע.

און צו זיין מאמע **הצדקת מרת בת שבע** ע"ה.

ער איז געווען א ברודער מיט די צדיקים וקדושים.
הרה"ק **רבי יהודה לייב שומר שבת** זי"ע,
הרה"ק **רבי צבי הירש פאטאקיר** זי"ע,
הרה"ק **רבי שלמה מפרמישלאן** זי"ע.

עס איז מקובל, אז הרה"ק **רבי מיכל המגיד מזלוטשוב** זי"ע האט מעיד געווען, אז די משפחה פון הרה"ק רבי מאיר הגדול מפרמישלאן זי"ע, **אלע דורות ארויף ביזן בית שני, זענען געווען בעלי רוח הקודש און געהאט גילוי אליהו הנביא ז"ל.**

ער איז געווען א איש אלקים קדוש ונורא מאוד, און ער איז געווען א בקי נפלא בתורת הנגלה והנסתר, ער איז געווען פון די שישים גבורים תלמידי בעש"ט הקדוש זי"ע, ער האט זיין גאנץ לעבן געדינט דעם באשעפער מיט א מסירת נפש און מיט א געוואלדיגע קדושה וטהרה, זיין עבודת התפילה איז געווען מיט א אש קודש און א געוואלדיגע דביקות און התלהבות.

ער איז געווען באוויסט מיט זיין געוואלדיגע כח דקדושה און גדלות בתורת הנסתר, ער האט גאר אסאך חידושים מחבר געווען על התורה און אויך אויף ש"ס על דרך הפרד"ס, און עס איז באקאנט וואס ער שרייבט באיזהו מקומן של שבחים, ווי ער שרייבט דארט "**עד כאן אמר לי מט"ט, עד כאן אמר לי מיכאל, עד כאן אמר לי גבריאל**", און מען דערציילט, אז די אייניקלעך האבן עוסק געווען צו מסדר זיין די כתבי קודש פונעם זיידן, **פלוצלונג האט אויס געבראכן א פייער און די אלע כתבי קודש זענען פארברענט געווארן.**

גאנץ אנפאנג פון זיין לעבן האט ער עוסק געווען במסחר, און געווען באוויסט אלס א גאר ערליכער סוחר, אפילו די גוים פון שטאט האבן געוויסט פון זיין ערליכקייט, און מען פלעגט אים רופן מיטן נאמען, "**מאיר ספראוועדליווי**", וואס מיינט, "**דער באגלייבטער ערליכער מאיר**".

אבער אפילו זייענדיג עוסק אין מסחר, האט דער צדיק עוסק געווען אין תורה יומם ולילה און מיט א געוואלדיגע התמדה, ער איז שוין אפילו דאן באוויסט געווען אלס א גאון און א איש קדוש מאוד, שפעטער האט ער אפ געלאזט אלע געשעפטן, און עוסק געווען ממש דאס גאנצע מעת לעת אויף תורה און עבודת השם, דאן איז ער געווארן איינע פון די ערשטע תלמידים פונעם בעש"ט הקדוש זי"ע, נאך בעפאר דער בעש"ט איז נתגלה געווארן.

אויך האט ער פאר א שטיק צייט משמש געווען אלס מלמד תינוקות אונעם שטוב פון הרה"ק **רבי שבתי מראשקוב** זי"ע וואס איז אויך געווען פון די ערשטע תלמידים פונעם בעש"ט הקדוש זי"ע, און שפעטער איז דער רבי שבתי אויך געווען פון זיינע חסידים.

בשנת תק"כ ווען זיין רבי דער בעש"ט הקדוש זי"ע איז נסתלק געווארן, האבן אידן וואס האבן געזען דאס גדלות און קדושה פון דעם צדיק, זיך אנגעהויבן מסתופף זיין בצלו, דאן האט ער זיך געצויגען קיין **פרמישלאן**, און אנגעהויבן פירן די עדה הקדושה דארט, טויזנטער אידן האבן זיך מדבק געווען אין דעם צדיק און געקומען שעפן תורה וקדושה פון דעם צדיק וקדוש.

דער הייליגער צדיק רבי מאיר הגדול זי"ע מיט הרה"ק רבי איציקל דראביטשער זי"ע, און הרה"ק רבי משה פאסטאק זי"ע, האבן מצליח געווען צו זיין צו הילף פאר זייער רבין דער בעש"ט הקדוש זי"ע, אויס צו רייסן פון די וועלט **דעם כת הכופרים פון די סעקטע פון כת ש"ץ ימ"ש**, און אויך מלחמה געהאלטן מיט די **פרענקיסטען** אין שטאט **לבוב**.

ער האט געהאט תלמידים גדולים גאונים וקדושים בתורה ובתוכם.

הרה"ק **איש אלקים רבי שבתי מראשקוב** זי"ע,
הרה"ק **רבי מנחם מענדל מפרמישלאן** זי"ע,
הרה"ק **רבי פייביש מבלאשיוועץ** זי"ע.

ער איז געווען באוויסט אלס א קדוש ונורא מאוד און דער הייליגער צדיק הרה"ק רבי משה חיים אפרים בעל דגל מחנה אפרים זי"ע און הרה"ק רבי יהודה צבי מסטרעטין זי"ע און הרה"ק רבי ישכר דוב מבעלזא זי"ע האבן אלע מעיד געווען, אז דער צדיק רבי מאיר הגדול מפרמישלאן זי"ע **האט געקענט אראפ ברענגען שרי מעלה מיט זיין הייליגען כח, און איינמאל האט דער רבי געוויזן פאר זיינע תלמידים דעם צנצנת המן וואס משה רבינו ע"ה האט באהאלטן לדורות**.

זיינע הייליגע דברי תורה זענען געדריקט געווארן אונעם **ספר יאיר אור**, אויך איז דא א **ספר אור תורתו של רבי מאיר**.

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע קינדער.

הרה"ק **רבי אהרן אריה לייב** זי"ע, ממלא מקום אביו בפרמישלאן, אביו של **רבי מאיר השני מפרמישלאן** זי"ע,
הרה"ק **רבי דוד מקאליש** זי"ע,
הרה"ק **רבי פסח חסיד** זי"ע.

כ"ב מנחם אב בשנת תקל"ג האט דער צדיק גערופען זיין הייליגע זון רבי ארון לייב זי"ע, און אים איבער געגעבן רזי תורה וחכמה, און גלייך נאכדעם איז דער טאטע נסתלק געווארן זייענדיג 70 יאר אלט, ליידער איז די גאנצע ביה"ח דארט אין פרעמישלאן חרוב געווארן, און אויך דעם מקום קדוש פונעם קבר פון דעם צדיק איז חרוב געווארן, און יארן נאך די מלחמה איז אויף געשטעלט געווארן א מצבה אלס זכר פונעם מקום קדוש פון דעם צדיק.

נסתלק לגנזי מרומים **יום ד' פרשת ראה כ"ב מנחם אב בשנת תקל"ג**, ומנוחתו כבוד איז אין **פרעמישלאן**.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**מען דערציילט**, אזביים צדיק רבי מאיר הגדול מפרמישלאן זי"ע זענען געבוירן געווארן קינדער בעפאר זיין בכור רבי ארון לייב זי"ע, אבער יעדעס מאל עס איז אים געבוירן א קינד, האט דער צדיק א קוק געגעבן אויפן קינד און געזאגט בזה"ל, **"נישט דיך האב איך געמיינט"**, און דאס קינד איז ל"ע גלייך נפטר געווארן.

ווען דער זון הרה"ק רבי ארון לייב זי"ע איז געבוירן געווארן, האט די מאמע באהאלטן דעם קינד, כדי די טאטע זאל אים נישט זעהן, און יענע צייט איז דער בעש"ט הקדוש זי"ע געקומען צו זייער שטאט, און די מאמע האט זיך אויס גערעדט צום בעש"ט איר צער, אויף וואס דער מאן טוט מיט די קינדער.

האט דער בעש"ט אויס גע'פועל'ט ביי זיין תלמיד רבי מאיר זי"ע, אז ער זאל דאס מער נישט טון און לאזן דעם קינד לעבן, און די טאטע האט צו געזאגט צו לאזן דעם קינד לעבן, אבער ווען דער טאטע האט נאכדעם געקוקט אויפן קינד, האט ער געזאגט בזה"ל, **"אסאך שענערע פון דיר האב איך אוועק געשיקט"**, און דאס איז שוין געווען זיין הייליגע זון דער צדיק קדוש רבי ארון לייב זי"ע.

• • •

**גאנץ אנפאנג ווען אידן האבן זיך אנגעהויבן מדבק זיין** אין דעם צדיק רבי מאיר הגדול מפרמישלאן זי"ע, איז ער איינמאל געווען אין א שטאט מיט זיינע חסידים, און מען האט אים איינגעלאדענט צו א ברית מילה, און יענעם טאג איז געווען ראש חודש, דער רב פון שטאט איז געווען פון די גרויסע מתנגדים פונעם דרך הבעש"ט הקדוש זי"ע, און דער רב איז געזעצן אויבן אן, און דער הייליגער פרמישלאנער איז געזעצן אין דערזייט ארום גענומען מיט זיינע חסידים און פארברענגט אין דברי תורה.

וויבאלד עס איז געווען ראש חודש, האט דער צדיק געהייסן פאר זיינע תלמידים **צו זינגען דעם מזמור ברכי נפשי לכבוד ר"ח**, און דער רב דער מתנגד האט דאס זייער געשטערט, אז ער פירט זיך דא ביי אים אין ביהמ"ד מיטן מנהג פון דרך החסידות, האט דער רב אנגעהויבן זאגן דברי תורה, און בתוך הדברים געזאגט זאכן קעגן דעם הייליגען צדיק רבי מאיר מפרמישלאן.

אבער נאך ברכת המזון האט דער רב חרטה געהאט אז ער האט גערעדט קעגן דעם צדיק רבי מאיר, און ער האט געוואלט איבער בעטן דעם צדיק, האט ער זיך געזעצט נעבן דעם רבין, און זאגט, די וועלט זאגט אז איר קענט לערנען, אפשר

קענט איר זאגן עפעס דברי תורה, און מיט דעם האט דער רב געוואלט איבער בעטן דעם צדיק.

האט דער צדיק געזאגט, לאמיר עפעס זאגן מענינא דיומא, עס שטייט אין ברכי נפשי, **יֵצֵא אָדָם לְפָעֳלוֹ וְלַעֲבֹדָתוֹ עֲדֵי עָרֶב**, וואס דאס מיינט אז א איד **ברויך קודם מתקן זיין זיינע פעולת און זיין עבודת השם**, **עֲדֵי עָרֶב דאן קען מען זען צו מתקן זיין יענעמס**, וואס די ווארט ערב גייט ארויף אויף דעם אז **כל ישראל ערבים זה לזה**, אבער כל זמן א איד האט נאך נישט מתקן געווען זיינע מעשים, **קען ער נאך נישט ארייננקוקן אין יענעמס מעשים**.

דער רב האט גאר גוט פארשטאנען דעם רמז וואס דער צדיק האט אים דא געזאגט, און ער האט געבעטן דעם רבין אז ער זאל אים מקרב זיין צום דרך הבעש"ט הקדוש זי"ע, האט דער צדיק געזאגט, איך האב דיר א גוטע עצה, פאר צום בעש"ט הקדוש און דארט וועסטו שוין נתקרב ווערן, כך הוה זיי זענעןביידע געפארן צום בעש"ט, און דער רב איז געווארן איינע פון די תלמידים מובהקים פון בעש"ט זי"ע.

• • •

**אין די יארן נאכדעם וואס דער הייליגער צדיק רבי מאיר הגדול זי"ע** האט אויף געהערט טון מסחר, און נאר געזעצן אין עוסק געווען בתורה דעם גאנצן טאג און אויך ביינאכט, אין ווי באקאנט איז ער געווען באוויסט אפילו ביי די גוים אלס א גאר ערליכער מענטש וואס די גוים האבן אייביג נאר געוואלט האנדלען מיט אים.

איין טאג ווען דער צדיק זיצט אין ביהמ"ד און איז עוסק בתורה, איז א גוי אנגעקומען אין שטאט מיט א בינען שטאק, עס איז געווען אפאר גוים וואס האבן דאס געוואלט אפקויפן פון דעם גוי, אבער דער גוי האט געזאגט, אז ער וועט דאס נאר פארקויפן פאר דעם ערליכען רבי מאיר, אבער ער האט דעם צדיק נישט געקענט טרעפן, ווייל ער איז געזעצן אין ביהמ"ד און געווען אינגאנצן אויסגעטון פון מסחר.

דעם קומענדיגן טאג איז דער גוי אריבער צום שטוב פון רבי מאיר, און אן געטראגן צו פארקויפן דעם בינען שטאק, און אזוי ווי עס איז געווען א גרויסע דחקות ביים צדיק אין שטוב, האט די רעבעצין זייער געוואלט קויפן דעם בינען שטאק, און אפשר פון דעם וועט זי קענען קויפן עפעס עסן פאר די שטוב.

איז זי אריבער געלאפן אין ביהמ"ד, און געזאגט פארן מאן וועגן דעם געשעפט, אבער דער צדיק האט נישט געוואלט מבטל זיין אינמיטן זיין לערנען, נאר ער האט קודם צוגענדיגט זיין שיעור, און דערנאך האט ער זיך ארויס געלאזט צו זיך אין שטוב, און דער גוי האט געפרעגט רבי מאיר וויפיל ער וויל באצאלען פארן בינען שטאק, **רבי מאיר האט געגעבן א פרייז פון 20 ריייניש, און דער גוי האט מסכים געווען און מען האט געשלאסן געשעפט**.

שפעטער ווען די רעבעצין האט אויף געמאכט דעם בינען שטאק, איז איר פינסטער געווארן פאר די אויגן, ווייל עס איז געווען דארט גאר א קליינעם סכום האניג, וואס מיט דעם קען מען אפילו נישט צוריק צאלן די 20 ריייניש וואס מען האט געבארגט, אבער ווען רבי מאיר האט אויפגעהויבן די האלץ פון אונטער די בינען שטאק, **האט ער דארט געטראפן א גרויסן אוצר פון גאלדענע רענדליך**.

דעם קומענדיגן טאג האט ער געפרעגט דעם גוי, פון ווי ער האט באקומען דעם בינען שטאק, האט דער גוי געזאגט, אז ער איז געגאנגען אין וואלד, און ער האט געטראפן א בינען שטאק וואס איז געווען אין א בוים, האט ער אפגעשניטן דעם חלק פונעם בוים און דאס גענומען צו פארקויפן.

דאן האט דער צדיק געוויזן פאר זיין רעבעצין, **אז מיט אמונה אינעם גרויסן באשעפער ברויך מען נישט מאכן קיין מסחר איבערן טאג, און אויב מען גלייבט באמת אז דער באשעפער איז דער זן ומפרנס לכל און נאר ער געט פרנסה, דאן שיקט שוין דער גרויסער באשעפער פרנסה ברווח**.

• • •

**ווערט דערציילט**, אז די צייט ווען דער הייליגער צדיק וקדוש רבי מאיר הגדול מפרמישלאן זי"ע האט געוואוינט אין שטאט פרעמישלאן, האט דאן אויך דארט געוואוינט דער צדיק וקדוש רבי מנחם מענדל מפרמישלאן זי"ע, וואס איז אויך געווען פון די בני היכלא פונעם בעש"ט הקדוש זי"ע, וואס איז שפעטער ארויף געפארן קיין ארץ ישראל, און זיך געשריבן גאר אסאך כתבים מיט זיין ריעו וידידו רבי מאיר הגדול מפרמישלאן זי"ע.

איין טאג איז אין שטאט פרמישלאן אנגעקומען א צובראכענע איד, און דער איד האט געפרעגט פון די שטאט מענטשן ווי דער צדיק וואוינט, און מען האט אים געוויזן אויפן שטוב פון רבי מאיר הגדול זי"ע, דער איד איז אריין צום צדיק אין שטוב און זיך אויס געגאסן דאס הארץ מיט די צרה וואס ער מאכט איידער מיט, אבער דער צדיק רבי מאיר הגדול מיט זיין גרויס עניוות האט בכלל נישט פארשטאנען וואס דער איד וויל פון אים.

און ער האט געזאגט פארן איד, **איך וואלט אייך גע'עצה'ט צו גיין צום שטוב פון דעם צדיק רבי מנחם מענדל מפרמישלאן זי"ע, ווייל ער האט באמת א כח צו פויעלען א ישועה**, אבער לפלא וואן דער איד איז טאקע אריבער צום שטוב פון רבי מענדעלע מפרמישלאן, האט אים דער צדיק געזאגט, **איך וואלט אייך געזאגט צו גיין צום אמת'ן צדיק רבי מאיר הגדול, ווייל ער קען באמת פויעלען ישועות**, ווייל די צוויי צדיקים זענען ביי זיך באמת געווען שפל ונבזה, און האבן בכלל נישט געהאלטן אז זיי האבן עפעס א כח.

• • •

**איין מוצאי שבת קודש** האט רבי מאיר געהייסן פאר זיין גבאי, אז מען זאל איינשפאנען די פערד און וואגן ווייל ער וויל פארן אויף מלוה מלכה צו זיין הייליגען רבין דער בעש"ט זי"ע, און דער וועג פון פרעמישלאן וואס איז אין גאליציע קיין מעזיבוז וואס איז אין אוקריינע איז דאך גאר א ווייטע וועג, אבער מיט קפיצת הדרך איז ער אנגעקומען גאר שנעל.

יענע צייט איז דער הייליגער טאכטער פונעם בעש"ט הצדקת אדל ע"ה געווען זייער נישט געזונט און זיך ממש נישט געקענט באוועגען צוליב די גרויסע יסורים, און אזוי ווי דער הייליגער צדיק רבי מאיר קומט אריין, זאגט ער פאר זיין רבין, **איך בין דא געקומען צו מלוה מלכה, און איך האב געברענגט א רפואה פארן טאכטער אדל**, אבער קודם וועל איך זיך וואשן צו א פליישיגע סעודה, און איך וויל דווקא **אז זי די צדקת מרת אדל זאל אליין אפקאכען די מאכלים לכבוד מלווה מלכה.**

האט דער בעש"ט געזאגט אז ער ווייסט נישט אויב זי קען אפילו ארויס קומען פון בעט כדי צו אפקאכן די סעודה, און דער בעש"ט איז אריין צו די טאכטער און געזאגט די בקשה פון דעם צדיק רבי מאיר, האט די צדקת אדל געזאגט פארן טאטן, **ממש א וואונדער, ווייל יעצט בשעת די האסט מיר געזאגט די בקשה פון דעם צדיק רבי מאיר, האב איך ממש געפיעלט ווי עס ווערט מיר אביסל בעסער**, און זי זאגט אז זי טראכט אז זי האט די כוחות צו גיין אפקאכן די סעודה פארן צדיק.

נעבן די בעט פון די צדקת אדל זענען געלעגן די צוויי קינדער, וואס זענען שפעטער אויס געוואקסען גרויסע צדיקים מפורסמים, הרה"ק **רבי ברוכ'ל מעזיבוז'ער** זי"ע, און הרה"ק **בעל דגל מחנה אפרים** זי"ע, און אזוי ווי די מאמע איז אראפ פון בעט, האט איין קינד אנגעהויבן וויינען, האט די מאמע גענומען דעם קינד, אבער גלייך האט דאס צווייטע קינד אנגעהויבן וויינען, האט די מאמע גענומעןביידע קינדער און ארויס פון שטוב.

לפלא אייניגע מינוט'ן נאכדעם וואס די מאמע האט ארויס גענומען די צוויי קינדער פון זייער בעט, **איז די וואנט העכער די בעטן צוזאמען געפאלן**, די מאמע האט גלייך געזען דעם גרויסן נס וואס דא איז געשען, ווייל ח"ו אויב די צוויי קינדער וואלטן נאך געלעגן אין בעט, וואלט די וואנט געפאלן אויף זיי און זיי ח"ו צעדריקט.

ווען דער בעש"ט האט דאס געזען האט ער געזאגט פארן תלמיד, זעט אויס אז מען האט דאס פון הימל דיר מגלה געווען, און מגלגלין זכות על ידי זכאי, און איבער דעם זענט איר געקומען צו מלוה מלכה, און איר זענט געווען דער גוטער שליח צו ראטעווען די קינדער און אויך צו ברענגען א רפואה שלימה פאר מיין טאכטער אדל.

• • •

**איינמאל איז דער הייליגער צדיק רבי מאיר הגדול מפרמישלאן זי"ע** געווען אין א שטאט, און דארט זענען געווען אסאך מתנגדים, און איינע פון די מתנגדים האט דעם צדיק גאר שטארק באזידעלט און געמאכט בזיונות, אבער דער צדיק האט דעם איד גארנישט געענטפערט, אבער אזוי ווי ער איז אנגעקומען אהיים, האט דער צדיק גערופן דעם גבאי און געהייסן, **פיל אן א גרויסע זאק מיט כל מיני ממתקים, און שיק דאס אריבער צו דעם איד וואס האט מיר געמאכט די בזיונות.**

די חסידים האבן געפרעגט דעם צדיק, במילא דאס אז די רבי האט נישט צוריק געענטפערט פאר

דעם איד, דאס פארשטייט מען, ווייל די רבי האט געוואלט זיין א מעביר על מידותיו, אבער נאך גיין שיקן מתנות און מעדנים פאר דעם איד, דאס פארשטייט מען שוין נישט.

האט דער צדיק געזאגט, איך וועל דאס ענק מסביר זיין, ח"ו ווען עס איז דא אויבן אין הימל א קטרוג אויף א איד, אמאל איז מען גוזר ח"ו, אז דער איד זאל נפטר ווערן פון די וועלט צוליב דעם קטרוג, אבער דאן קומען די מליצי יושר און בעטן זיך איין, אז מען זאל ענדערש שיקן א מחלה אויף דעם איד, און אזוי וועט ער אפ קומען דעם קטרוג, אבער דאן קומען נאך מליצי יושר, און בעטן אז מען זאל שיקן בזיונות פאר דעם איד, און מיט דעם וועט ער אפקומען דעם קטרוג, אבער דאס ארבעט נאר אויב מען איז דאס מקבל באהבה.

יעצט וועט איר שוין פארשטיין, אז אפילו איך וואלט ח"ו קראנק געווארן און צוריק געזונט ווערן, וואלט אבער דאס גורם געווען גאר אסאך צער און יסורים און עגמת נפש פאר מיר, און אויך אסאך ביטול תורה, איז געקומען דער איד און מיר געגעבן די בזיונות, און אראפ גענומען דעם קטרוג פון מיר, אן דעם וואס איך זאל ח"ו האבן יסורים בגוף און עגמת נפש, **און דערפאר האב איך דעם איד געשיקט מתנות, ווייל איך קום אים צו פארדאנקען אז איך בין ח"ו נישט קראנק געווארן.**

• • •

**אין ספר דברי מאיר ווערט געברענגט**, אז איינמאל איז געקומען צום צדיק רבי מאיר הגדול מפרעמישלאן זי"ע, א עושר א גרויסע גביר מפורסם וואס האט געטיילט גאר אסאך צדקה מיט א ברייט האנט, אבער דער גביר האט געהאט איין שוואכקייט, אז ער האט זיך זייער גרויס געהאלטן מיט זיינע צדקות און האט כסדר געזיכט זיך צו אויפטון מיט וויפיל צדקה ער האט אלס געגעבן, ווען ער איז אנגעקומען צום צדיק רבי מאיר הגדול, האט דער צדיק גלייך מרגיש געווען די מידה פון דעם גביר, האט דער צדיק געזאגט פאר דעם גביר.

**"דיינע מצות און צדקות זענען טאקע זייער גרויס, אבער א איד ברויך געדענקען ווי אזוי מען איז אנגעקומען צו דעם**", און דער צדיק האט דאס מסביר געווען אזוי, "**ווען א מענטש גיט צדקה פון זיין אייגענעם טאש, איז דאס טאקע א גרויסע גבורה, אבער ווען דער געהילף פונעם מלך טיילט אויס דעם מלך'ס געלט פאר די ארעמעלייט, טאמער נעמט ער כבוד פאר זיך, הייסט ער דאך א גנב, דער אייבערשטער האט דיר נאר געגעבן דאס געלט צו זיין דער שליח, איז פארוואס זאלסטו זיך שטאלצירן מיט יענעמס געלט**", דער עושר האט גוט פארשטאנען וואס דער צדיק האט געזאגט, און פון דאן האט ער אנגעהויבן טיילן צדקה בסתר.

• • •

**אינעם ספר היחס לבית פרמישלאן ווערט געברענגט**, אז ווי באוויסט איז דער צדיק רבי מאיר הגדול געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע עניוות, און יעדן טאג בעפאר דער צדיק האט זיך געשטעלט דאווענען, האט ער זיך אליין מזהיר געווען בזה"ל, "**מאיר'ל, מאיר'ל! געדענק גוט ווען דו ביסט געבוירן און וואס דו ביסט, קיין שום חשיבות האסטו נישט פאר זיך אליין, נאר וואס דער אייבערשטער האט דיר רחמנות געטאן, זיי נישט קיין בעל גאוה, און פארגעס נישט אז אלעס איז נאר פונעם בורא יתברך שמו**".

• • •

**אין ספר סיפורים נוראים ווערט געברענגט די מעשה**, איינמאל ביינאכט איז א גנב אריינגעקומען אין הויז פון רבי מאיר הגדול מפרעמישלאן זי"ע, ווען די שטוב איז געווען פינסטער, דער גנב האט אנגעהויבן צוזאמקלייבן דאס ביסל ארימע חפצים וואס זענען געווען אין שטוב, דער צדיק רבי מאיר הגדול איז געזעסן אין א ווינקל און געהאלטן אינמיטן זיין עבודת הקודש, ווען ער האט באמערקט דעם גנב, האט ער נישט אנגעהויבן שרייען אדער אים פארטרייבן, ער האט געהאלטן אז אויב דער איד גנב'עט, איז עס מסתמא **ווייל ער האט נישט קיין חיונה און ער איז נעבעך זייער ארעם**.

האט דער צדיק רבי מאיר זיך אנגערופן צו אים מיט גרויס רחמנות און ליבשאפט, "**מיין ליבער איד, פארשטייט זיך אז אלעס וואס איז דא אין שטוב איז מופקר און איך בין דיר דאס אלעס מוחל במחילה גמורה, אבער היט זיך מורא'דיג ווען דו גייסט ארויס אויפן גאס, ווייל אויב די פאליציי וועלן דיך כאפן מיט די זאכן, וועלן זיי דיך אריינווארפן אין תפיסה און דו וועסט ליידן גרויסע יסורים**", דער גנב האט דערהערט די הייליגע און רחמנות'דיגע רייד פון דעם צדיק, ער איז נתעורר געווארן עד דכדוכה של נפש, ער האט אראפגעלייגט די זאכן אויפן ארט, אנגעהויבן וויינען מיט ביטערע טרערן, **און האט דארט גלייך מקבל געווען אויף זיך, צו תשובה טאן מיטן גאנצן הארץ און מער נישט גנב'ענען.**

• • •

**אין ספר דברי מאיר ווערט געברענגט**, אז איינמאל איז דער צדיק וקדוש רבי מאיר הגדול מפרעמישלאן זי"ע געפארן אויפן וועג, און זיך אפגעשטעלט אין א קרעטשמע פון א פראסטן איד וואס האט כמעט נישט געוואוסט וויאזוי צו לערנען, אבער ער איז געווען א גרויסער בעל מכנס אורח, ער האט די געסט אויפגענומען מיט גרויס כבוד און יעדן מכבד געווען מיט א גאר שטארקע צוגעלאזנקייט, דער קרעטשמער האט מכבד געווען דעם רבי'ן מיט אלעס גוטס.

פארן ארויספארן האט דער צדיק רבי מאיר אים געוואלט בענטשן מיט א ברכה, האט דער קרעטשמאר געזאגט, "**רבי, איך בעט נישט קיין עשירות און קיין כבוד, איך בעט נאר אז איך זאל זוכה זיין צו דאווענען מיט כוונה און ערליכקייט**", האט דער צדיק רבי מאיר הגדול אים אנגעקוקט מיט גרויס ליבשאפט און געזאגט, "**וויסן זאלסטו, אז ווען א פראסטער איד גיט צו עסן פאר אן אורח מיט א גאנצן הארץ און מיט א פשוט'ער תמימות, איז דאס חשוב אין הימל נישט ווינציגער פון די גרויסע כוונות פון די מקובלים! זאלסט ווייטער אנגיין מיט דיין הייליגע מדה פון הכנסת אורחים, און דורך דעם וועסטו זוכה זיין צו ערליכע דורות**", נאך דעם איז דער איד געהאלפן געווארן מיט בני חיי ומזוני, און זיינע קינדער זענען אויסגעוואקסן ערליכע תלמידי חכמים.

• • •

**אין ספר תפארת אבות ווערט דערציילט**, אז איינמאל איז אנגעקומען אן אורח אין פרמישלאן אינמיטן די וואך, דער אורח איז געווען אנגעטאן פשוט און געווען אומבאקאנט, און ער האט זיך נישט געוואלט פאר קיינעם אויסזאגן ווער ער איז, לפלא האט דער צדיק רבי מאיר הגדול **מכבד געווען דעם אורח מיט גרויס כבוד, דער צדיק האט אים געגעבן די בעסטע מאכלים, און אים אפגעגעבן א באזונדערע שטוב צו נעכטיגן.**

לפלא אינדערפרי האט מען געזען ווי דער צדיק רבי מאיר אליין טראגט אריין הייסע וואסער פאר דעם גאסט זיך צו וואשן די הענט, די מקורבים האבן זיך געוואונדערט און געפרעגט דעם רבי'ן, "**פארוואס טוט דער רבי אזוי שטארק מכבד זיין אזא פשוט'ן אומבאקאנטן מענטש**", האט דער צדיק רבי מאיר הגדול געענטפערט, "**יעדער איד וואס קומט אונטער מיין דאך איז ביי מיר ווי א בן יחיד פונעם אייבערשטן, אויב דער בורא יתברך האלט די נשמה פון א איד אויף די וועלט און גיט אים חיות יעדן טאג, ווער בין איך אז איך זאל נישט דינען זיין קינד מיט מיין גאנצן הארץ**" שפעטער האבן די מקורבים אויסגעפונען, **אז דער אורח איז געווען איינער פון די צדיקים נסתרים פון יענעם דור**.

• • •

**אין ספר שבחי בעש"ט ווערט געברענגט**, אז אין די ערשטע יארן ווען דער צדיק רבי מאיר הגדול מפרעמישלאן זי"ע איז געפארן צום הייליגן בעל שם טוב זי"ע, האט ער זיך מורא'דיג געפארכט ביי זיך מיט זיין גרויס עניוות, **צו ער איז באמת ראוי צו זיין פון די תלמידים פונעם בעש"ט**.

ווען ער איז אנגעקומען צום בעש"ט אין מעזוביז, איז אים דער בעש"ט הקדוש אנטקעגן געלאפן און אים שלום געגעבן מיט גרויס שמחה, און זיך אנגערופן צו די תלמידים, "**זיכער מאכט די וועלט א טעות ווען זיי מיינען אז נאר דורך הויכע סודות קומט מען צו דביקות בשם, זעהט אבער דעם מאיר'ל פון פרמישלאן, ווייל דורך זיין אמת'ע ענווה און פשוט'ע תמימות עפנט ער אלע הימלען**", נאך יענער שבת האט דער בעש"ט מייחד געווען באזונדערע עבודות פארן תלמידי רבי מאיר הגדול זי"ע, און אים צוגעפירט צו די מדרגות פון זיין דרך החסידות.

• • •

**אין ספר היחס לבית פרעמישלאן ווערט דערציילט**, אז איינמאל איז געקומען אן ארימאן קיין פרמישלאן וואס זיין גאנצע חיונה איז געשטאנען אויף א קליינער פעלד פון פלאקס, אבער יענעם יאר איז געווען א גרויסע טרוקעניש, די זון האט געברענט, און די פלאקס האט אנגעהויבן פארדארבן ווערן, דער איד איז געזעסן אין בית המדרש און געוויינט מיט א ביטערע טרערן אויף זיין שווערע מזל.

דער צדיק רבי מאיר הגדול האט אים באמערקט, און האט אים צוגערופן און געפרעגט וואס עס דרוקט אים, נאכדעם וואס דער איד האט אים דערציילט זיין צער, האט רבי מאיר אים געזאגט, "**גיי אהיים מיט א בשורה טובה, דער אייבערשטער וואס שפייזט אלע באשעפענישן מיט גרויס רחמנות, פארגעסט נישט פון דיין פעלד, אבער גיי איצט אין שטוב און זאג דריי קאפיטלעך תהילים מיט שמחה, ווייל די ישועה קומט נאר דורך שמחה**", דער איד האט אזוי געטאן, ער איז אהיים געגאנגען מיט א ברייטן שמייכל און געזאגט תהילים מיט גרויס התלהבות, נאך פאר דער טאג איז פארענדיגט געווארן, האבן זיך באוויזן שווערע חמארעס אין הימל און עס האט אנגעהויבן גיסן א שווערע רעגן מיט א גרויסע ברכה וואס האט געראטעוועט זיין גאנצע תבואה.

**יארצייט כ"ג אב**

**הרה"ק רבי צבי הירש ב"ר יעקב יצחק זי"ע (הורוויץ), מלובלין**

ער איז געבוירן צום זיין טאטן הרה"ק **רבי יעקב יצחק בעל החוזה מלובלין** זי"ע.

און צו זיין מאמע **הרבנית הצדקת מרת שפרינצא** ע"ה.

עס איז נישט דא קיין סאך פון דעם צדיק, וויבאלד ער האט זיין גאנץ לעבן געלעבט אין א געוואלדיגע הסתר און זיך באהאלטן מיט זיין גדלות בתורה און זיין געוואלדיגע קדושה, אבער זיין טאטע דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע האט מעיד געווען אויף זיין געוואלדיגע קדושה און זיין גדלות בתורה, דער צדיק האט קיינמאל נישט געוואלט נעמען קיין רבנות אפילו נאכן הסתלקות פון זיין גרויסע טאטע, אבער "פטור בלא כלום אי אפשר", דערפאר וועט מען כאטש דערציילן עטליכע מעשיות פון דעם צדיק וקדוש.

בשנת תקצ"א האט ליידער אויס געבראכן א שווערע מגיפה אין שטאט **רימנוב**, און דער צדיק וקדוש רבי צבי הירש הנקרא **ר' הערשעלע מרימנוב** זי"ע איז אויך ל"ע אנגעשטעקט געווארן מיט די מחלה, ווען דער צדיק וקדוש **רבי צבי הירש מלובלין** זי"ע דער זון פונעם הייליגען חוזה האט געהערט, אז דער צדיק מרימנוב איז נישט געזונט, איז ער אריבער געפארן קיין רימנוב, און דאן האט דער צדיק רבי צבי הירש מלובלין געזאגט, אין הימל איז נגזר געווארן אז "**צבי הירש בן שפרינצא**" זאל ליידער נסתלק ווערן, אבער מיין נאמען איז אויך "**צבי הירש בן שפרינצא**".

און וויבאלד די וועלט ברויך נאך האבן דעם צדיק רבי הערשעלע מרימנוב, אז ער זאל משפיע זיין השפעות און פרנסה פאר אידישע קינדער, וועל איך נעמען אויף מיר די גזירה, און כך הוה דער צדיק רבי הערשעלע מרימנוב איז דאן געזונט געווארן, און דער צדיק רבי צבי הירש מלובלין איז גלייך נאכדעם נסתלק געווארן, און דורך דעם וואס ער האט גענומען די גזירה אויף זיך, **האט דער צדיק רבי הערשעלע נאך געלעבט נאך 16 יאר און משפיע געווען ישועות פאר אידישע קינדער**.

ווערט דערציילט איבער די געוואלדיגע עניוות ושפל ברך פין דעם צדיק וקדוש רבי צבי הירש מלובלין זי"ע, אז ווען ער איז נסתלק געווארן אין שטאט רימנוב איבער נעמענדיג די מחלה פינעם צדיק רבי הערשעלע מרימנוב זי"ע, האט ער געבעטן, אז מען זאל אים באערדיגען ביים טיר פינעם אוהל פין הרה"ק **רבי שמחה בונם מרימנוב** זי"ע און הרה"ק **רבי שכנא מרימנוב** זי"ע, כדי ווען מען גייט אריין אינעם אוהל, זאל מען טרעטן אויף זיין קבר, און כך הוה מען האט דעם צדיק געלייגט ממש ביים טיר.

ליידער איז די גאנצע ביה"ח חרוב געווארן ביי די מלחמה, און היינט איז נאר דא די צוויי אוהלים פון רבי הערשעלע און רבי מענדעלע מרימנוב, אבער אידן האבן דערציילט, אז ווען מען פלעגט גיין צום ציון פין רבי שמחה בונם זי"ע, פל**עגן אידן אריבער טאנצן דעם קבר פין רבי צבי הירש מלובלין כדי נישט צו טרעטן אויפן קבר**, אבער דאס האט דער צדיק באמת געהאלטן פון זיך בחייו, אז ער איז ממש גארנישט, און עס איז אים געווען א כבוד אז מען זאל אויף אים טרעטן צו גיין צום ציון פונעם צדיק.

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע קינדער.

הרה"ק **רבי אליעזר מחנטשין** זי"ע, חתן הרה"ק **גוטער איד מניישטאט** זי"ע, בן הרה"ק **בעל מאור ושמש** זי"ע,
הרה"ק **רבי מרדכי זאב** זי"ע, חתן הרה"ק **רבי משה מקאזניץ** זי"ע, בן הרה"ק **המגיד מקאזניץ** זי"ע,
הרה"ק **רבי יצחק נתן נטע מבארדיטשוב** זי"ע,
בתו **הרבנית הצדקת מרת מאטיל פייגא** ע"ה, אשת הרה"ק **רבי אלעזר מענדל מלעלוב** זי"ע.

נסתלק לגנזי מרומים **כ"ג אב בשנת תקצ"א**, ומנחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט **רימנוב**.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**אינעם ספר עשר קדושות ווערט געברענגט א וואונדערליכע מעשה** איבער די גרויסער מדרגות פון דעם צדיק וקדוש רבי צבי הירש מלובלין זי"ע, און ווי דער טאטע דער הייליגער חוזה מלובלין

זי"ע האט אים גאר שטארק מעריץ געווען, איינמאל האט דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע געגעבן פאר זיין זוהן רבי צבי הירש זיין אייגענעם **יום-טוב'דיגן שטריימל/קאפל אלס מתנה.**

ווען דער זוהן רבי צבי הירש האט דאס אנגעטאן, האט ער מרגיש געווען **א גאר גרויסע קדושה און א געוואלדיגע התעוררות**, א קורצע צייט שפעטער האט דער הייליגער חוזה אים געבעטן ער זאל אים צוריקגעבן דעם היטל, ווען רבי צבי הירש האט עס צוריקגעגעבן, האט דער חוזה געזאגט מיט התפעלות, "**איך האב דיר געגעבן א היטל מיט קדושה, אבער דו האסט עס מיר צוריקגעגעבן אנגעפילט מיט נאך פיל מער קדושה און יראת שמים**".

• • •

**אין ספר שפתי צדיקים ווערט געברענגט**, אז עס ווערט געברענגט אין חסידישע ספרים, אז דער צדיק וקדוש רבי צבי הירש מלובלין זי"ע האט זוכה געווען צו א גאר הויכע דרגה פון "**גלוי אליהו ז"ל**" דאך אבער האט דאס דער צדיק באהאלטן מיט אלע כוחות.

ווערט דערציילט אז איינמאל האט איינער פון די גרויסע תלמידים פונעם חוזה דערפילט די גרויסע קדושה וואס שוועבט ארום דעם זוהן דער צדיק רבי צבי הירש, און האט אים געפרעגט וועגן זיין הייליגע עבודה, דער צדיק רבי צבי הירש האט זיך צעוויינט און געבעטן ברחמים פון דעם תלמיד, **אז ער זאל אים חלילה נישט מפרסם זיין אדער מאכן פון אים א "רבי", נאר אים לאזן דינען דעם אייבערשטן בצנעא ובפשטות.**

• • •

**אינעם ספר מאור עיניים און אין ספר שיחות שרפי קודש ווערט דערציילט** אן אינטערעסאנטע עובדה פון זיין יוגנט, האט אמאל פאסירט, אז דער יונגער רבי צבי הירש האט געטאן א קלייניקייט וואס האט נישט געפאסט לפי מדרגתו, ווען דער טאטע דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע האט דאס דערפילט ברוח קדשו, **האט ער אים נישט מוסר געווען מיט קיין שטרענגע רייד, נאר אים געזאגט מיט גרויס ליבשאפט.**

"**צבי הירש'ל, וויסן זאלסטו אז אן עבירה אדער א מכשול קען מען אפוואשן מיט איין אמת'ן קרעכץ, אבער די קדושה וואס א איד שפירט פון אן אמת'ער תשובה פון א אידיש הארץ, דאס קען מען נישט קויפן פאר קיין שום געלט**", דער הייליגער זוהן רבי צבי הירש האט די ווערטער אריינגענומען טיף אין זיין הארץ, און פלעגט שפעטער זאגן פאר זיינע מקורבים, **אז די הייליגע ווערטער פון זיין טאטן האבן אים באלויכטן די עבודה פון תשובה און שפלות פאר זיין גאנצן לעבן.**

• • •

**אינעם ספר דברי בינה און אין ספר תולדות החוזה מלובלין ווערט געברענגט** איבער די שווערע טעג נאך תשעה באב בשנת תקע"ה, ווען דער הייליגער חוזה מלובלין איז נסתלק געווארן, די גרויסע תלמידים פונעם חוזה צוזאמען מיט די ראשי העדה אין לובלין זענען אריינגעקומען צום זוהן רבי צבי הירש, און אים געבעטן ער זאל איבערנעמען די הנהגה און פירן די טישן אין לובלין.

אבער דער צדיק רבי צבי הירש מיט זיין גרויס עניוות האט זיך שטארק אנטקעגנגעשטעלט און געוויינט מיט ביטערע דמעות, אז ער איז נישט ראוי צו דינען אלס דער ממלא מקום פון זיין גרויסן טאטן, די זקני החסידים האבן אים אבער געזאגט, "**מיר זעען אויף אייער פנים די קדושה און דעם צורת הדיוקן פון אייער הייליגן טאטן, און דער עולם דארף א מנהיג זיך צו קלאמערן**".

און טאקע נאך גרויס דרוק האט ער בלית ברירה אנגענומען די הנהגה בלויז אויף א אופן פון שפלות, און יעדן שבת ווען ער האט געזאגט תורה פלעגט ער אנהויבן מיט די ווערטער, "**איך זאג נישט קיין אייגענע תורה, נאר וואס איך האב זוכה געווען צו הערן פון מיין הייליגן טאטן**".

• • •

**עס ווערט דערציילט אין ספר נפלאות הרבי**, אז דער צדיק וקדוש רבי צבי הירש פלעגט צוזאמען מיט זיין גרויסן טאטן דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע עוסק זיין בצדקה וחסד אויף א גאר געהויבענע מדרגה, ווען ארימעלייט פלעגן קומען צו זיין טאטן דעם חוזה בעטן נדבות, פלעגט דער זוהן רבי צבי הירש אפטמאל שטיין ביים טיר און זארגן אז קיין איינציגער ארימאן זאל נישט ארויסגיין פון הויז מיט ליידיגע הענט.

איינמאל האט אן ארימאן זיך באקלאגט פארן צדיק רבי צבי הירש, אז ער האט נישט קיין געלט צו חתונה מאכן זיין טאכטער, רבי צבי הירש האט אים

געגעבן **זיין אייגענעם יום-טוב'דיגן מלבוש זיין פעלץ/בעקעטשע, און געזאגט פארן ארימאן, אז ער זאל דאס פארקויפן, און פון דעם וועט ער האבן געלט צו חתונה מאכן זיין טאכטער**, ווען דער הייליגער חוזה האט דאס געהערט, האט ער גערופן זיין זון און אים געזאגט מיט א גרויסע התרגשות, "**צבי הירש, מיט דיין חסד האסטו ממשיך געווען א גרויסע רחמים פון הימל אויף דעם איד און אויף גאנץ כלל ישראל**".

• • •

**אינעם ספר עשר קדושות ווערט דערציילט** איבער זיין געוואלדיגע אפגעהיטענקייט פון נעמען געלט און הנאה האבן פון א מתנת בשר ודם, און דער צדיק איז זיין גאנץ לעבן אנטלאפן פון כבוד ווי פון פייער, נאך די הסתלקות פון זיין טאטן דער הייליגער חוזה זי"ע, זענען פילע חסידים און מענטשן אין נויט געקומען צו זיין שטוב אין לובלין און געוואלט אים געבן "קוויטלעך" מיט פדיונות, כדי ער זאל פועל'ן ישועות.

אבער דער צדיק רבי צבי הירש האט בשום אופן נישט געוואלט נעמען קיין פדיונות פאר זיך, און ווען חסידים האבן אים דאך געגעבן געלט און פדיונות ביים געבן א קוויטל, פלעגט ער דאס תיכף ומיד צוטיילן פאר ארימעלייט און אלמנות אין שטאט לובלין, אהן צו האלטן אפילו איין איינציגער פרוטה פאר זיך.

און דער צדיק פלעגט כסדר זאגן מיט א פשטות, "**מיין טאטע האט געהאט די כוח צו פועל'ן ישועות מיט פדיונות, אבער מיין גאנצע חיות איז נאר צו העלפן א צעבראכן אידיש הארץ מיט א שותפות'דיגן קרעכץ**".

• • •

**אינעם ספר מאורות הקודש און אויך אינעם ספר סיפורי חסידים ווערט געברענגט** א מאמר וואס דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע האט געזאגט אויף זיין זון דער צדיק וקדוש רבי צבי הירש זי"ע, זיין טאטע, דער חוזה, פלעגט זיך אויסדריקן אויף אים מיט גאר גרויס הפלגה.

איינמאל ווען רבי צבי הירש איז אריינגעקומען אין צימער פונעם חוזה, האט זיך דער חוזה אויפגעשטעלט מלא קומתו לכבודו, ווען די מקורבים האבן זיך געוואונדערט פארוואס דער טאטע שטעלט זיך אויף פארן זון, האט דער חוזה געזאגט בזה"ל, "**איך שטעל זיך נישט אויף פאר מיין זון צבי הירש'ל אלס מיין קינד, נאר פאר די נשמה הטהורה וואס שוועבט אין אים, וואס איז גאר הויך און ריין פון יעדן שמץ פון עולם הזה**".

• • •

**איו ספר תולדות החוזה ווערט דערציילט**, אז דער צדיק רבי צבי הירש פלעגט פיל ארומוואנדערן אין די אומגעגנט פון לובלין צו באזוכן אידן וואס זענען געזעסן אין תפיסה צוליב חובות אדער בלבולים, ער פלעגט איינזאמלען געלט פון די גבירים אין שטאט צו פאדהאנדלען מיט די פריצים און באפרייען די אידן וואס זענען נעבעך געזעצן אין די פונסטערע תפיסות, זיין גאנצע עבודה איז געווען באהאלטן פון די אויגן פון מענטשן, און ער האט תמיד געמאכט זיכער, אז מען זאל נישט וויסן אז ער שטייט הינטער די אלע עסקנות, כדי נישט צו געניסן פון קיין שום כבוד.

• • •

**אינעם ספר סגולת ישראל ווערט געברענגט** איבער זיין עבודה פון אריינברענגען חיות אין די לבבות נשברות און פון די פשוט'ע אידן, פילע פון די ארימע חסידים וואס זענען כסדר געקומען צום טאטן דער הייליגער חוזה זי"ע, האבן זיך געפילט שטארק צעבראכן נאכן הסתלקות פונעם הייליגן חוזה מלובלין זי"ע.

דער צדיק רבי צבי הירש האט זיי מקבל געווען מיט אן אומבאשרייבליכע ליבשאפט און פלעגט זיצן מיט זיי שעה'ן לאנג, איינמאל האט אים איינער פון די רייכע פרנסים אין לובלין געפרעגט, **פארוואס ער איז אזוי מכבד און פארברענגט אזוי פיל צייט מיט די ארימע און צעבראכענע אידן און הערט אזויפיל אויס זייער ווייטאג**, האט דער צדיק רבי צבי הירש געענטפערט מיט א פשטות און עניוות, "**דער אייבערשטער וואוינט ביי די דכא ושפל רוח, ווען איך זיץ מיט א צעבראכן אידיש הארץ, פיל איך די שכינה הקדושה נענטער ווי ערגעץ אנדערש**".

• • •

**אינעם ספר שפתי צדיקים ווערט געברענגט**, אז ווען אידן פלעגן קומען צו אים אין לובלין וועגן שווערע גזירות אדער קראנקייטן, פלעגט ער נישט מאכן קיין גרויסע מופתים אדער מפרסם זיין זיין קדושה, נאר דער צדיק פלעגט זיך פארשליסן אין זיין חדר מיוחד, און מתפלל געווען מיט שרעקליכע בכיות און דביקות.

און דער צדיק פלעגט זאגן פאר די וואס זענען געקומען צו אים פאר הזכרות, "**איך קען אייך נישט באווייזן קיין מופתים, אבער אונזערע תפילות צוזאמען מיט אן אמת'ן קרעכץ קענען צעברעכן אלע אייזערנע טויערן אין הימל**", און פילע חסידים האבן עדות געזאגט, אז נאך אזעלכע תפילות זענען הונדערטער אידן געהאלפן געווארן **מיט ישועות למעלה מדרך הטבע**.

**יארצייט כ"ג אב**

**הגה"ק רבי יעקב ישראל ב"ר חיים פרץ זי"ע (קנייבסקי), בעל קהלות יעקב דער סטייפלער גאון**

ער איז געבוירן אין שטאט הורנוסטייפל, **ט' תמוז בשנת תרנ"ט**.

צו זיין טאטן הגה"ק **רבי חיים פרץ קנייבסקי** זי"ע.

וואס איז געווען א חסיד מובהק פון הרה"ק **רבי מרדכי דוב מהורנוסטייפל** זי"ע, און דער טאטע האט אים געגעבן דעם נאמען יע**קב ישראל** נאכן זיידע פון זיין רבי הרה"ק **רבי יעקב ישראל מטשרקאס** זי"ע.

און צו זיין מאמע **הצדקת מרת ברכה** ע"ה.

ער איז געווען א גאון הגאונים און א למדן עצום בתורה, ער איז געווען א בקי נפלא בש"ס ופוסקים, און א צדיק תמים וקדוש, ער איז געווען מפורסם אלס א בעל מחדש נפלא, דער גאון האט דעם גאנצן מעת לעת ממש עוסק געווען בתורה ועבודת השם מיט א געוואלדיגע התמדה און קדושה, ער איז געווען א צוגעלאזענע מענטש און אפגעגעבן כבוד אפילו פאר אידן וואס זענען געווען וויניגער ווי אים אין תורה, ער האט מרביץ תורה געווען פאר טויזענטער תלמידים.

שוין אלס קינד איז ער געווען באוויסט מיט זיין געוואלדיגע גאונות און זיין געוואלדיגע התמדת התורה, ער האט געלערנט רוב טאג און אפילו ביינאכט מיט א געוואלדיגע התמדה.

ער איז ליידער געווארן א יתום פון זיין טאטן ווען ער איז געווען בערך 11 יאר אלט, אבער דאס האט דעם יונגען גאון בכלל נישט אפגעשטעלט פון עוסק זיין בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה.

ביי די 12 יאר אלט בערך, איז ער אריין לערנען אין די ישיבת **נובהרדוק** אין **בלארוס**, וואס איז געווארן געפירט דורך הגה"ק **רבי יוסף יוזל הורוויץ הסבא מנובהרדוק** זי"ע, און דארט האט ער עוסק געווען בתורה ועבודה מיט א געוואלדיגע התמדה, און ער איז פארעכענט געווארן פון די חשוב'סטע תלמידים ביים סבא מנובהרדוק זי"ע.

חודש אלול בשנת תרע"ה ווען עס האט אויסגעבראכן די ערשטע וועלט מלחמה, האט מען גאר אסאך מיט געמאכט שווערע יסורים, אבער די בחורים האבן זיך מוסר נפש געווען אפ צו היטן די תורה און מצוות, און דערפאר האבן זיי גאר אסאך געליטן פון די מיליטער פון רוסלאנד, אבער דער סטייפלער גאון האט מחזק געווען אלע בחורים, און זיך געהאלטן פעלזן פעסט למען קדושת המצוות.

בשנת תרפ"ב זענען די בחורים אנטלאפן פון די מיליטער, און זענען אלע אריבער קיין **פולין** און דארט זענען זיי צוריק אין ישיבה **נובהרדוק** אין שטאט **ביאליסטוק** אין **פולין**, וואס איז שון דאן געווען בהנהלת הגה"ק **רבי אברהם יפה'ן** זי"ע, דער איידעם פונעם סבא מנובהרדוק זי"ע וואס איז נסתלק געווארן י"ז כסלו בשנת תר"פ, וואס דארט האבן זיי ווייטער עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה.

בשנת תרפ"ה האט דער סטייפלער גאון ארויס געגעבן דעם **ספר שערי תבונה אויף סוגיות הש"ס**, און ווען דער ספר איז אנגעקומען אין די האנט פונעם הייליגען חזון איש זי"ע, איז דער חזון איש גאר שטארק נתפעל געווארן פון דעם גרויסן עמקות און חריפות פונעם סטייפלער גאון, און ער האט מציע געווען דעם בחור פאר א איידעם פאר זיין שוועסטער.

ז' אדר בשנת תרפ"ז האט ער טאקע חתונה געהאט מיט **הצדקת מרת פעשא מרים** ע"ה,
בת הגה"ק **רבי שמריהו יוסף קרליץ** זי"ע, די טאטע פון דעם **הייליגען חזון איש** זי"ע.

ווערט דערציילט, אז נאך אין נובהרדוק האט דער חזון איש זי"ע, געזען א חידוש אין איינע פון די בלעטער וואס דער הייליגער סטייפלער גאון זי"ע האט געשריבן, און אזוי ווי ער האט געזען דעם חידוש, האט ער גלייך דערשפירט, אז דער שרייבער איז א ירא שמים, האט ער געוואלט דעם שרייבער נעמען אלס חתן פאר זיין שוועסטער.

האט ער געלאזט ריפן דעם סטייפלער גאון צו זיך אין שטאט, און ווען דער גאון איז אנגעקומען און געזעצן אויף די באשוי מיטן שוועסטער, האט דער חזון איש זי"ע געפרעגט דעם שוועסטער נאכדעם, וואס זי זאגט צום בחור, האט דער שוועסטער געזאגט, דער בחור איז נישט פאר מיר, **ווייל דער בחור האט ממש די גאנצע צייט וואס מיר זענען געזעצן, געדרימלט**.

האט דער חזון איש געפרעגט דעם סטייפלער גאון וואס די פשט איז, האט דער סטייפלער גאון געזאגט, אז אויפן וועג אהער איז ער געווען אויפן באן, און די זיצן זענען געווען פון מאטריאל, **און וויבאלד ער האט נישט געוויסט אויב עס האט שעטנז"ז, איז ער די גאנצע וועג וואס איז געווען א מהלך רב געשטאנען אויף די פיס**, און וועגן דעם איז ער אזוי מיד, און דערפאר האט ער געדרימלט די גאנצע צייט, האט שוין דער חזון איש גאר גוט פארשטאנען אז דער איז ראוי צו זיין א שוואגער זיינער, ווייל דער שוועסטער איז אויך געווען א גרויסע צדקת.

ווי באקאנט האט דער סטייפלער גאון טאקע געלערנט מיטן ליטפישען סדר הלימוד און זיך פאריפן אלס איינע פון די ליטווישע גאונים, אבער מען דערציילט גאר אסאך ענינים וואס דער גאון האט מקפיד געווען מיטן חסידישן דרך, ווי למשל איז ער געגאנגען **יעדן טאג אין מקו'**.

און אויך דערציילט מען, אז דער גאון אפילו אויף זיינע עלטערע יארן, ווען ער איז שוין געווען גאר שוואך, האט ער נישט נאכגעגעבן **אויפן מקו' ערב שבת און אויף שבת קודש צופרי**, אויך האט ער געדאווענט **מיט א גארטל כמנהג חסידים**, און ווי באקאנט האט זיין זון דער גאון הדור הגה"ק רבי חיים קנייבסקי זי"ע זיך אויך אסאך געפירט מיט חסידישע מנהגים.

נאך די חתונה האט ער ווייטער עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה, און ער איז שוין דאן באוויסט געווארן מיט זיין געוואלדיגע חריפות און גדלות בתורה, אויך איז ער געווען באוויסט מיט זיין געוואלדיגע הנהגה אין קדושה וטהרה, ער האט דאן געדינט אלס ר"מ אין די **ישיבה בית יוסף מפינסק** בהנהלת הגה"ק **רבי שמואל ווינטרוב** זי"ע.

אדר בשנת תרצ"ד איז דער גאון ארויף קיין ארץ ישראל, און זיך באזעצט אין שטאט בני ברק, סמוך ונראה צו זיין שווער, דארט האט מען אים אויף געגומען אלס ראש ישיבה אין דעם **ישיבת בית יוסף** בהנהלת הגה"ק **רבי מתתיהו שציגל** זי"ע, אויך האט דער שוואגער דער הייליגער חזון איש געגעבן שיעורים דארט אין ישיבה, און ווי עס איז באקאנט האט דער סטייפלער גאון געהאלטן דעם חזון איש זי"ע אלס זיין רבו מובהק.

ט"ו חשון בשנת תשי"ד, ווען דער הייליגער חזון איש זי"ע איז נסתלק געווארן, האט דער שוואגער זיינער דער סטייפלער גאון זי"ע איבער גענומען אלס ממלא מקום דארט אין בני ברק, ער איז דאן פארעכנט געווארן ווי דער מנהיג הדור פון די ליטפישע סעקטע, אויך האט ער דאן געפירט דעם כולל חזון איש אין שטאט בני ברק.

ער איז דאן באוויסט געווארן אין גאנץ ארץ ישראל און אפילו אין די וועלט, אלס **א גאון עולם און א גדול הדור**, ער האט מקדיש געווען זיין גאנצען טאג פארן עוסק זיין בתורה און מרביץ תורה זיין פאר זיינע געהויבענע תלמידים, אויך האט ער דאן מקדיש געווען א צייט ווען ער האט געפראוועט קבלת קהל און אויף גענומען אידישע קינדער וואס זענען געקומען זיך שואל עצה זיין און מזכיר זיין ביי דעם **גאון הדור**.

מען דערציילט, אז דער גאון האט זיך נישט משתתף געווען ביי קיין שמחות צוליב וואס ער האט געזאגט אז עס איז ביטול תורה, און ער האט בשום אופן נישט געוואלט מבטל זיין פון זיינע שיעורים, און יעדער האט דאס געוויסט.

איין טאג איז געווען א בר מצוה פון איינע פון די קינדער פונעם שטאט, און פלוצלונג באווייזט זיך דער הייליגער סטייפלער גאון, דער טאטע מיטן בחור האבן זיך גאר שטארק געפרייט, אז זיי האבן זוכה געווען אז דער גאון זאל קומען צום בר מצוה, זוצנדיג אויבן אן ביים בר מצוה, **האט דער סטייפלער גאון געגרעדט שטילערהייט מיטן בר מצוה בחור, און דערנאך איז ער אהיים**.

דער עולם האט זיך גאר שטארק געוואונדערט אויף דעם ערשיינונג, האט דער בחור מגלה געווען,

אז ווען ער איז געווען א קינד, האט אים דער גאון בטעות איינמאל אנגעשריגן וועגן עפעס א סיבה, און ווען ער האט זיך געכאפט אז ער האט געמאכט א טעות, האט ער מיך איבער געבעטן, **אבער וויבאלד איך בין דאך געווען א קטן, און קטנים לאו בני מחילה נינהו, דערפאר יעצט ווען איך בין בר מצוה געווארן און געווארן א גדול, איז דער גאון מיך געקומען נאכאמאל איבער בעטן אויף דעם טעות.**

ער האט זיך געפירט מיט א געוואלדיג פשטות און געווען א הצנע לכת, ער איז געווען א צדיק תמים, און געדינט דעם באשעפער מיט א געוואלדיגע אמת און תמימות, ווי באקאנט האט ער די לעצטע צען יאר פון זיין לעבן זייער שווער געהערט אויף די אויערן, און דערפאר זענען דאן אלע שאלות געפרעגט געווארן אויף פאפיר, און ער האט פראבירט יעדן צו ענטפערן אויף זייערע שאלות.

ער האט דאן מדפיס געווען זיין **ספר קהלות יעקב**, וואס דער ספר איז אויפגענומען געווארן ביי אלע גדולים בדורו, און אלע ישיבות האט מען דעם ספר געלערנט אלס חלק פונעם סדר הלימוד.

ער האט געהאט גאר אסאך מנהגים און דרכי הלימוד וואס ער האט זייער געפאדערט פון זיינע תלמידים, איינע פון די זאכן האט ער מקפיד געווען אז די בחורים זאלן שלאפן א געהעריג סכום ביינאכט, כדי צו קענען דינען דעם באשעפער אויסגעריט, און אפילו ער אליין איז גאר ווייניג געשלאפן, האט ער אבער אויף די תלמידים יא מקפיד געווען.

אויך האט ער מקפיד געווען אז מען זאל יעדן דף גמרא איבער חזר'ן, כאטש פיר מאל כדי מען זאל דאס געדענקען, און ווען מען ענדיגט א פרק, זאל מען דאס אויך איבער חזר'ן פיר מאל, און געזאגט אז דאס איז דאס איינציגסטע וועג אז מען זאל געדענקען דאס לערנען.

דער סטייפלער גאון האט זייער מקפיד געווען אז מען זאל אים נישט מכבד זיין, און ער האט זיך באמת געהאלטן אלס א שפל ברך און געווען א געוואלדיגע עניו, ער האט נישט פארברענגט קיין צייט אויסער לערנען און דאווענען, און כסדר מזכיר געווען אז ער שטאמט פון א חסידישע אפשטאם, און ער פלעגט **אנטון זיין שטריימל יעדן שבת קודש ביי שלש סעודת** אלס א דערמאנונג אז ער שטאמט פון חסידים.

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער.

הגה"ק **רבי חיים קנייבסקי** זי"ע, וואס איז געווען מקובל פאר יארן לאנג **אלס דער גדול הדור**, און געהארעוועט אין תורה מיט א געוואלדיגע התמדה, און געווען א בקי נפלא אין כל התורה כולו, און זוכה געווען צו א געוואלדיגע שיבה טובה,
בתו **מרת יוספה** ע"ה, אשת הגה"ק **רבי שאול ברזם** זי"ע,
בתו **מרת אהובה** ע"ה, אשת הגה"ק **רבי מרדכי שלמה ברמן** זי"ע.

נסתלק לגנזי מרומים בשיבה טובה **בן פ"ה שנים, ליל שבת קודש פרשת עקב כ"ג מנחם אב בשנת תשמ"ה**, ומנוחתו כבוד איז אין ביה"ח אין **שטאט בני ברק**, נעבן זיין שוואגער דער חזון איש זי"ע.

זונטאג ראה איז פאר געקומען די לוי' און הונדערטער און טויזענטער אידן זענען געקומען געבן דעם כבוד האחרון פאר דעם גדול הדור.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**אין ספר קריינא דאיגרתא ווערט דערציילט**, אז אין די יונגע יארן, ווען דער הייליגער סטייפלער גאון איז געווען א בחור אין נובהרדוק, איז ער פארכאפט געווארן צו דינען אין דער רוסישער ארמיי ביי די ערשטע וועלט מלחמה, די רוסישע אפיצירן האבן געוואלט אים צווינגען צו חלילה מחלל זיין דעם שבת, אבער ער האט זיך עקשנות'דיג אנגעהאלטן נישט צו טאן קיין שום מלאכה.

איין שבת האבן אים די סאלדאטן געצוואונגען צו שטיין אויפן וואך אין א שרעקליכן פראסט, אן קיין ווארעמע מאנטל, זיי האבן געמיינט אז דורך

דעם וועט ער זיך ברעכן פאר זיי צו ח"ו מחלל שבת זיין, דער סטייפלער האט זיך אבער אנגעהאלטן מיט א גוואלדיגע שטארקייט עז כנמר, און כדי נישט צו פארפרוירן ווערן רח"ל צום טויט, **האט ער דורכגעפירט דעם גאנצן שבת מיט הייליגע תפילות און הרהורי תורה, ביז די אפיצירן האבן זיך געוואונדערט ווי אזוי ער איז געבליבן לעבן**.

• • •

**אין ספר אורחות רבינו ווערט דערציילט**, אז דער הייליגער סטייפלער גאון זי"ע איז געווען באוואוסט, מיט זיין גרויסער זהירות אין תפילה און עבודת השם, איינמאל בשעת דער הייליגער סטייפלער האט געדאווענט שמונה עשרה מיט גרויס דביקות, איז אריינגעקומען א איד אין זיין חדר וואס האט געליטן פון א מחלה אויף די פיס, און דער איד איז נעבעך אראפגעפאלן אויף דער ערד, און ער האט נישט געקענט אויפשטיין אליין.

דער הייליגער סטייפלער, אפילו האלטענדיג אינמיטן דאווענען די שטילע שמונה עשרה, האט גלייך אפגעשטעלט זיין דאווענען, זיך צוגעבויגען צום איד, אים געהאלפן אויפשטיין מיט א מסירות נפש, אים אוועקגעזעצט אויף א בענקל, און ערשט דערנאך האט דער גאון וקדוש ממשיך געווען די שמונה עשרה, און דער הייליגער סטייפלער האט שפעטער מסביר געווען פאר זיינע מקורבים, "**אז פיקוח נפש און חסד מיט א צווייטן איד שטייט אזוי הויך, אז אפילו אינמיטן זייענדיג אין א גרויסע דביקות אינמיטן דאווענען, ברויך מען מפסיק זיין פאר א אנדערן איד**".

• • •

**אין ספר מאיר עיני ישראל ווערט געברענגט**, אז איינמאל איז אריינגעקומען צום הייליגען סטייפלער גאון זי"ע, א איד וואס האט שוין יארן נישט זוכה געווען צו קיין קינדער, ער האט געוויינט פארן סטייפלער מיט ביטערע טרערן, דער הייליגער סטייפלער, וואס איז געווען זעהר כבד שמיעה אויף זיינע עלטער, און האט שוין דאן נישט געקענט הערן געהעריג, האט אבער געזען די צער פונעם איד און האט באמת מיט געשפירט יענעם'ס צער.

דער סטייפלער גאון האט גענומען דעם איד'ס האנט, אים אנגעקוקט מיט זיינע הייליגע אויגן מיט גרויס רחמנות און געזאגט, "**איך וועל לערנען פאר דיין ישועה, און דו זאלסט מקבל זיין אויף זיך צו עקסטער היטן כבוד הבית און שלום בית**", ער האט אים געגעבן א ברכה מיט א געוויין, א יאר שפעטער איז דער איד צוריקגעקומען מבשר זיין **אז עס איז אים געבוירן געווארן א בן זכר**, ווען מען האט געפרעגט דעם סטייפלער גאון איבער דעם מופת, האט ער געזאגט מיט גרויס עניוות, "**נישט מיינע ברכות האבן גע'פועל'ט, נאר די דמעות פון דעם צובראכענעם איד אליין**".

• • •

**עס ווערט דערציילט דורך די געהויבענע תלמידים פונעם גאון**, אז טראצדעם וואס גאנץ כלל ישראל האט דעם גאון געזעהן אלס איינער פון די גרעסטע גדולי הדור, האט דער סטייפלער געוואוינט אין א פשוט'ע קליינע און ארימע דירה אויף רחוב רשב"ם אין בני ברק, זיין חדר הלימוד איז געווען אנגעפילט מיט א אלטע פשוטע הילצערנע טיש און אלטע הילצערנע בענקליך און ספרים ביזן דאך.

איינמאל האט א גביר געוואלט שענקען פארן הייליגען סטייפלער א נייע באקוועמע טיש און בענקל אדער א נייע בעט פארן שלאף צימער, אבער דער הייליגער סטייפלער האט בשום אופן נישט געוואלט נעמען די מתנה, און דער גאון האט געזאגט פאר דעם גביר, "**א איד אין דעם עולם הזה דארף נאר דאס מינימום צו קענען לערנען תורה, פאר וואס דארף א מענטש מער פון דעם ווען מען דארף זיך גרייטן צום עולם האמת**".

• • •

**אין ספר אורחות רבינו ווערט דערציילט**, א איין נאכט גאר שפעט איז א בחור אריינגעקומען צום סטייפלער גאון'ס שטוב, דער בחור איז געווען צובראכן און דערקלאפט פון א גאר שווערער ענין וואס האט אים געפלאגט, דער הייליגער סטייפלער גאון, וואס איז שוין געווען אן אלטער איד און אפגעשוואכט, האט זיך גלייך אויפגעשטעלט פון זיין ספר וואס ער האט געהאלטן אינמיטן לערנען, ער איז געגאנגען אין קיך, און אליין אנגעהויבן אויפקאכן א הייסע טיי פארן בחור.

דער בחור האט זיך שרעקליך געשעמט און געזאגט, "**רבי, כ'בעט אייך, דער רבי זאל זיך נישט מטריח זיין פאר מיר**", האט דער הייליגער

סטייפלער גאון זי"ע אים געענטפערט מיט גרויס ליבשאפט און מיט זיין גרויס עניוות, "**דו דארפסט יעצט עפעס ווארעמס צו בארוהיגן דיין הארץ, און פאר מיר איז דאס די גרעסטע מצווה פון חסד**", און דער גאון האט זיך געזעצט מיטן בחור און אויסגעהערט וואס עס שטערט אים ווי א פאטער צו א זון, ביז דער בחור האט זיך בארוהיגט.

•••

**אין ספר מאיר עיני ישראל ווערט דערציילט**, אז דער מרן ושר התורה הגאון רבי חיים קנייבסקי זי"ע האט דערציילט, אז מערערע מאל פלעגט אים זיין פאטער, דער הייליגער סטייפלער גאון זי"ע, אויפוועקן אינמיטן די נאכט אין א גרויסן צער, ווען ר' חיים האט אים געפרעגט **וואס עס האט פאסירט**, האט דער סטייפלער געזאגט, "**עס איז געקומען היינט פארמיטאג א איד מיט א שווערע פראבלעם, צי אויף רפואה צי אויף זיווגים, און זיין צובראכן פנים שטייט מיר פאר די אויגן, און איך קען פשוט נישט איינשלאפן ווען איך טראכט פון זיין גרויסן צער**", און דער גאון פלעגט זיך אויפשטעלן און ארומגעגאנגען אין שטוב און געזאגט תהילים מיט בכיות נוראות פאר יחידים וואס האבן אים געבעטן א ברכה.

•••

**אין ספר קריינא דאיגרתא ווערט דערציילט**, אז איינמאל איז אנגעקומען א בריוו צום הייליגען סטייפלער גאון זי"ע, פון א פרוי וואס האט זיך זייער אויסגערעדט צום גאון, אז איר מאן לערנט אסאך און נוצט די ספרים פון "קהלות יעקב", אבער ער באהאנדלט איר נישט כראוי **און ער טענה'ט אז זיין תורה איז וויכטיגער פון איר כבוד**.

דער סטייפלער האט גלייך געשריבן א שארפן בריוו צום מאן וואס איז געווען באמת א אדם חשוב, און צוזאמען מיט דעם האט ער געשריבן אין זיין קונטרס המוסר, "**ווער עס לערנט מיינע ספרים אבער פירט זיך נישט אויף כבוד'דיג צו זיין ווייב און ברענגט איר צער, האט נישט קיין שום היתר צו נוצן מיינע חיבורים**", ווייל דער גאון האט באמת נישט געקענט סובל זיין אז זיין תורה זאל חלילה גורם זיין צער פאר אן אנדערן איד.

•••

**אין ספר תולדות יעקב ווערט דערציילט**, אז איינמאל אין זיין יוגנט אין נובהרדוק, האט דער סטייפלער געלערנט בהתמדה עצומה עטלעכע מעת לעת אן קיין שום הפסק פון שלאף, אבער דינסטאג נאכט איז ער פשוט צוזאמגעפאלן פון ערשאפונג אויפן גמרא, אינדערפרי ווען די חברים האבן אים געפונען אוממעכטיג, האבן זיי אים אויפגעוועקט, זיין ערשטע ווארט ווען ער האט אויפגעמאכט די אויגן, איז נישט געווען **איבער זיין געזונט אדער עסן**, נאר ער האט גלייך געפרעגט דעם חבר, "**ווי האלט מען מיט די קשיא אין די תוספות וואס מיר האבן אנגעהויבן פארגלייכן**", ווייל די תורה הקדושה איז געווען זיין גאנצע חיות.

•••

**אין ספר אורחות רבינו ווערט דערציילט**, אז הרה"צ רבי גדליה נדל זי"ע מגדולי תלמידי החזון איש זי"ע האט דערציילט, אז ער האט מעיד געווען אויפן סטייפלער אין זיין קליין צימער אין בני ברק, אז פאר יארן לאנג האט דער סטייפלער זיך כמעט נישט אומגעקוקט צום פענסטער צו זען וואס עס טוט זיך אויפן גאס, ער איז געווען אזוי איינגעזונקען אין די סוגיות הש"ס, אז די גאנצע וועלט ארום אים איז גארנישט געווען, ווען מען האט אים עפעס געפרעגט איבער וועלטליכע נייעס, האט ער גארנישט געוואוסט און פשוט געזאגט, "**איך בין פארנומען מיט אביי און רבא**".

•••

**אין ספר מאיר עיני ישראל ווערט געברענגט**, אז אין זיין שפעטערע יארן האט דער סטייפלער געליטן פון שווערע יסורים און מחלות, און זיין ראיה איז געווארן זייער שוואך, און טראצדעם וואס עס איז אים געווען אוממדערטרעגליך שווער צו זיצן און לערנען, האט ער זיך אנגעגארטלט מיט א פארגרעסערונגס-גלאז, און פלעגט זיצן שעה'ן לאנג איבערגעבויגן איבער די אותיות קטנות פון רש"י און תוספות, ווען די דאקטוירים האבן אים מזהיר געווען, אז ער מוז זיך אפרוהן ווייל זיין קאפ קען דאס נישט אויסהאלטן, האט ער געענטפערט מיט א שמייכל, "**פאר מיר אויב ברויך איך היטן דעם געזונט! אן לערנען תורה, האב איך נישט קיין שום חיות צו לעבן**".

•••

**אין ספר ספר קריינא דאיגרתא ווערט געברענגט**, אז אין איינע פון די בריוו אין זיין מוסר-ספר קריינא דאיגרתא, שרייבט דער הייליגער סטייפלער זי"ע גאר אסאך פונעם אייגענעם לעבן אבער בלשון נסתר, כדי מחזק צו זיין די בחורים, ער דערציילט, אז ווען ער איז געווען א בחור אין

רוסלאנד און ער האט געמוזט גיין אויף די עפנטלעכע גאסן וואס זענען געווען אנגעפילט מיט מכשולים, האט ער מקבל געווען אויף זיך א קבלה חזקה נישט ארויסצוקוקן פון זיינע ד׳ אמות של הלכה.

און דער גאון האט דערציילט, אז ער פלעגט גיין אין גאס מיט די אויגן אראפגעבויגן צום ערד מיט כוח, **ביז עס איז אים אמאל אנגעקומען צו שווערע קאפ-שמערצן פון גרויס אנגעשפאנטקייט**, און דער גאון אליין האט מעיד געווען, **אז דורך דעם וואס ער האט אנגעהאלטן זיין קדושה מיט מנהגי פרישות אין די יונגע יארן, האט ער זוכה געווען צו א קלארן קאפ און גילויים בתורה וואס ער וואלט אנדערש נישט משיג געווען**.

• • •

**אין ספר אורחות רבינו ווערט געברענגט**, אז דער מרן ושר התורה רבי חיים קנייבסקי זי״ע האט מעיד געווען אויף זיין פאטער, אז דורכאויס זיין גאנצן לעבן האט מען נישט געהערט פונעם סטייפלער גאון קיין איין ווארט פון **לשון הרע, רכילות, אדער אפילו סתם דברים בטלים**, איינמאל איז אריינגעקומען א מענטש און אנגעהויבן דערציילן נייעס און נייעסלאך איבער וועלטליכע אדער פאליטישע ענינים.

דער הייליגער סטייפלער גאון זי״ע, וואס איז געווען כבד שמיעה, ער האט סוף ימיו נישט געקענט הערן אויף די אויערן, האט זיך צוגעבויגען צו דעם איד, און געהאלטן, אז דער איד רעדט זיכער פון א שווערער פראבלעם אדער תורה ענין, ווען ער האט אבער פארשטאנען אז דאס זענען נאר סתם וועלטליכע שמועסן, האט ער זיך אנטשולדיגט מיט גרויס דרך ארץ און געזאגט, **״איך בין מוחל אויף די דיבורים, דאס הארץ מיינס דארף נאר תורה און יראת שמיים״**.

• • •

**אין קונטרס הנהגות מרן הסטייפלער ווערט דערציילט**, אז מרן וקדוש החזון איש זי״ע דער שוואגער פונעם סטייפלער גאון זי״ע, האט איינמאל זיך אויסגעדריקט אויפן סטייפלער גאון מיט גאר גרויסע דיבורים פון הערצה, ער האט געזאגט, אז דער סטייפלער גאון האט **צוגעברענגט זיין גוף צו אזא מדרגה פון קדושה, אז ווען ער זיצט און לערנט א סוגיה אין ש״ס, עקזיסטירט ביי אים נישט קיין שום יצר הרע אדער מחשבה זרה כלל, זיין מחשבה איז געווען דורכגעזאפט מיט טהרה עליונה, און זיין גאנצע מציאות איז געווען משועבד אך ורק להרהורי תורה**.

• • •

**אין ספר הסטייפלער ווערט דערציילט**, אז דער הייליגער סטייפלער גאון זי״ע האט זיך געפירט מיט אן אויסערגעוויינלעכע פרישות אין עניני אכילה ושתיה, ער האט כמעט נישט טועם געווען קיין טעם אין מאכלים, זיין אשת חיל הצדקת מרת פעשא מרים ע״ה, פלעגט אים דערלאנגען זיין קליינע סעודה, **און ער פלעגט עסן אן קיין שום נאה אדער תאווה, נאר בדחילו ורחימו כדי צו האבן כוח צו לערנען תורה**.

איינמאל האט מען בטעות אריינגעשאטן **זאלץ** אנשטאט **צוקער** אין זיין טיי, דער הייליגער סטייפלער גאון האט געטרונקען די גאנצע כוס אן צו זאגן איין ווארט אדער מאכן א פנים פון עגמת נפש, ווען מען האט דאס שפעטער באמערקט און אים געפרעגט, פארוואס ער האט נישט געזאגט אז עס איז פארזאלצן, האט ער געענטפערט גאנץ פשוט, **״איך האב פשוט נישט באמערקט, איך האב געטרונקען ווייל דער גוף דארף עפעסווארעמס״**.

**יארצייט כ"ד אב**

**הגה"ק רבי אפרים זלמן ב"ר מנחם מאניש זי"ע, (מרגליות), בעל מטה אפרים, מבראד "מגדולי הפוסקים האחרונים"**

ער איז געבוירן אין שטאט ברודי, **י"ט כסלו בשנת תקכ"ב**.

צו זיין טאטן הגה"ק **רבי מנחם מאניש מרגליות אב"ד דינעביץ** זי"ע,
ער איז געווען א אייניקל פון הגה"ק **רבי אלכסנדר סנדר שור בעל תבואת שור** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי אפרים זלמן** זי"ע, נאך וועם דער גאון וגדול האט געטראגן זיין הייליגע נאמען,
מגזע הגה"ק **רבי שמואל אליעזר איידליס בעל המהרש"א** זי"ע,
ומגזע הגה"ק **רבי משה איסרליש בעל הרמ"א** זי"ע.

און צו זיין מאמע **הרבנית הצדקת מרת דבורה** ע"ה.

ער איז געווען א גאון עצום בתורה, און א בקי נפלא בש"ס ופוסקים, ער איז געווען איינע פון די גרעסטע פוסקים בדורו, זיינס א פסק הלכה איז געווארן אן גענומען בכל תפוצות ישראל, די גאונים און חכמי דורו האבן אים משבח געווען מיט דעם טיטל, "**השמש המאירה בתקפה בצהרים**".

ער איז געווען א גביר אדיר און עס איז ביי אים מקויים געווארן, "**תורה וגדולה במקום אחד**", ער איז געווען א בקי נפלא בתורת הנגלה ממש א יחיד בדורו, אויך איז ער געווען א בקי נפלה בחכמת הקבלה, ושמעו הולך מסוף העולם ועד סופו, גאר אסאך ספרים האט דער גאון מחבר געווען סיי בתורת הנגלה און אויך בחכמת הנסתר, וואס גדולי עולם האבן גאר שטארק געשעצט די ספרים, און נאך פון גאר יונג האט ער זיך שון מפלפל געווען מיט די גאוני הדור, אויך האט ער שוין זייענדיג 20 יאר אלט עוסק געווען אין **היתר עגונות**.

הגה"ק רבי משה סופר בעל החתם סופר מפרשבורג זי"ע האט געשריבן אויף דעם גאון בזה"ל, "קדוש **ישראל צדיקו של עולם, מי זה ואיזה אשר ירפרף או יצפצף מול דברותיו המכוונים**".

ער איז געווען א ברודער מיט הגה"ק **רבי חיים מרדכי מרגליות בעל שערי תשובה** זי"ע, און דער גאון ברענגט ארויס אין די הקדמה פון זיין ספר ראש אפרים, מיט וואס פאר א מסירת נפש זיינע הייליגע עלטערן האבן אים און דעם ברודער מחנך געווען, און שרייבט אז זיין גאנצע הצלחה אין לימוד התורה איז צו פארדאנקען זיין טאטע זי"ע און זיין מאמע ע"ה.

ובתוך הדברים שרייבט ער בזה"ל, "**המה חינכוני לתורת ד' מנעורי, ומעודי לא זזה ידם מתוך ידי, והיו עיניהם ולבם כל הימים לגדלי בין ברכי חכמים, וקדמו עיניו אשמורת הבוקר יעיר לי משנתי, ולפניו שניתי כמה סדרים, עד שהיו בפי שנונים ושגורים ובידי סדורים, והגעתי ליותר מחצי הש"ס בזמן קצר, וכמעט לאומרם בעל פה ממני לא יבצר, ובכל זמן ועידן היה מתעדן לטייל עמי בהלכות והשמעי לאזני חידושים באגדות ומדרשים, ועוד רבות כאלה אשר הגדיל לעשות עמי ועם אחיי הנעימים, כולם חכמים גדולים בתורה, חריפים ובקיאים נודעים בשערים לשם ולתהלה, בכתר שם טוב אשר על גבם עולה**".

ער האט געלערנט תורה ביי זיין פעטער הגה"ק **רבי סענדר מרגליות אב"ד סאנטוב** זי"ע, וואס ער האט פון דעם רבין גאר אסאך תורה געלערנט, אויך האט ער גאר אסאך געלערנט תורה פון הגה"ק **רבי יצחק אייזיק הכהן בעל ברית כהונת עולם מקאריץ** זי"ע, אויך האט ער זיך מסתופף געווען דאן בצלו פון הרה"ק **בעל אוהב ישראל מאפטא** זי"ע, און עס ווערט געברענגט, אז דער הייליגער מטה אפרים איז געווען איינע פון די **וואס האבן געגעבן הוראה פארן הייליגען דברי חיים מצאנז זי"ע**.

דער גאון וקדוש רבי אפרים זלמן מרגליות זי"ע האט געהאט א געוואלדיגע קשר מיט די גדולים וגאונים בדורו ובתוכם הגה"ק **רבי ישעי' פיק ברלין אב"ד ברעסלוי** זי"ע, הגה"ק **רבי יחזקאל לאנדא בעל הנודע ביהודה מפראג** זי"ע, הגה"ק **רבי רפאל המבורג אב"ד פרנקפורט** זי"ע, הגה"ק **רבי אריה לייב גינצבערג בעל שאגת אריה** זי"ע, און הגה"ק **רבי עזריאל הלוי הורוויץ דער אייזענער קאפ מלובלין** זי"ע, און אלע פון די האבן מעיד געווען כאיש אחד אויפן גדלות בתורה און קדושה פון דעם צדיק וגאון רבי אפרים זלמן מרגליות זי"ע.

ער האט חתונה געהאט מיט די טאכטער פון הגה"ק **רבי חיים סיגאל** זי"ע.

בזיווג שני האט ער חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת לאה** ע"ה,
בת הגה"ק **רבי אברהם גלערנטער** זי"ע.

א שטיק צייט נאך די חתונה האט ער געדינט אלס רב אין שטאט **אוהנוב**, אבער ער האט באמת נישט געוואלט זיך משתמש זיין בכתרו של רבנות, האט ער אנגעהויבן טון אין מסחר, און ער איז געווארן א גרויסער עושר, אבער אפילו דאן זייענדיג עוסק במסחר האט ער רוב פון זיין טאג עוסק געווען בתורה ועבודה מיט א געוואלדיגע התמדה.

דאן האט ער איבער געלאזט דאס רבנות און זיך צוריק געצויגען צום שטאט **בראד**, און דארט איז ער געזעצן און עוסק געווען בתורה מיט די גרויסע גדולים אונעם **קלויז** וואס איז געבויעט געווארן דורך הגה"ק **רבי יעקב באב"ד** זי"ע, ער האט דארט עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה ער האט ממש געלערנט יומם ולילה.

דארט אין בראד האט ער אנגעהויבן דריקן זיינע הייליגע ספרים, וואס רוב פון זיינע ספרים זענען נתקבל געווארן בכל תפוצות ישראל מיט א געוואלדיגע הערצה, ער איז דאן באוויסט געווארן מיט זיין **ספר מטה אפרים הלכות און מנהגים אויף ימים נוראים**, אויך די אנדערע ספרים סיי בתורת הנגלה און אויך אין חכמת הקבלה זענען געווארן אויפגענומען דורך די גדולים און גאונים בדורו מיט א געוואלדיגע אהבה.

ער האט גאר אסאך לוחם געווען קעגן די מתחדשים און די וואס האבן אריין געברענגט דעם דרך השכלה, און ער איז געווען פון די גדולים בדורו וואס האבן זיך ארויס געשטעלט אין לוחם געווען מיטן גאנצן כח, און דורך דעם געראטעוועט גאר אסאך פון כלל ישראל פון אריינפאלן אונעם נעץ פון השכלה.

אפילו נאכן עוסק זיין במסחר און זייענדיג א גרויסער עושר, האט ער אבער עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה, ער איז פארעכענט געווארן אלס איינע פון גדולי חכמים און גדולי פוסקים בדורו, וואס מען האט זיך שטארק גערעכנט מיט זיינס א פסק הלכה.

ער האט מחבר געווען זיינע הייליגע ספרים וואס זענען פארשפרייט געווארן אין די גאנצע וועלט.

**ספר מטה אפרים, על ימים נוראים, די ספר איז געווארן אנגענומען ביי אלע גדולים אלס הלכה פסוקה,**
**ספר טיב גיטין, ביאור שמות גיטין,**
**ספר יד אפרים, ביאור על מגן אברהם וטורי זהב,**
**ספר שערי אפרים, על הלכות קריאת התורה,**
**ספר מעלות היוחסין, ווי ער שרייבט דעם גאנצן יחוס פון זיין משפחה מרגליות, וואס די יחוס צוט זיך ביז גרויסע בעלי תוספות און נאך גאונים ביז דוד המלך ע"ה.**

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער.

בתו **הצדקת מרת רבקה** ע"ה, אשת הגה"ק **רבי צבי הירש ב"ר נחום קאליר מיערסלוב** זי"ע,
בתו **הצדקת מרת שרה** ע"ה, אשת הגה"ק **רבי חיים נחמן ב"ר משה פרץ פרנס מדובנא** זי"ע,
בתו **הצדקת מרת סימא** ע"ה, אשת הגה"ק **רבי יעקב יהושע הורוויץ אב"ד זלוזיץ** זי"ע, נכד הגה"ק **בעל הפלאה** זי"ע,
בנו **יחידו** הגה"ק **רבי חיים יהודה לייבוש מרגליות** זי"ע.

נסתלק לגנזי מרומים **כ"ד מנחם אב בשנת תקפ"ח**, ומנוחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט **בראדי**.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

### מעשיות

**עס איז באקאנט**, אז דער גאון דער הייליגער מטה אפרים זי"ע איז געווען א גרויסער עושר, ער האט געהאט א באנק, און ער האט דארט געבארגט סכומים הגונים פאר מענטשן, איין טאג איז א ארימאן אריין געקומען, און געבעטן א גרויסע הלוואה אויף א האלבע יאר, און ער האט דעם ארימאן געגעבן אויס צו פילען דעם אפליקאציע, ווי עס איז געשטאנען אז מען ברויך האבן א ערב,

און ער האט געבעטן דעם ארימאן, אז ער זאל טרעפן א ערב פארן הלוואה.

ווען דער ארימאן האט צוריק געגעבן דעם פאפיר, האט דער גאון געזען, אז אויפן פלאץ פונעם ערב, האט דער ארימאן געשריבן די ווערטער, "**לִי הַכֶּסֶף וְלִי הַזָּהָב נְאֻם ד' צְבָא-וֹת**", ווען דער גאון האט דאס געזען, האט ער מיט זיין גרויס רחמנות געגעבן פאר דעם ארימאן דעם הלוואה, אבער ביי זיך אין הארץ האט ער זיך מייאש געווען פון די געלט, ווייל ער האט געוויסט די מצב ביי דעם ארימאן.

נאך א האלבע יאר, ווען עס איז אנגעקומען דעם זמן הפרעון, יענעם טאג האט זיך דער גאון נישט אזוי גוט געשפירט, און ער איז נישט אריין אינעם באנק, נאר די רעבעצין איז געגאנגען אנשטאט אים, און סוף טאג ווען די רעבעצין איז אהיים געקומען, האט זי געזאגט פארן מאן אלעס וואס איז פאר געקומען אינעם באנק יענעם טאג, און געזאגט, אז דער פריץ איז געקומען נעמען א גרויסע הלוואה, האט דער גאון, וואס האט דאך געוויסט אז עס איז אין באנק נישט געווען אזויפיל געלט, האט ער געפרעגט, פון ווי האט מען געהאט אזויפיל געלט פארן פריץ.

האט די רעבעצין געזאגט, היינט איז געקומען א איד און באצאלט א גרויסע סכום געלט פון א חוב, ווען דער גאון האט נאכגעקוקט וועמענס עס איז געווען דער חוב, האט ער געזען אז דאס איז געווען די חוב פון דעם ארימאן, האט ער געפרעגט, אויב דער איד דער ארימאן איז געקומען באצאלן דעם חוב, האט די רעבעצין געזאגט, **אז א אנדערע איד האט באצאלט דעם חוב און נישט דער ארימאן**.

דאן האט דער גאון געזאגט, איך בין זיכער אז דער וואס האט באצאלט דעם חוב איז געווען **אליהו הנביא ז"ל**, און מיט די גרויסע אמונה וואס דער איד האט געהאט שרייבענדיג די ווערטער **לִי הַכֶּסֶף וְלִי הַזָּהָב נְאֻם ד' צְבָא-וֹת**, פארלאזן זיך אינגאנצן אויפן באשעפער, האט דער באשעפער אים געהאלפן.

אבער האט דער צדיק דער הייליגער מטה אפרים געזאגט, וויבאלד איך האב נישט געהאט די אמונה וואס דער איד האט געהאט, און איך בין ביי מיר געווען זיכער אז איך גיי די געלט שוין מער נישט זעהן, דערפאר האט דער באשעפער געפירט, אז איך זאל דעם טאג נישט זיין אין די באנק, **צו קענען זוכה זיין צו זעהן אליהו הנביא ז"ל**.

• • •

**ווערט דערציילט**, אז אין שטאט בראד איז געווען א מלמד תינוקות, וואס איז געווען באוויסט אלס אן ערליכער איד, אבער ליידער איז ער פארכאפט געווארן **אין השכלה און געווארן ר"ל אן אפיקורס**, און ער האט ליידער אפגעפירט אידישע קינדער פון אידישן דרך.

איינמאל האט דער איד געזען אין די צייטונגען, אז דער גאון רבי אפרים זלמן זי"ע זיכט א נייעם **רואה חשבון** אין געשעפט, האט דער איד געטראכט, אז זייענדיג א בעל צורה מיט א לאנגע בארד, איז אויב וועט ער בעטן דעם גאון פאר דעם ארבעט, וועט ער זיכער אים געבן דעם ארבעט אלס רואה חשבון, און ער וועט קענען האבן פרנסה פון דעם ארבעט.

אבער ווען ער האט געבעטן דעם גאון פאר די ארבעט, האט אים דער גאון געזאגט, באמת איז די ארבעט נישט געאייגענד פאר דיר, ווייל מען ברויך אסאך גיין צו די ממשלה אין ווינע, און עס פאסט נישט צו שיקן איינעם מיט א לאנגען בארד אלס רואה חשבון, און דערפאר האלט איך אז די ארבעט איז נישט פאר דיר.

דער מלמד האט זייער געוואלט דעם ארבעט, וואס קען אים ברענגען א שיינעם פרנסה, און אויך איז עס געווען א שיינעם בכבוד'דיגען שטעלע, **איז דער מלמד געגאנגען און זיך אפגעשוירן די בארד אין פיאות**, און זיך פאר געשטעלט אז דער גאון וועט אים זיכער נישט דערקענען, און אזוי וועט אים דער גאון אויף נעמען אויפן פאזיציע פון רואה חשבון.

אבער ווען ער איז צוריק געקומען אן די בארד און פיאות צום גאון, האט אים דער גאון געזאגט, וויסן זאלסטו, **אז איך האב בכלל נישט געזיכט קיין רואה חשבון, נאר מיין כוונה איז געווען צו ווייזן דיין אמת'ע פנים פאר די גאס, כדי די מענטשן דא אין שטאט זאלן וויסן, אז די בוסט א משכיל און אן אפיקורס און א כופר**, און יעצט גיי דיר פון שטאט, און דער איד האט געמיזט אוועק גיין פון שטאט

בראד, און דורך דעם האט דער גאון מציל געווען די אידן פון שטאט, אז נאך אידן זאלן ח"ו נישט ווערן מיט געשלעפט.

• • •

**הרה"ק רבי אברהם בורנשטיין בעל אגלי טל מסוכטשוב זי"ע האט דערציילט**, אז דער גאון רבי אפרים זלמן מרגליות זי"ע האט געהאט א מנהג, אז יעדן ראש השנה ביינאכט זענען אלע אידן פון שטאט בראד געקומען מקבל זיין א ברכה פונעם גאון לכבוד דעם יום הדין, אז מען זאל אויס פוילען אלעס גוטס.

איין יאר האט זיך די קבלת קהל פארצויגען גאר לאנג, און די רעבעצין האט געהאלטן און איין זאגן, אז עס ווערט שוין שפעט, און דער גאון זאל שוין קומען מאכן קידוש, אבער דער גאון האט ווייטער פארברענגט מיט די אידן פון שטאט, בינו לבינו האט זיך די רעבעצין דערוויסט **פון א שאלה מיט די פלייש אין די זופ**, און ווען מען האט מברר געווען די זאך, האט זיך ארויס געשטעלט, **אז עס איז געווען טריפה**, דאן האט מען געזען די גרויסקייט פון דעם גאון, אז ער האט דאס מרגיש געווען, און דערפאר האט ער פארצויגען דעם קבלת הקהל.

• • •

**מען דערציילט**, אז דער גאון איז אייביג געגאנגען **מיט א טייערע היט אויפן קאפ**, האט אים איינמאל געטראפן איינע פון די עשירים, וואס איז געווען פון די נוצרים וואס האט געטון מסחר מיטן גאון, און ער פרעגט דעם גאון, היתכן ענק אידן גייען מיט א טייערען היט אויפן קאפ, אבער די בגדים אויפן גוף גייט איר מיט ביליגע קליידער, אבער אונז גוים גייען אויפן גוף מיט טייערע קליידער, אבער דעם קאפ קענען אונז גיין אפילו אינגאנצן אויפגעדעקט.

האט דער גאון מיט זיין חכמה און מיט א שמייכל געענטפערט פאר דעם נוצרי, דאס איז די צווישן שיידט פון אונז אידן און די גוים, ווייל ביי ענק איז **דער קאפ בכלל נישט קיין דבר חשוב**, אבער דער גוף איז יא חשוב, דערפאר טוען ענק אן **טייערע קליידער אויפן גוף**, אבער דעם קאפ לאזט מען אויף געדעקט, אבער ביי אונז אידישע קינדער **איז דער קאפ גאר א חשובע זאך**, אבער דער גוף איז נאר א **טפול**, דערפאר **דעקן מיר צו דעם קאפ מיט א טייערען היט**, אבער דעם גוף טוט מען אן מיט פשוטע קליידער.

• • •

**ווען דער הייליגער גאון הגה"ק רבי עקיבא איגר זי"ע** האט זיך משדך געווען מיט הגה"ק רבי שמואל קארנפעלד מבראד זי"ע, און דער הייליגער רבי עקיבא איגר איז געווען שוואך און נישט געהאט קיין כח צו פארן קיין בראד צום תנאים, **האט ער געשטעלט רבי אפרים זלמן זי"ע אלס זיין שליח ביים תנאים**.

ביים תנאים איז דער גרויסער גאון רבי אפרים זלמן זי"ע געזעצן פאר א גאר לאנגע צייט, און דער גאנצער עולם האט זיך זייער געוואונדערט אויף דעם, ווייל זיין מנהג איז געווען צו זיין ביי שמחות נאר א קורצע צייט, און ווען איינער האט אים געפרעגט די סיבה פארוואס יעצט זיצט ער יא לאנג ביים שמחה, האט ער געזאגט, **וויבאלד איך בין דאך א שליח פון רבי עקיבא איגר, און שליחו של אדם כמותו, קומט דאך אויס, אז איך בין יעצט רבי עקיבא איגר, איז ווי לענגער איך זיץ דא בין איך לענגער זוכה צו זיין בבחינת רבי עקיבא איגר**.

• • •

**דער גאון וקדוש רבי אפרים זלמן מרגליות זי"ע** איז געווען א גרויסע עושר און א למדן נפלא און איינע פון די גרעסטע גאונים בדורו, אבער דער גאון איז געווען ביי זיך א עניו און א שפל ברך נפלא, דערציילט הגה"ק מטשעבין זי"ע, אז דער גאון פלעגט גאנץ אנפאנג אסאך פארן אויף נסיעות פאר מסחר, אבער די גאנצע וועג האט דער גאון עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה.

האט זיך איינמאל דער גאון אויס געדריקט בזה"ל, "**ווען איך בין ביי מיר אינדערהיים, טראכט איך ביי מיר אז איך בין דער גרעסטער עושר אין די וועלט, און דער גרעסטער גדול בתורה אין די וועלט, אבער ווען איך פאר אויף מסחר אין מארק, זעה איך אז איך בין בכלל נישט דער גרעסטער עושר אויף די וועלט, און ווען איך טרעף מיך מיטן גאון וקדוש הגה"ק רבי שלמה קלוגער זי"ע זעה איך, אז איך בין בכלל נישט אזא תלמיד חכם ווי איך האב געטראכט**".

• • •

**ווי באוויסט איז דער גאון רבי אפרים זלמן מרגליות זי"ע** געווען א גאר גרויסער עושר, האט

אמאל פאסירט, אז אין שטוב פונעם גאון איז אראפ געפאלן א גאר טייערע קריסטאלע מנורה, און דער רעבעצין האט געהאט גרויסע צער און עגמת נפש פון דעם, אבער זי האט געזען אז די מאן דער גאון רבי אפרים זלמן זי"ע, **האט דאס בכלל נישט באנומען זעענדיג אז אזא טייערע כלי האט זיך צובראכן**.

האט די רעבעצין געפרעגט איר מאן, ווי אזוי עס קען זיין אז די הפסד האט אים בכלל נישט בארירט, האט דער גאון געזאגט פאר זיין רעבעצין, **איך וועל דיר דאס פאר ענטפערן אין א יאר ארום**, די רעבעצין האט טאקע געווארט א יאר, און דאן האט זי געבעטן איר מאן, אז ער זאל איר מסביר זיין ווי אזוי ער האט זיך געקענט האלטן אזוי רואיג ווען די טייערע כלי האט זיך צובראכן.

האט דער הייליגער גאון געפרעגט פון זיין רעבעצין, זאג מיר דעם אמת, יעצט א יאר שפעטער טוט דיר נאך אזוי וויי אויף די שאדן פון די כלי, האט די רעבעצין געזאגט, אז ניין עס באדערט איר שוין נישט אזוי, האט דער גאון געפרעגט, קענסט מיר זאגן פארוואס עס טוט דיר שוין נישט אזוי וויי, האט די רעבעצין געזאגט, עס איז דאך שוין אריבער א יאר, און דערפאר טוט מיר דאס שוין נישט אזוי וויי, האט דער גאון געזאגט, **בעניני גשמיות ווען עס פאסירט ח"ו א שאדן, טראכט איך גלייך ביי מיר, אויב א יאר שפעטער וועט מיר דאס נאך וויי טון, און וויבאלד א יאר שפעטער וועט מיר דאס שוין נישט וויי טון, גייט מיך דאס שוין נישט מצער זיין אויפן פלאץ אויך נישט**.

• • •

**אין ספר אנשי שם ווערט געברענגט**, אז דער גאון וקדוש רבי אפרים זלמן מרגליות בעל מטה אפרים זי"ע איז געווען א גרויסער עשיר און האט פארמאגט גרויסע פאבריקן און מסחר, אבער טראצדעם וואס ער האט שטענדיג עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה, האט ער זיך אבער כסדר נאכגעפרעגט אויף יעדן פשוט'ן מענטש.

ווערט דערציילט אז אין זיין שטוב האבן געארבעט פשוט'ע אידן ארבעטער וואס האבן ארויסגעהאלפן אין שטוב, דער גאון ר' אפרים זלמן האט זיך נישט געהאלטן גרויס, און גאר אפט פלעגט ער זיך אוועקזעצן מיט די גאר פשוט'ע אידן וואס האבן געארבעט ביי אים אין שטוב, **און לערנען מיט זיי א פרק משניות אדער עין יעקב, און זיי מחזק זיין מיט יראת שמים און מדות טובות**, ער האט באמת געהאלטן אז יעדער איד, **אפי' דער וואס איז נישט קיין למדן, דארף האבן זיין קביעות תורה כפי כוחו**.

• • •

**אין ספר מליצי אש ווערט דערציילט**, אז דער גרויסער גאון דער הייליגער מטה אפרים זי"ע אלס גרויסער גביר האט אנגעפירט גרויסע צדקה-אקטיוויטעטן, אבער אלעס איז געווען מיט אן אומגעהויערער צניעות און זהירות נישט מצער צו זיין א צווייטן.

איינמאל איז אנגעקומען צו אים אן אלמנה מיט גרויסע חובות וואס מ'האט איר געסטראשעט אז מען גייט איר ארויסווארפן פון די דירה אויב זי באצאלט נישט דאס געלט, דער גאון ר' אפרים זלמן האט איר געגעבן די גאנצע סומע געלט וואס זי האט געברויכט, ווען זי האט אים כסדר געדאנקט מיט טרערן אין די אויגן, האט ער איר אפגעשטעלט און געזאגט, "**דאס געלט איז נישט מיינס, הקב"ה האט עס נאר אראפגעשיקט דורך מיר צו אייך, איר דארפט דאנקען נאר דעם אייבערשטן**", ער האט צוגעלייגט א תנאי **אז זי זאל פאר קיינעם נישט מגלה זיין ווער עס האט איר געהאלפן, כדי ער זאל נישט האבן קיין שום פון כבוד אדער עהרע פון די מצוה**.

• • •

**אין שו"ת חתם סופר ווערט געברענגט**, אז דער הייליגער חתם סופר זי"ע האט געהאלטן פונעם הייליגען מטה אפרים זי"ע עד להפליא און האט אים געהאלטן פאר איינעם פון די גרעסטע פוסקים בדורו, אין די שו"ת חתם סופר געפינט מען גאר געהויבענע תשובות וואס דער הייליגער חתם סופר זי"ע שרייבט צום הייליגען מטה אפרים מיט אומגעוויינטלעכע לשונות של חיבה און הערצה.

איינמאל האט דער הייליגער מטה אפרים געשיקט זיין ספר "בית אפרים" אדער זיין ספר "מטה אפרים" קיין פרעשבורג צום הייליגען חתם סופר צו באקומען א הסכמה, ווען דער הייליגער חתם סופר זי"ע האט מעיין געווען אין דעם ספר,

האט ער זיך אויפגעשטעלט און געזאגט פאר זיינע תלמידים, "**דער גאון פון בראד דארף נישט מיין הסכמה, זיין תורה אנטפלעקט זיין גדלות בכל תפוצות ישראל**", און טראץ דעם וואס דער הייליגער מטה אפרים זי"ע איז נישט געווען קיין רב און האט נישט געוואלט נעמען קיין רבנות-געהאלט פון די קהילה, **האבן אלע גדולי הדור זיך אונטערגעווארפן אונטער זיינע פסקים**.

• • •

**אינעם הקדמה פונעם ספר שערי תשובה ווערט געברענגט**, אז אין שטאט בראד איז ער געווען דער מנהיג אנגענומען אויף אלע ענינים, אבער ער האט בשום אופן נישט געוואלט טראגן דעם דעקאראטיוון טיטול פון "**אב"ד בראד**" כדי נישט צו שטערן אדער אנרירן דעם כבוד פון די אנדערע תלמידי חכמים און דיינים פון שטאט.

דער הייליגער מטה אפרים פלעגט זאגן, אז ער איז מוחל אויף כבוד און שררה, אבי ער זאל קענען זיצן ביי זיין פאבריק און ביי זיינע ספרים מיט א רואיקייט, און לערנען תורה לשמה און פוסק'ענען שאלות פאר אידן אומזיסט אן נעמען א פרוטה, און זיין ברודער הגה"ק רבי חיים מרדכי מרגליות בעל מחבר ספר שערי תשובה זי"ע, האט צוזאמען מיט אים געפירט דעם מסחר, און ביידע אחים קדושים האבן זיך געשטיצט איינער דעם צווייטן צו שטייגן אין תורה, און דאס אלעס האט דער גרויסער גאון געטאן נאר נישט צו ברויכן נעמען א פאסטן אלס רב, ווייל ער האט געוואלט אז אנדערע גדולים זאלן באקומען דעם כבוד.

• • •

**אין ספר מזכרת לגדולי בראד ווערט געברענגט**, אז איינמאל, אין א יאר ווען עס האט געהערשט א גרויסע טריקעניש און הונגער אין גאליציע, זענען די פרייזן פון תבואה און עסן געשטיגן צו גאר גרויסע סומעס, אסאך ארעמע פאמיליעס אין בראד און די ארומיגע שטעטלעך זענען ממש געבליבן אן א שטיקל ברויט צו פיטערן די קינדער אין שטוב, רבי אפרים זלמן, וואס איז געווען א גרויסער עושר און האט פארמאגט גרויסע מאגאזינען פון תבואה, **האט גלייך געעפנט זיינע מאגאזינען פארן ציבור**.

ווען די מנהלים פון זיינע געשעפטן האבן אים געזאגט, אז די פרייזן אין מארק שטייגן טאג-טעגלעך און עס לוינט זיך צו ווארטן א ביסל כדי צו מאכן גרויסע רווחים, האט ער זיך צעוויינט און געזאגט מיט אן אמת, "**האט מיר דער אייבערשטער געגעבן עשירות איך זאל מאכן מסחר פון די טרערן פון הונגעריגע אידן, מיין גאנצע תבואה באלאנגט פאר אחינו בני ישראל**" , און ער האט פארטיילט די תבואה פאר יעדן איד פאר גאר ביליגע פרייזן, און פאר די גאר ארעמע האט ער עס געגעבן בחינם ממש, און האט דורך דעם מציל געווען נפשות ממש ממוות לחיים.

• • •

**אין ספר דור דעה ווערט געברענגט**, אז עס איז געווען א מעשה מיט א איד וואס איז אריינגעפאלן אין גאר שווערע חובות צו די דייטשע אפיצירן און די רעגירונג, און מען האט אים איינגעזעצט אין תפיסה מיט א קלארן אורטייל פון שווערע עבודת פרך וואס האט געמיינט א סכנת נפשות ממש, די אשת חיל פון דעם איד איז געקומען מיט גרויסע בכיות צו רבי אפרים זלמן, אבער קיין איינער אין שטאט האט נישט געוואוסט ווער דער איד איז, ווייל דער איד איז נישט געווען פון שטאט בראד.

דער גאון רבי אפרים זלמן האט נישט געפרעגט וועגן זיין ייחוס, צי ער איז א למדן אדער וואס זיינע מעשים זענען, ער איז גלייך אויפגעשטאנען און ארויסגענומען פון זיין אייגענעם קאסע א ריזיגע סומע פון הונדערטער רובל וואס איז געווען א גאר גרויסע סכום בימים ההם, און ער האט אויסגעלייזט דעם איד פון תפיסה, ווען מענטשן האבן אים געפרעגט, צי מען האט נישט געדארפט אפשר קודם בודק זיין ווער דער מענטש איז, האט ער געענטפערט מיט א ברען און מיט זיין גרויסע אהבת ישראל, "**יעדער וואס איז באשאפען געווארן מיטן צלם אלקים און הייסט א 'איד', ברויך יעדער איד אים ראטעווען פון זיצן ח"ו אין תפיסה**".

• • •

**אין ספר אנשי שם ווערט דערציילט**, אז די מידת הצדקה פון דעם גאון רבי אפרים זלמן בעל מטה אפרים זי"ע איז געווען אויף גאר א געהויבענע מדרגה, ער האט בשום אופן נישט געלאזט אז ארעמעלייט זאלן שטיין ביי זיין טיר אדער ח"ו ווערן פארשעמט פאר מענטשן אז זיי ברויכן ליידער צו קומען צו א מתנת בשר ודם, ער האט געהאט א מיוחד'דיגן גבאי וואס ער האט אים

באאויפטראגט צו טיילן פארמאכטע קאנווערטן מיט געלט ערב שבת און ערב יום טוב.

און דער גאון רבי אפרים זלמן פלעגט לייגן דאס געלט אין די קאנווערטן מיט זיינע אייגענע הענט, און ער פלעגט אויף די קאנווערטן צו שרייבן בכתב יד קדוש בזה"ל, "**לכבוד מיין טייערער ידיד......**", גלייך ווי די קאנווערט מיט געלט איז א חוב אדער א מתנה צווישן צוויי גוטע פריינט, כדי דער מקבל זאל נישט פילן קיין שום בושה, ערשט נאך זיין פטירה האבן אסאך ארעמעלייט זיך דערוואוסט, אז דער "**אומבאקאנטער פריינד**" וואס האט זיי געשיקט געלט יעדן ערב שבת, איז גאר געווען דער גאון הדור בעל "**מטה אפרים זי"ע**".

• • •

**אינעם הקדמה פונעם ספר שם הגדולים החדש ווערט געברענגט**, אז טראצדעם וואס ער איז געווען פארזונקען טאג און נאכט אין די טיפקייטן פון תורה און עבודת השם, איז זיין הארץ געווען אפען פאר יעדן אידיש קינד, זיינע תלמידים האבן דערציילט, אז ווען א צעבראכענע אלמנה אדער אן ארעמער איד איז געקומען בעטן א ברכה אויף א קראנק קינד אדער אויף פרנסה, האט ער זיי אויסגעהערט מיט אן אומגעהויערער סבלנות, ווי עס וואלט געווען זיין אייגן קינד, און נאכדעם וואס די שטוב איז ליידיג געווארן, פלעגט ער זיך פארשליסן אין זיין חדר מיוחד, **עפנען דעם תהילים און גיסן טרערן ווי וואסער פארן אייבערשטן אויף דעם איד'ס צער**, און ער פלעגט זאגן, "**ווי אזוי קען איך זיצן און לערנען רואיג, ווען א צעבראכענער איד דרייט זיך ארום מיט א שווער הארץ**".

• • •

**אין די הקדמה פון שו"ת בית אפרים ווערט געברענגט**, אז די מקורבים פונעם הייליגען מטה אפרים זי"ע האבן דערציילט, אז טראץ זיין גרויסן עשירות און די גרויסע מסחרים וואס ער האט אנגעפירט, איז זיין גאנצער חיות און מציאות געווען בלויז אין די תורה הקדושה, זיינע נאכט-שעה'ן זענען כמעט נישט גענוצט געווארן פאר שלאף.

ער פלעגט זיצן ביי זיין שלחן הטהור ביז די שפעטע שעה'ן פון די נאכט, פארזונקען אין די טיפסטע סוגיות פון ש"ס און פוסקים, זיין התמדה איז געווען אן קיין שום אפהאלט, אפילו ווען ער איז געווען אויפן וועג פאר זיינע געשעפטן, **פלעגט ער חזר'ן גאנצע מסכתות בעל פה**, ער האט איינמאל מיט טרערן געזאגט פאר זיין'ס א נאנטען מקורב, "**איך דאנק דעם אייבערשטן אז מיינע געשעפטן באשעפטיגן נאר מיינע הענט, אבער מיין מוח און מיין הארץ זענען הונדערט פראצענט פארקאכט אין די תורה הקדושה**".

• • •

**אינעם ספר אנשי שם ווערט געברענגט**, אז דער גאון רבי אפרים זלמן איז געווען מורא'דיג אפגעהיטן מיט זיין מויל, זיין קדושת הדיבור איז געווען לשם ולתפארת אין זיין דורף, ער האט כמעט נישט גערעדט קיין שום דברים בטלים, און ווען ער האט געברויכט רעדן סיי וואס וועגן זיין מסחר מיט די סוחרים און ארבעטער, האט ער גערעדט די מינימום ווערטער וואס פעלט זיך אויס, און גלייך צוריקגעקערט זיין מויל צו תורה און תפילה.

ווערט דערציילט, אז אין די אלע יארן וואס ער האט אנגעפירט דעם גרויסן בית המסחר אין בראד, איז ניטאמאל איינמאל ארויסגעקומען פון זיין מויל **א ווארט פון כעס, ליגן, אדער לשון הרע**, אפילו ווען סוחרים האבן אים אמאל אמאל אפגע'נאר'ט אדער גורם געווען גרויסע הפסדים, האט ער זיי מוחל געווען מיט א שמייכל און געזאגט, "**דער אייבערשטער פירט די וועלט, און קיין איין מענטש קען מיר נישט שאדן מאכן מער ווי וואס עס איז באשערט פון הימל**".

• • •

**אינעם ספר מזכרת לגדולי בראד ווערט דערציילט**, אז די גדולי הדור האבן מעיד געווען אופן גאון וקדוש בעל מטה אפרים זי"ע, אז זיין גאונות אין תורה איז נישט געקומען נאר פון זיין גרויסן שכל, נאר הויפטזאכליך פון זיין אויסערגעוויינטליכע **קדושה און טהרת הלב**, איינמאל איז אנגעקומען צו אים א גאר קאמפליצירטע שאלה אין הלכות עגונות וואס איז אנגעקומען צו די גרעסטע רבנים אין גאליציע און אלע האבן זיך געפלאגט א לאנגע צייט צו טרעפן א היתר, אבער קיינע פון די גדולים האבן נישט געקענט טרעפן קיין היתר.

דער גאון וקדוש רבי אפרים זלמן האט זיך איינגעשפארט אין זיין חדר, **מתפלל געווען מיט**

**טרערן אז ער זאל נישט נכשל ווערן אין קיין טעות**, און דאן האט זיך דער גאון וקדוש געזעצט מעיין זיין אין די סוגיא, און נאך א גאנצע נאכט פון עמל התורה מתוך קדושה, האט ער ארויסגעברענגט א ראיה נפלאה וואס האט אויפגעקלערט די גאנצע פרשה און מתיר געווען די עגונה, ווען דער גאון וקדוש רבי עקיבא איגר זי"ע האט געזען דעם פסק, האט ער זיך אויסגעדריקט בזה"ל, "**אזא סייעתא דשמיא קומט נאר דורך מורא'דיגע קדושת הגוף והמחשבה**".

• • •

**אין די הקדמה פונעם ספר מטה אפרים ווערט געברענגט**, איבער די גרויסע קדושה פונעם ספר "מטה אפרים", און ווי עס איז באקאנט ביי חסידים ואנשי מעשה, אז די גדולים וצדיקי הדור האבן אלע מעיד געווען, **אז דאס ספר איז געשריבן געווארן מיט רוח הקודש ממש**, זיינע תלמידים האבן דערציילט, אז אין די טעג פון חודש אלול און עשרת ימי תשובה, האט די פנים פונעם הייליגען מטה אפרים געלאכטען **מיט א אש קדוש ווי א מלאך השם צבקות**.

ווען דער גאון האט געשריבן די הלכות און הנהגות פון די ימים נוראים, פלעגט ער זיך טובל'ן פארן שרייבן יעדן קאפיטל, אויף די דפים וואס דער גאון האט געשריבן דעם ספר מטה אפרים, **האט מען געקענט זעהן פלעקן פון טרערן וואס האבן געגאסן פון זיינע הייליגע אויגן בשעת ער האט געשריבן דעם הייליגען חיבור**, און דערפאר זענען זיינע פסקים אין מטה אפרים אנגענומען געווארן אין גאנץ כלל ישראל מיט אזא אומגעווייינטליכע קבלת עול און יראת שמים.

• • •

**אין ספר אוהל נפתלי ווערט געברענגט**, אז דער הייליגער זרע קודש דער ראפשיצער רב זי"ע, האט געהאט א גאר גרויסע הערצה צום גאון רבי אפרים זלמן מרגליות זי"ע, ווערט דערציילט, אז ווען עס איז ארויסגעקומען די הייליגע ספר "בית אפרים", האט דער הייליגער ראפשיצער רב גענומען דעם ספר מיט גרויס חביבות, עס אנגעהאלטן אין די הענט און געזאגט פאר זיינע מקורבים, "**זעט א נס, דער מחבר איז א גרויסער עושר און פארמאגט גרויסע מסחרים, אבער זיין מוח איז אזוי אנגעפילט מיט קדושת התורה, אז יעדע תשובה זיינע איז געשריבן מיט א ריינעם יראת שמים און א גילוי שכינה ממש**", און דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע פלעגט זיך אפט באראטן מיט אים אין הלכה'דיגע ענינים.

• • •

**אין ספר מזכרת לגדולי בראד ווערט געברענגט**, אז דער הייליגער אפטער רב דער אוהב ישראל זי"ע, ווען ער האט געוואוינט אין מעזיבוז, האט ער זיך כסדר געשריבן מכתבים מיטן גאון רבי אפרים זלמן אין פארשידענע קהילה-ענינים און תקנות הכלל, איינמאל איז אנגעקומען א שווערע ענין פון חיזוק הדת אין גאליציע, און דער אפטער רב האט געשריבן א מכתב קיין בראד צו רבי אפרים זלמן, אין דעם מכתב האט דער אפטער רב אים מכתיר געווען מיט גאר הויכע לשונות של קדושה און געשריבן, **אז זיין פסק און זיין דעת תורה זענען דער יסוד אויף וואס די גאנצע גאליציאנער אידנטום שטייט**, ווען מ'האט געפרעגט דעם אפטער רב וועגן רבי אפרים זלמן, האט ער געזאגט, "**ער איז דער עמוד ההוראה וואס די תורה הקדושה שיינט דורך אים אויף די גאנצע וועלט**".

• • •

**אין ספר עשר עטרות ווערט געברענגט**, אז דער גאון וקדוש רבי אפרים זלמן זי"ע איז געווען פון די ראשי חכמי הנגלה אין בראד, און דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע האט אים געהאלטן **פאר איינעם פון די יחידי סגולה פונעם דור**, ווערט דערציילט, אז ווען איינער פון די תלמידים פונעם חוזה איז געפארן קיין בראד פאר מסחר, האט דער חוזה אים אנגעזאגט, "**ווען דו קומסט קיין בראד, גיי אריין צום גאון רבי אפרים זלמן, אבער וויסן זאלסטו, אז דו גייסט אריין צו א איד, וואס זיין יראת שמים קומט נאך פאר זיין חכמה, און שכינה מדברת מתוך גרונו**", און איינע פון די תלמידים פונעם חוזה האט דערציילט, אז ווען ער איז אנגעקומען צום גאון רבי אפרים זלמן, האט ער געזען **ווי רבי אפרים זלמן זיצט ביי זיין טיש און לערנט מיט א פחד און אימה גדולה**.

• • •

**אין שו"ת רבי עקיבא איגר ווערט געברענגט**, אז די געוואלדיגע קשר צווישן דער גאון רבי אפרים זלמן בעל מטה אפרים זי"ע און דעם גאון וקדוש רבי עקיבא איגר זי"ע איז געווען מיט א גאר שטארקע קשרים, אין די תשובות פון רבי עקיבא איגר געפינט מען עטליכע אגרות וואס ער שרייבט צום הייליגען מטה אפרים זי"ע.

ווערט דערציילט אז דער גאון וקדוש רבי עקיבא איגר פלעגט זיך באזיצן אויף די פסקים פון רבי אפרים זלמן מיט א מורא'דיגן אופן, איינמאל ווען א געוויסער דיין האט געוואלט אפ פרעגן א פסק וואס רבי אפרים זלמן האט ארויסגעגעבן אין הלכות גיטין אין זיין ספר טיב גיטין, האט דער גאון וקדוש רבי עקיבא איגר אים געענטפערט מיט גאר שארפע ווערטער, "**וויאזוי קענסטו מהרהר זיין נאכן פסק פון דעם גאון מבראד, זיינע תורה-רייד זענען געבויט אויף יסודות איתנים און זיין דעת איז א דעת תורה נקי וטהור**".

• • •

**אין ספר מזכרת לגדולי בראד ווערט דערציילט**, אז אין די שטאט בראד זענען געווען אסאך גרויסע תלמידי חכמים און דיינים, און מען האט כסדר געוואלט מכתיר זיין רבי אפרים זלמן אלס רשמי'דיגער "**אב"ד בראד**", דער גאון רבי אפרים זלמן האט אבער מיט זיין גרויס חכמה געוואוסט, **אז אזא טיטול קען ברענגען קנאה, מחלוקת, אדער אנרירן דעם כבוד פון די אלטע דיינים אין שטאט**.

וואס האט דער גאון וקדוש געטוהן, ער האט אויסגעארבעט א מורא'דיגן פלאן, ער האט אנגעבאטן פאר די קהילה, אז ער וועט קיינמאל נישט נעמען קיין שום געהאלט אדער טיטול פון די קהילה, אבער ער וועט שטיין לימין פאר די דיינים, און העלפן די קהילה אין אלע שווערע ענינים בחינם און דורך דעם קלוגן שריט האט ער מצליח געווען צו האלטן דעם שלום אין שטאט, אלע דיינים האבן אים רעספעקטירט, און ער האט געהאט א גאר גרויסע השפעה צו פירן די קהילה אן קיין שום מחלוקת אדער פאליטיק.

• • •

**אינעם קונטרס עטרת תפארת ווערט דערציילט**, אז איינמאל איז געקומען צום בית דין פונעם גאון דער הייליגער מטה אפרים זי"ע א שווערער דין תורה צווישן צוויי סוחרים, איינער פון די סוחרים האט ארויסגענומען א געשריבענע שטר חוב מיט חתימות פון עדים, **וואס האט אויסגעזען פערפעקט און כשר לכל הדעות**, און ער האט געפאדערט א ריזיגע סומע געלט פונעם צווייטן, דער צווייטער סוחר האט זיך געשטארקט און געשריגען אז ער האט קיינמאל נישט ארויסגענומען דאס געלט און דער שטר חוב איז א פאלשער.

דער גאון רבי אפרים זלמן האט גענומען דעם שטר חוב, און שטארק מעיין געווען דעריין מיט זיין שארפן בליק, און געבעטן מען זאל ברענגען א ליכט, ער האט געהאלטן דעם פאפיר קעגן דעם ליכט, **און באמערקט דעם וואסערמארק (watermark) פונעם פאפיר-פאבריקאנט**, און מיט זיין גרויסער חכמה און ידיעה אין מסחר האט ער ארויסגעברענגט, אז די סארט פאפיר איז ערשט ארויסגעגעבן געווארן דורך די פאבריק **מיט צוויי יאר צוריק**, בשעת די דאטום אויפן שטר חוב איז געווען געשריבן **מיט פינף יאר צוריק**.

דער סוחר דער תובע איז געבליבן אן קיין ווערטער, און בלית ברירה זיך מודה געווען אויף זיין ליגן, און די גאנצע שטאט האט זיך געוואונדערט איבער די געוואלדיגע קלוגשאפט פונעם הייליגן מטה אפרים זי"ע.

• • •

**אינעם ספר אנשי שם ווערט געברענגט א מורא'דיגע מעשה**, וואס ווייזט די געוואלדיגע חכמה און קלארע פארשטאנד פון דעם גאון דער הייליגער מטה אפרים זי"ע, איינמאל איז אנגעקומען צו אים א גרויסער סוחר וואס איז אריינגעפאלן אין א שווערן פינאנציעלן קריזיס און האט געהאלטן ביים פאלירן זיין גאנצן פארמעגן, ווייל אלע זיינע בעלי חובות האבן אים אנגעהויבן דרוקן אויף איינמאל, דער סוחר איז געווען צעבראכען און צעקלאפט פון זיין מצב, נישט וויסנדיג וויאזוי זיך ארויסצוזעהן פון דעם בראך.

דער גאון רבי אפרים זלמן, אלס איינער וואס האט גוט פארשטאנען די וועג פון מסחר און מענטשליכע נאטור, האט אים געגעבן א קלוגע עצה, ער האט אים געהייסן **נישט אנטלויפן אדער זיך באהאלטן, נאר פאררופן אלע בעלי חובות צוזאמען צו אן אסיפה**, און ער זאל פאר זיי ערקלערן די אמת'דיגע מצב, און ער זאל פארשלאגן א קלארן סדר פון קליינע חודש'ליכע באצאלונגען, מיט די הילף פון א ערב, וואס רבי אפרים זלמן גופא האט אים געהאלפן שאפן, און די בעלי חובות זענען געווען אזוי איבערגענומען פון דעם אמת'דיגן און קלארע ווערטער פונעם סוחר, **אז זיי האבן אראפגענומען דעם דרוק פונעם סוחר, און א קורצע צייט האט דער סוחר זיך צוריק געשטעלט אויף די פיס**.

**יארצייט כ"ה אב**

**הגה"ק רבי יעקב משולם ב"ר מרדכי זאב זי"ע**
**(אורנשטיין)**
**בעל ישועות יעקב, אב"ד לעמבערג**

ער איז געבוירן אין שטאט סטנוב אין אוקראינה, **בשנת תקל"ה.**

צו זיין טאטן הגה"ק **רבי מרדכי זאב אב"ד לבוב** זי"ע, וואס איז געווען מפורסם צווישן די גדולי הדור און א גאון בנגלה ובנסתר,
בן הגה"ק **רבי משה אורנשטיין מזולקווא** זי"ע,
מגזע הגה"ק **רבי צבי אשכנזי בעל החכם צבי** זי"ע,
ומגזע הגה"ק **רבי אברהם יהושע העשיל בעל חנוכת התורה מקראקא** זי"ע.

און צו זיין מאמע **הצדקת מרת פריידה** ע"ה,
בת הגה"ק **רבי שאול חריף אב"ד אלעסק** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי יעקב אב"ד לשנוב** זי"ע,
חתנו של הגה"ק **רבי צבי אשכנזי בעל החכם צבי** זי"ע.

ער איז געווען א גאון הגאונים און דער גדול הדור, ושמעו הטוב הולך בכל העולם, ער איז געווען באוויסט מיט זיין מורא'דיגע חריפות און בקיאות התורה, ער איז געווען מפורסם אלס א עילוי וחריף נפלא בתורה, ער איז געווען א בקי נפלא בש"ס ופוסקים, און א גדול בתורת הנגלה והנסתר, סיני ועוקר הרים, ער איז געווען דער שר התורה בדורו און זיך געפירט מיט א געוואלדיגע קדושה וטהרה, ער איז געווען בדורו דער **רבן של כל בני הגולה,** אויך איז ער געווען מפורסם בימיו אלס א בעל חסד נפלא, ער האט מרביץ תורה געווען פאר טויזענטער תלמידים מיט א געוואלדיגע איבער געגעבנקייט.

זייענדיג 12 יאר אלט איז דער טאטע נסתלק געווארן, און ער איז געבליבן א יונגער יתום, ער איז דערנאך אויף געוואקסן אין שטאט יערסלוב, און אפילו נאכן פארלירען זיין טאטע, וואס ער איז געווען אזוי מקושר צו אים, און גאר אסאך תורה געלערנט פון אים, האט דער הייליגער ישועות יעקב ווייטער עוסק געווען בתורה מיט א מורא'דיגע התמדה.

ער האט חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת שרה** ע"ה,
בת הגה"ק **הגביר רבי צבי הירש וואהל מיערסלוב** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי נפתלי הירץ וואהל מיערסלוב** זי"ע.

זיין שווער זייענדיג א גביר אדיר און וויסענדיג צו אפשאצן דאס געוואלדיגע חשיבות פון זיין גרויסע איידעם, האט ער דעם איידעם אויס געהאלטן פאר אפאר יאר אז ער זאל קענען זיצן און עוסק זיין בתורה ועבודה מיט א געוואלדיגע התמדה, אויך האט ער פארן איידעם אויף גישטעלט א גרויסע ישיבה, ווי בחורים גאונים און גדולים בתורה זענען געקומען לערנען פון דעם גאון תורה און עבודת השם, אפילו גאר גרויסע גאונים און רבנים זענען געקומען לערנען תורה פון דעם גאון און גדול בתורה, ער איז געווען באוויסט שוין דאן אלס א בקי בכל התורה.

דער גאון האט אויך געהאט א עלטערע ברודער הגה"ק **רבי משה יהושע העשיל אורנשטיין אב"ד טארניגראד** זי"ע, וואס האט מחבר געווען דעם הייליגען ספר **"הים התלמוד"**, וואס האט געהאט הסכמת פון גדולים בדורו ובתוכם **רבי עקיבא איגר** זי"ע, **רבי מרדכי בנעט מניקלשבורג** זי"ע, **רבי יעקב מליסא** זי"ע, **רבי אפרים זלמן מרגליות** זי"ע.

ביים ברודער אין ישיבה האט געלערנט הרה"ק בעל דברי חיים מצאנז זי"ע, וואס האט געזאגט אויף זיין רבין'ס ספר און אויך אויפן ברודער'ס ספר ישועות יעקב, **אז די ספרים הקדושים וואס זענען אן גענומען ביי כלל ישראל ביז צום ספר ישועות יעקב ועד בכלל זענען נתחבר געווארן ברוח הקודש**.

גאנץ אנפאנג נאך די חתונה איז ער געווען רב אין שטאט **זאלקווא,** און ער האט דארט עוסק געווען מיט הרבצת התורה און אויף געשטעלט תלמידים גדולים און גאונים בתורה.

בשנת תקס"ו האבן די אידן פון שטאט **לבוב לעמבערג** פארבעטן דעם גאון צו איבער נעמען דאס כסא הרבנות ביי זיי אין שטאט, אויפן פלאץ ווי זיין טאטע און זיידע דער הייליגער **חכם צבי** זי"ע האבן געדינט אלס רבנים, דאן איז ער געווארן באוויסט מיט זיין גדלות בתורה, און טויזענטער

אידן זענען געקומען לערנען תורה פון דעם גרויסן גאון.

הגה"ק רבי מרדכי בנעט אב"ד ניקלשבורג זי"ע האט אמאל געזאגט פאר אן עלטערן איד פון שטאט לעמבערג, וואס האט נאכנישט דאן געוויסט פון דעם גדלות פונעם ישועות יעקב זי"ע, **אז די פוילישע מענטשן ווייסן נישט צו אפשאצן זייערע רבנים, און ווען מיר וואלטן געהאט די זכי' צו האבן אזא גאון ווי רבי יעקב משולם אורנשטיין אלס רב ביי אונז אין שטאט ניקלשבורג, וואלטן מיר אים ארויפגעזעצט אויף א שטול פון ריין גאלד.**

דער רבן של כל בני הגולה דער הייליגער חתם סופר זי"ע שרייבט אויפן גאון דער הייליגער ישועות יעקב זי"ע בזה"ל, "**ידיד נפשי הרב הגאון האמיתי מופת הדור מוה"ר יעקב נ"י האב"ד ור"מ דק"ק לבוב**", און אויך אין דרשות חתם סופר ווערט געברענגט דעם הספד וואס דער הייליגער חתם סופר האט געזאגט אויפן ישועות יעקב זי"ע, און רופט אים דארט אן, "**חרוץ ומופלג ענותן וצדיק, ותורה וגדולה במקום אחד**".

דער הייליגער חתם סופר זי"ע האט שטארק באוויינט דעם הסתלקות פון דעם גאון און געזאגט בזה"ל, "**הוא עמד בכוח עוזו לשבור מלתעות עמל, ולא הרימו ראשם בחייו**", וואס מיט דעם האט דער הייליגער חתם סופר געמיינט ארויס צו ברענגען, אז דער ישועות יעקב איז געווען א גרויסע לוחם מלחמת השם קעגן די משכילים, און ווי לאנג ער האט געלעבט האבן זיך די משכילים נישט אויפגעהויבן זייער קאפ.

אויך איז געווען א שטארקע אהבה צווישן דעם גאון דער ישועות יעקב זי"ע און הרה"ק רבי **הערשעלע בעל עטרת צבי מזידיטשוב** זי"ע, און דער הייליגער עטרת צבי פלעגט אסאך קומען צום גאון באזיכען, און די צוויי האבן אסאך עוסק געווען בתורת הנסתר, און דער הייליגער עטרת צבי זי"ע האט דעם ישועות יעקב גאר שטארק מכבד געווען.

אויך דער צדיק הרה"ק **רבי אורי מסטרעליסק** זי"ע האט שטארק מעריץ געווען דעם הייליגען ישועות יעקב, און ווען מען האט געברענגט צו אים סיי וואסערע שווערע שאלות, און מען האט אים געפרעגט צו וועם מען זאל גיין פרעגן, האט דער צדיק מסטרעליסק געשיקט צום הייליגען ישועות יעקב זי"ע און געזאגט, "**ער איז דער רבן של כל בני הגולה, און אין הימל פסק'נט מען ווי אים**".

אויך דער צדיק הרה"ק **רבי שלום מקאמינקא** זי"ע האט גאר אסאך גערעדט מיטן ישועות יעקב אין לערנען און גאר שטארק געשעצט זיין גדלות בתורה און אים שטארק מעריץ געווען.

דער גאון דער הייליגער ישועות יעקב האט געהאט א גאר נאנטע קשר מיט **הייליגען צאנזער רב דער דברי חיים** זי"ע, ווי מען זעהט אין א תשובה וואס דער הייליגער ישועות יעקב שרייבט צום דברי חיים בזה"ל, "ה**רב המאוה"ג המפורסם חריף ובקי בנן של קדושים מו"ה חיים נ"י אבד"ק צאנז**", און דער הייליגער דברי חיים האט צוריק געשריבן צום ישועות יעקב בזה"ל, "**הרב הגאון מופת הדור מוה"ר יעקב משולם נ"י**".

אויך האט דער הייליגער דברי חיים זי"ע זיך אמאל געדיגנען אויף א שאלה אין הלכה מיטן ישועות יעקב און דער דברי חיים שרייבט בזה"ל, "**לפי קוצר שכלי**" פארשטיי איך אזוי אין הלכה, אבער צום סוף האט דער הייליגער דברי חיים געגעבן גערעכט פארן ישועות יעקב, און דער דברי חיים האט געזאגט, אז די סיבה פארוואס דער גאון דער ישועות יעקב בעט פאר א הסכמה אויף הלכה פון נאך צוויי תלמידי חכמים, און וויל זיי זאלן מסכים זיין צו זיין פסק, **איז נאר צוליב די גרויסע עניוות פונעם ישועות יעקב**.

עס איז באקאנט אז דער גאון האט צוזאמען מיט נאך גדולים און צדיקים בדורו, מלחמה געהאלטן מיט די פארשאלטענע משכילים וואס האבן אנגעזייט א חורבן ליידער ביי כלל ישראל און אפגעלאכט פון די מנהגים וואס מען האט מקבל געווען, און האבן ליידער עובר געווען אויף כל התורה כולה, און ליידער אראפ געפירט אסאך אידישע קינדער פון אידישקייט, און דער ישועות יעקב האט מיט א מסירת נפש שווער לוחם געווען קעגן די משכילים.

איינמאל איז דער מסית ומדיח **יוסף פערל שר"י** געקומען צום ישועות יעקב, און אן געטראגן א פשרה, אז זיי וועלן ווערן אביסל ערליכער, און איר זאלט נאכלאזן אביסל פון אייער ערליכקייט,

דער הייליגער ישועות יעקב זי"ע האט זיך אויפגעשטעלט, און מיט א אש קודש אויס געשריגן, **ביי שמע ישראל ד' אלקינו ד' אחד קען מען נישט מאכן קיין פשרות**, און ער האט דעם מסית ומדיח ארויסגעווארפן פון ביי זיך אין שטוב.

ווי באקאנט איז ביי דעם גאון מקויים געווארן תורה וגדולה במקום אחד, און דערפאר האט ער נישט געוואלט קיין געהאלט פארן זיין רב דארט אין שטאט, נאר ער האט געדינט אלע זיינע יארן לשם שמים, זיין רעבעצין האט דערציילט אסאך איבער דעם גרויסע קדושה און פרישות פונעם מאן דער הייליגער ישועות יעקב זי"ע.

ער האט דארט אין שטאט מייסד געווען חבורות וואס זאלן עוסק זיין אין צדקה וחסד און ארויס העלפן אידן וואס ברויכן הילף, און גאר אסאך אויפגעטון פאר די מענטשן פון שטאט, ער איז געווען גאר שטארק רעספעקטירט און ער איז געווען פארעכנט אלס דער הויפט רב אין גאליציע, אפילו די רעגירונג האט אים שטארק רעספעקטירט.

ער האט איבער געלאזט זיינע לעכטיגע חידושים אין זיינע ספרים.
**ספר ישועות יעקב, אויף ד' חלקי שו"ע, און אויך על התורה.**

ער האט איבער געלאזט זיין בן יחיד.

הגה"ק **רבי מרדכי זאב** זי"ע, וואס איז ליידער נסתלק געווארן יונגערהייט ביי די 47 יאר אלט, דער זון האט איבער געלאזט דעם אייניקל הגה"ק **רבי צבי הירש אורנשטיין בעל שו"ת ברכת רצ"ה אב"ד ריישא/לעמבערג** זי"ע.

דער גאון מיט זיין רעבעצין האבן זייער באוויינט זייער טייערע זון רבי מרדכי זאב זי"ע, און האבן זיך גאר שטארק מצער געווען מיטן פטירה פון זייער בן יחיד, און דריי יאר שפעטער איז די טאטע ליידער נסתלק געווארן.

נסתלק לגנזי מרומים **כ"ה מנחם אב בשנת תקצ"ט**, ומנוחתו כבוד איז אין שטאט **לבוב**.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## מעשיות

**דער גאון דער הייליגער ישועות יעקב זי"ע** האט געהאט א גרויסע כוח דהיתרא, ער האט גאר אסאך עוסק געווען צו מתיר זיין מיט זיין געוואלדיגע כח בתורה ובהלכה, און עס זענען געווען אסאך גרויסע גדולים וואס האבן נישט אזוי געהאלטן אז ער איז אזא מתיר, אבער צוליב וואס דער גאון איז געווען פון די גרעסטע פוסקים, האט מען רוב מאל אנגענומען זיין פסק הלכה.

איין ערב יום הקדוש איז געווען ביים גאון איינע פון די רבנים פון שטאט לבוב וואס האט כסדר מחמיר געווען, און דארט איז פאר געקומען א סעודת ברית, און נאכן סעודה האט דער רב געוואונטשען פארן גאון דעם ישועות יעקב זי"ע בזה"ל, "**גמר חתימה טובה, וד' יכפר לך**", ווי צו זאגן פארן גאון, אז דאס וואס ער איז כסדר מתיר זאכן איז נישט אזוי אויס געהאלטן, און דער באשעפער זאל אים מוחל זיין אויף דעם.

האט דער גאון געזאגט פארן רב, **איך וועל אי"ה האבן א גמר חתימה טובה**, ווייל אפילו איך האב מתיר געווען עפעס וואס איז באמת נישט כשר, **האב איך נאר געזינדיגט קעגן דעם באשעפער**, און אויף עבירות בין אדם למקום, **יוה"כ מכפר**, אבער מיט דעם וואס די בוסט מחמיר מאכסטו שאדן פאר די מענטשן, **און עבירות בין אדם לחבירו, אין יוה"כ מכפר, נאר אויב מען בעט איבער דעם חבר.**

• • •

**איין יאר ביים סדר פסח ביינאכט**, ווען דער הייליגער ישועות יעקב זי"ע האט זיך געגרייט צום סדר נאכט, איז א איד אריין געקומען מיט א שאלה פון חמץ בפסח, און עס האט אויסגעזען, אז על פי הלכה וואס מען נעמט אן טויג נישט, וואס דאס מיינט אז אלע כלים פון דעם איד זענען חמץ'דיג, און דער ישועות יעקב האט זייער רחמנות געהאט, אז דער איד גייט האבן א צושטערטן פסח, וויבאלד ער האט נישט קיין כלים אין וואס צו קאכן, האט דער הייליגער ישועות יעקב זי"ע פארגעלייגט פאר דעם איד, **אז אפשר קומט ער זיין א גאסט ביים גאון פאר גאנץ פסח, אבער דער איד האט זייער נישט געוואלט זיין א גאסט ביי א אנדערן, און געווען גרייט צו עסן גאנץ פסח נאר טריקענע מצה.**

דער גאון האט זיך איבער געטראכט, און עס בליצט אים אויף א געדאנק, **אז דער הייליגער**

**שאילתות דרב אחאי גאון זי"ע, וואס איז געווען צווישן די גאונים פון איבער טויזענט יאר צוריק, האט גע'פסק'נט אז חמץ בפסח ווערט בטל בשישים**, און אפילו אונז האבן מיר אנגענומען אנדערשט, אבער צוליב דעם, אז א איד זאל ח"ו נישט האבן קיין צושטערטע יו"ט, איז דאס דאך א שעת הדחק, און דער גאון האט גע'פסק'נט פאר דעם איד, אז עס איז בטל בשישים, און ער קען יא ניצן די כלים ווייטער אויף פסח, פארשטייט זיך אז דער איד איז ארויס מיט א שמחה, און דער גאון האט זיך געפרייט, אז ער האט געקענט העלפן א איד האבן א שמחת יו"ט.

דעם אנדערן טאג האבן די שטוב מענטשן געזען אויפן הייליגען ישועות יעקב זי"ע א גרויס לעכטיגקייט און א ספעציעלע שמחה, האט מען געפרעגט דעם גאון וואס איז די גרויסע שמחה, האט דער גאון דערציילט, אז פסח אויף דער נאכט ווען ער איז זיך געגאנגען אביסל צולייגן, האט ער געזען אין חלום דעם הייליגען שאילתות וואס האט זיך באוויזן צו אים, און אים באדאנקט אויף דעם וואס ער האט גע'פסק'נט ווי זיין שיטה, "**אז חמץ בפסח איז בטל בשישים**".

און ער האט געזאגט פארן הייליגען ישועות יעקב זי"ע, אז ביז יעצט האט נאך קיינער נישט גע'פסק'נט ווי אים, און יעצט אז ער האט גע'פסק'נט אזוי ווי זיין שיטה, איז פארן שאילתות געווען א גרויסע שמחה, און א נחת רוח אז אין בית דין של מטה האט מען גע'פסק'נט אזוי ווי אים, און דאס איז מיין גרויסע שמחה האט דער ישועות יעקב געענדיגט.

• • •

**ווערט דערציילט א מעשה נפלא**, אז גאנץ אנפאנג האט דער הייליגער ישועות יעקב זי"ע מדפיס געווען זיין גרויסע חיבור נאר אויפן חלק פון **אבן העזר**, אבער שפעטער ווען ער האט געענדיגט דעם חלק אויף **אורח חיים**, האט דער גאון נישט געוואלט מדפיס זיין דעם חיבור, ווייל יענע צייט איז דאס לערנען און כוח התורה געווען אביסל שוואכער, און ווי חז"ל זאגן (ברכות ס"ג) **בזמן שאין התורה חביבה כנס, אז ווען דער כוח התורה איז שוואכער און נישט אזוי באליבט, זאל מען דאס נישט מפרסם זיין**.

אבער וויבאלד די חיבור איז שוין געווען אפ געשריבן בכתב יד פונעם גאון, זענען גרויסע גאונים און תלמידי חכמים געקומען צום שטוב פונעם גאון, כדי צו קענען זעהן דעם געוואלדיגן חיבור פונעם גאון, און וויבאלד הונדערטער גאונים זענען כסדר געקומען קוקען אינעם געהויבענעם חיבור, האט איין טאג פאסירט, אז די חיבור איז נעלם געווארן, דער גאון האט פון דעם געהאט שרעקליכע צער און עגמת נפש, וויבאלד ער האט דאך אזוי פיל כוח אריין געלייגט אין דעם חיבור.

האט דער גאון דאן געמאכט א נדר, אז אויב דער באשטעפער וועט אים העלפן, און ער וועט טרעפן דעם חיבור אויף אורח חיים, וועט ער דאס יא מדפיס זיין, לפלא אפאר טאג שפעטער, האט דער וואס האט גענומען דעם חיבור דאס צוריק געברענגט צום גאון, מען קען זיך נישט משער זיין דעם גרויסן שמחה פונעם גאון, ווען ער האט צוריק באקומען זיין הייליגע חיבור, דער גאון האט טאקע גלייך מקיים געווען זיין צוזאג, און ער האט דאן מדפיס געווען דעם חיבור אויף אורח חיים, און בזכות דעם איז דער חיבור געבליבן פאר דורות נאכדעם צו פארשיינען די אויגן פון כלל ישראל.

• • •

**א מעשה נורא ווערט דערציילט**, אז אין שטאט לעמבערג ווי דער הייליגער צדיק וקדוש דער ישועות יעקב זי"ע האט געדינט אלס רב, האט דארט געוואוינט א איד ליידער א גרויסע בעל עבירה און א מסור, וואס האט רח"ל גאר שטארק מצער געווען די אידן פון שטאט, דער איד האט ליידער עובר געווען אויף אלע עבירות חמירות בתורה.

איין טאג האט פאסירט, אז ווען דער איד וואס איז געווען געשטעלט מטעם הקהילה, צו גיין בודק זיין דעם עירוב פון שטאט יעדע וואך בעפאר שבת קודש, אזוי ווי די הלכה איז אין שולחן ערוך, אז מען ברויך בודק זיין יעדע וואך די עירוב צו מאכן זיכער אז עס איז כשר, און אזוי גייענדיג אין די גאס ערב שבת קודש, האט דער איד דער בעל עבירה אפ געשטעלט דעם איד וואס האט עוסק געווען אינעם עירוב.

און דער בעל עבירה פרעגט דעם איד, וואס ער טוט פאר פרנסה, זאגט דער איד, אז ער האט גאר שווער פרנסה, און ער דערציילט פאר דעם בעל עבירה, אז ער האט דריי טעכטער וואס זענען אין שידוכים, אבער געלט האט ער דאך נישט, און ער

ווייסט נישט וואס צו טון אז ער זאל קענען טון שידוכים מיט די טעכטער.

האט דער בעל עבירה פאר געלייגט פאר דעם איד א געשעפט, **אז אויב ער איז מסכים אים צו געבן דעם מצוה פון בודק זיין די עירוב, איז ער מסכים אים צו געבן א גאר גרויסע סכום געלט, וואס מיט דעם וועט ער קענען חתונה מאכן אלע דריי טעכטער**, דער איד איז שוין געווען גרייט צו שליסן געשעפט, אבער דאן זאגט ער פאר דעם בעל עבירה, אז ער זאל אים געבן ביז קומענדיגע וואך, ווייל ער ברויך דאס איבער טראכטן.

דער איד איז גלייך געלאפן צום גאון דער הייליגער ישועות יעקב זי"ע, און ער פרעגט אן וואס דער גאון זאגט צום געשעפט, האט דער גאון גלייך געזאגט פאר דעם איד, ח"ו איר זאלט מאכן דעם געשעפט מיטן בעל עבירה, און ער זאל פאר אים קיין איין מצוה נישט פארקויפן, פארשטייט זיך אז דער איד האט געפאלגט דעם גאון, און קומענדיגע וואך האט ער געזאגט פארן בעל עבירה, אז ער וויל בשום אופן נישט מאכן דעם געשעפט.

לפלא אפאר טאג שפעטער איז דער בעל עבירה געשטארבן, און דאן האט דער גאון מגלה געווען פאר דעם איד, די סיבה פארוואס ער האט אים נישט געלאזט שליסן דעם געשעפט, ווייל ליידער האט דער בעל עבירה שוין נישט געהאט קיין שום חיות דקדושה, ווייל ער האט דאך ל"ע נאר געטון עבירות, און דערפאר האט דער רשע געוואלט קויפן פון דיר א מצוה, כדי ער זאל פון דעם קענען שעפן חיות, און דערפאר האב איך דיר געהייסן נישט מאכן דעם געשעפט, **אזוי איז מען פון אים פטור געווארן און ער וועט מער נישט קענען מצער זיין קיין אידן**.

• • •

**ווערט געברענגט א מעשה** וואס ברענגט גאר שטארק ארויס דעם חכמה פונעם גאון וקדוש דער הייליגער ישועות יעקב זי"ע, איינמאל איז דער גרויסער קיסר פון שטאט געקומען באזיכן דעם שטאט פון די אידן אין לעמבערג, און די אידן פון שטאט האבן זיך געגרייט צו מקבל פנים זיין דעם קיסר, מען האט דעם ביהמ"ד גאר שיין מסדר געווען און אפ גערייניגט פון שטויב.

דארט אין ביהמ"ד האט געהאנגען א בילד פונעם קיסר, און כדי די שטויב זאל נישט ארויף גיין אויפן בילד פונעם קיסר, האט מען דעם בילד איבער געדרייט מיטן פנים צום וואנט, און אזוי זייענדיג פארנומען מיט די הכנות, האט מען פארגעסן צוריק צו דרייען דעם בילד מיטן פנים צום עולם, און אזוי ווי דער קיסר שפאצירט אריין אינעם ביהמ"ד, האט דער גאון וקדוש דער הייליגער ישועות יעקב זי"ע זיך געכאפט, **אז מען האט דא פארגעסן צוריק צו דרייען דעם בילד אויפן ריכטיגען וועג, און דער גאון האט מורא געהאט אז דאס וועט ח"ו זיין א פחיתות כבוד פארן קיסר**.

האט דער גאון מיט זיין גרויס חכמה געזאגט פארן קיסר, דער קיסר ווייסט דאך, אז די אידן לייגען יעדן טאג תפילין וואס איז א אות צווישן די אידן און באשעפער, אבער ווען עס קומט שבת קודש וואס איז דאך אויך א אות צווישן דעם באשעפער און די אידן, דערפאר זענען אידן פטור פון לייגן תפילין.

דאס זעלבע זאגט דער גאון איז מיטן קיסר, די גאנצע צייט וואס דער קיסר איז אויפן וועג און נישט ביי אונז, האלטן מיר דעם בילד פאר די אויגן, אז מען זאל געדענקען דעם קיסר, אבער דאס איז ווי לאנג דער קיסר איז נישט דא, **אבער יעצט אז מיר האבן דעם כבוד, אז דער קיסר איז צו אונז געקומען, ברויכן מיר שוין נישט דעם בילד, וויבאלד מען קען יעצט זעהן דעם קיסר פאר די אויגן**, די הסבר האט גאר שטארק געפאלן פארן קיסר, און ער האט זיך זייער באדאנקט פארן גאון דער ישועות יעקב זי"ע.

• • •

**אין ספר סיפורי חסידים ווערט געברענגט**, אז עס האט פאסירט א מעשה מיט א בחור וואס איז געווארן א חתן מיט די טאכטער פון א גרויסן עושר, ליידער, נאך פאר די חתונה איז דער בחור נפטר געווארן, און דער עושר זעענדיג דעם גרויסן צער פון זיין טאכטער, האט די טאכטער א כלה געמאכט מיט א צווייטן בחור, אבער ווי נאר זי איז געווארן א כלה, האט דער נפטר אנגעהויבן קומען צום טאטן און צו די מיידל די כלה אין חלום, און ער האט אים געהאלטן אין איין ווארענען מיט א פחד, **"אז ער זאל אפלאזן דעם צווייטען שידוך פאר זיין טאכטער, ווייל זי איז נאך זיין כלה"**, די כלה און די

עלטערן זענען געווען דערשראקן **עד דכדכה של נפש**.

זענען זיי געלאפן צום הייליגן ישועות יעקב זי"ע, און דער הייליגער ישועות יעקב האט אויסגעהערט די מעשה, דאן האט דער גאון גענומען א פעדער און געשריבן א חריף'דיגן בריוו גלייך צו דער נשמה פון דעם נפטר בזה"ל, "**היות על פי תורה איז נישט שייך קיין קידושין און אירוסין נאך די שטארבן, דעריבער האסטו נישט קיין שום שייכות אדער זכות צו דעם מיידל, און עס איז דיר פארבאטן איר צו רודף'ן אדער שטערן איר זיווג**".

דער רב דער הייליגער ישועות יעקב זי"ע האט געגעבן דעם בריוו פארן מיידל און איר געזאגט, "**די קומענדיגע נאכט ווען ער קומט צו דיר אין חלום, גיב אים איבער דעם בריוו אין מיין נאמען**", די קומענדיגע נאכט איז דער חתן ווידער ערשינען אין חלום, און די כלה האט אים דערלאנגט דעם בריוו, ער האט עס גענומען און איז נעלם געווארן, און פון יענעם מאמענט אן האט זיך דער חלום מער נישט איבערגעחזר'ט, און זי האט חתונה געהאט בשעה טובה ומצלחת.

• • •

**אין ספר מאורות החסידות ווערט דערציילט**, אז עס איז דאך באוואוסט אז דער הייליגער ישועות יעקב איז געווען פון די גרעסטע גאונים און פוסקים אין זיין דור, אבער ער האט געהאט אן אומבאגרייפליכע הכנעה און יראת הכבוד צו די צדיקי הדור און אויך צום דרך החסידות, ובפרט **צום הייליגן חוזה פון לובלין** זי"ע.

איינמאל איז דער הייליגער ישועות יעקב געפארן קיין לובלין, ווען דער חוזה האט געהערט אז דער לעמבערגער רב קומט צו פארן, איז דער הייליגער חוזה ארויסגעגאנגען אים מקבל פנים זיין מיט גרויס כבוד און האט געזאגט אויף אים, "**דער לעמבערגער רב האט הייליגע אויגן וואס לייכטן אויף די גאנצע וועלט**", פון די צווייטע זייט, ווען דער הייליגער ישועות יעקב איז געשטאנען פארן חוזה, איז אים באפאלן א ציטער און א פחד פון זיין גרויס קדושה, און ער האט שפעטער דערציילט פאר זיינע תלמידים, אז ער האט קלאר געזען אויפן שטערן פון חוזה "**גילוי שכינה ממש**", און פון דעמאלט אן האט ער תמיד מזהיר געווען זיינע תלמידים צו האבן גרויס מורא און כבוד פאר די צדיקי הדור.

• • •

**אין ספר אנשי שם ווערט געברענגט**, אז איינמאל זענען צוויי סוחרים געקומען צום הייליגן ישועות יעקב זי"ע פאר א דין תורה איבער א ריזיגע סומע געלט, די מעשה איז געווען אנגעפלאכטן און זייער קאמפליצירט, און די דין תרה האט זיך געצויגן לאנגע טעג, דער הייליגער ישועות יעקב האט זיך מעיין געווען אין די סוגיא טעג און נאכט כדי צו מכוון זיין צום אמת פון די דין תורה.

ווען עס איז געקומען די צייט ארויסצוברענגען דעם פסק הלכה, איז דער הייליגער ישועות יעקב געזעסן אויף זיין שטול, **זיין פנים איז געווען ווייס ווי די וואנט און זיינע הענט האבן געציטערט**, און ווען ער האט אנגעהויבן שרייבן זיין אונטערשריפט אויפן פסק, **האט ער זיך צעוויינט מיט ביטערע דראמאטישע טרערן**, האט אים זיין תלמיד געפרעגט מיט וואונדער, "**רבי, איר האט דאך געפסק'עט קלאר לויט דעם שולחן ערוך, פארוואס וויינט די רבי אזוי**".

האט דער הייליגער ישועות יעקב געענטפערט מיט א ציטער, "**איך ווייס אז לויט די טרוקענע דינים איז דאס דער אמת, אבער איך האב א מורא'דיגן פחד, אפשר מחמת אנושיות אדער א דורך א קליינע טעות, האב איך ארויסגענומען געלט פון א איד שלא כדין, וויאזוי וועל איך קענען שטיין פארן בית דין של מעלה**", און פון גרויס זהירות און פחד האט דער הייליגער ישועות יעקב ארויסגענומען פון זיין אייגענעם טאש געלט און געגעבן פאר דעם בעל דין וואס האט פארלוירן די תורה, **אבי צו זיין הונדערט פראצענט זיכער אז ער האט נישט מצער געווען קיין שום איד.**

• • •

**אין ספר מעשיות גדולי ישראל ווערט דערציילט**, אז איינמאל איז אן ארעמער איד, א געפלאגטער סוחר וואס האט פארלוירן זיין גאנצע האב און גוטס, אריינגעקומען אין שטוב פונעם הייליגן ישועות יעקב מיט א צעבראכן הארץ, דער איד האט געוויינט ביטערליך אז ער האט נישט קיין פרוטה לפורטה אריינצוברענגען א

שטיקל ברויט אין שטוב, און די בעלי חובות יאגן אים נאך אן רחמנות.

דער הייליגער ישועות יעקב האט אים אויסגעהערט מיט גרויס רחמנות, זיך פארטראכט א מינוט, און אים געזאגט, "**פאר קיין לעמבערג אויפן מארק, און קויף דארט דעם ערשטן חפץ וואס מען פארקויפט דיר, אפי' עס זעט אויס ווי גארנישט ווערט, און השי"ת וועט דיר שוין העלפן**", דער איד האט נישט פארשטאנען וואס די רבי וויל דא, אבער ער איז געגאנגען צום מארק, און ער האט דארט אין מארק געטראפן א גוי וואס האט אים אנגעבאטן צו קויפן אן אלטע פארראסטערטע קעסטל פאר א קליינע סומע.

דער איד האט זיך דערמאנט אין די ווערטער פונעם רבי'ן, און כאטש עס האט אויסגעזען ווי אוועק געווארפן געלט, האט ער עס מיט זיין לעצטע פאר פרוטות געקויפט מיט אמונת חכמים, ווען ער איז אהיים געקומען און אויפגעבראכן דעם פארראסטערטן שלאס, **האט ער געפונען אינעווייניג אן אוצר פון אלטע גאלדענע מטבעות און טייערע שטיינער**, און דער איד איז געווארן א גרויסער עושר און איז גלייך געלאפן דאנקען דעם הייליגען ישועות יעקב, האט אים דער ישועות יעקב געזאגט מיט זיין גרויס עניוות, "**נישט מיין ברכה האט דיר געהאלפן, נאר דיין תמימות און אמונת חכמים צו פאלגן אן קיין קשיות, דאס האט דיר געברענגט די ישועה**".

• • •

**אין ספר כלילת יופי ווערט דערציילט**, אז אין די יארן ווען דער הייליגער ישועות יעקב זי"ע איז געווען דער מנהיג אין גרויסן שטאט לעמבערג, האבן די אנגעזעענע משכילים פון שטאט פרובירט אויפצושטעלן א מאדערנע שולע פאר אידישע קינדער, וואס זייער ציל איז געווען אוועקצוציען די יוגנט פון תורה ומצוות, **זיי האבן באקומען שטיצע פון די רעגירונגס-באאמטע און געקומען צום ישועות יעקב מיט א דאקומענט, פארלאנגענדיג ער זאל אונטערשרייבן זיין הסכמה.**

דער הייליגער ישועות יעקב איז בכלל נישט נתפעל געווארן פון זייערע סטראשונגען, נאר ער האט גענומען דעם צעטל און עס צעריסן אויף פיצלעך שטיקלעך פאר זייערע אויגן, די משכילים זענען געווארן ווילד און אים געדראעט און געזאגט מיט גרויס כעס, "**מיר וועלן דאס מודיע זיין פארן קייסער אין ווין, און מען וועט דעם רב אוועקשיקן פון שטאט אדער איינזעצן אין תפיסה**".

האט דער הייליגער ישועות יעקב געענטפערט מיט אן אומבאוועגליכער גבורה, "**איר קענט מיך איינזעצן אין תפיסה און איר קענט מיך פאראורטיילן, אבער מיין האנט וועט קיינמאל נישט אונטערשרייבן אויף עפעס וואס קען ח"ו חרוב מאכן די נשמות פון אידישע קינדער**", און זעענדיג זיין מסירות נפש און זיין שטארקייט, האבן די באאמטע מורא באקומען אים צו טשעפען, און די גאנצע גזירה איז בטל געווארן.

• • •

**אין ספר עטרת צבי ווערט געברענגט**, אז איינמאל איז אריינגעקומען צום הייליגען ישועות יעקב זי"ע אן אלטער, ארימער איד, געקליידעט אין צעריסענע בגדים, די גבאים האבן אים נישט באמערקט און אים געלאזט ווארטן ביי די טיר א לאנגע צייט, ווען דער ישועות יעקב איז ארויסגעקומען פון זיין חדר לימוד און דערזען דעם איד, **האט ער אים גלייך דערקענט אלס א גרויסן תלמיד חכם נסתר וואס באהאלט זיין גאונות.**

דער הייליגער ישועות יעקב איז גלייך צוגעלאפן צו אים, אים געגעבן שלום מיטביידע הענט, אים אוועק געזעצט אויף זיין אייגענעם שטול, און געפעדערט פון זיינע מקורבים צו דערלאנגען די בעסטע מאכלים פאר דעם איד, נאכדעם וואס דער אורח איז געגאנגען, האט דער ישועות יעקב זיך אפגערופן צו זיינע מקורבים און גבאים און זיי מוסר געזאגט, "**זאלט איר וויסן, אונטער די צעריסענע מלבושים באהאלט זיך א ש"ס כמעט ישר והפוך! "לעולם אל תהי מפליג אדם לפי לבושו", קוקט נישט אויף די בגדים פון א איד, נאר אויף די פנימיות און די קדושה וואס ליגט אין אים**".

• • •

**אין ספר זכרון לראשונים ווערט דערציילט**, אז איינמאל אינמיטן א קאלטן ווינטערדיגן נאכט, ווען דער הייליגער ישועות יעקב איז געזעסן איינגעהילט אין זיין ספרים-שטוב און געלערנט מיט א געוואלדיגע התמדה, האט איינער אנגעקלאפט אין טיר, עס איז אריינגעקומען אן ארעמע אלמנה, און די אלמנה איז געווען ממש געפרוירען פון די קעלט וואס האט געהערשט אויף די גאס, און זי האט זיך צעוויינט און דערציילט

פארן גאון, **אז די קהילה-גבאים האבן איר אפגעזאגט די הילף פאר האלץ צו הייצן די שטוב, ווייל זיי האבן טענות, אז זי האט נישט די ריכטיגע אפיציעלע פאפירן**.

דער הייליגער ישועות יעקב האט זיך גלייך אויפגעשטעלט פון זיין ארט, אפגעשטעלט זיין לערנען, און איז אליין ארויסגעגאנגען אין די טיפע שנייען אינמיטן די נאכט צו די הויז פון דעם הויפט-גבאי, ווען דער גבאי האט דערזען דעם רב ביי זיין טיר אין אזא שפעטע שעה, האט ער זיך זייער דערשראקן און געפרעגט דעם רב, וואס גייט דא פאר, האט אים דער הייליגער ישועות יעקב געזאגט מיט גרויס הארץ-ווייטאג, "**וויאזוי קענסטו שלאפן רואיג אין דיין ווארמען בעט, ווען א אידישע אלמנה מיט יתומים ציטערן פון קעלט, אויב דאס געלט פון די קופה איז דיר שווער ארויסצוגעבן, נעם איך עס אויף מיין אייגענעם חשבון**", דער גבאי האט זיך גלייך אנטשולדיגט און איר באזארגט מיט האלץ אויף דעם גאנצן ווינטער.

• • •

**אין ספר סיפורי חסידים ווערט דערציילט**, אז עס האט פאסירט א מעשה אינעם הייליגן טאג יום כיפור פאר נעילה, די גאנצע שול אין לעמבערג איז געווען אנגעפולט מיט א ציטערדיגע פחד, און דער הייליגער ישועות יעקב איז געשטאנען ביים עמוד גרייט צו דאווענען, פלוצלינג איז אריינגעקומען א פראסטער איד, א בעל מלאכה, וואס איז געווען אן עם הארץ און נישט געוואוסט די חשיבות פון די מאמענטן, **און ער האט זיך הויך אנגערופן צו זיין חבר איבער א געוויסע פשוטע מסחר זאכן**.

די מתפללים זענען געווארן אויפגעבראכט און האבן געוואלט אפהאלטן דעם איד מיט כעס, אבער דער הייליגער ישועות יעקב האט זיי גלייך אפגעשטעלט, ער האט אנגעהויבן וויינען און זיך אנגערופן כלפי מעלה צום רבונו של עולם, "**רבונו של עולם! קוק אויף דיין הייליגען פאלק די אידן, אפילו א איד וואס איז פראסט און ווייסט באמת נישט די חשיבות פונעם טאג, זיין הארץ איז אזוי ריין און תמימות'דיג, אז ער קומט נאך אלץ אריין אין בית המדרש זיין צוזאמען מיט דיין גאנצער קהילה**", און דורך דעם האט ער אראפגענומען א שרעקליכע קטרוג פון כלל ישראל, **און האט אויס גע'פועל'ט א זיס לעכטיג יאר פאר כלל ישראל.**

• • •

**אין ספר תולדות ישועות יעקב ווערט געברענגט**, אז זיינע געהויבענע תלמידים האבן דערציילט, אז דער הייליגער ישועות יעקב האט כמעט נישט גענוצט קיין בעט צו שלאפן במשך זיינע יארן, זיין סדר איז געווען, צו לערנען בהתמדה עצומה ביז די שפעטע שעהן פון די נאכט, ווען די מידקייט האט אים גאר שטארק איבערגענומען, **האט ער אריינגעלייגט זיינע פיס אין א כלי מיט קאלטע וואסער, כדי ער זאל נישט איינשלאפן ביים לערנען**.

איינמאל האט זיין שמש באמערקט, אז דער ליכט אין זיין חדר דורכאויס די גאנצע נאכט האט זיך נישט אויסגעלאשן, ווען ער איז אריין צופרי, האט ער געזען דעם ישועות יעקב זיצן אויפן זעלבן שטול, מיט דעם פעדער אין האנט, איבער א גאנצע הויפן פון אנגעשריבענע פאפירן מיט חידושים, ווען דער שמש האט אים געפרעגט, צי ער איז גארנישט געשלאפן, האט אים דער ישועות יעקב געענטפערט מיט זיין גרויס עניוות בזה"ל, "**וויאזוי קען א מענטש שלאפן, ווען די הייליגע תורה ווארט אויף אים, און יעדער רגע איז אן אוצר וואס מען קען דאס קיינמאל נישט צוריק באקומען**".

• • •

**אין ספר בית אבות ווערט דערציילט**, אז אין זיינע שפעטערע יארן האט דער הייליגער ישועות יעקב זי"ע געליטן פון קראנקהייטן און גאר שווערע פיזישע יסורים, די דאקטוירים האבן אים שטארק און שטרענג אנגעזאגט, אז ער מוז אביסל נאכלאזן און זיך אפרוען, און ער טאר נישט מעיין זיין אין קיין שווערע סוגיות אדער שרייבן זיינע שווערע חידושים, ווייל דאס שוואכט אפ זיין מוח.

דער הייליגער ישועות יעקב האט אבער נישט געקענט אויסהאלטן אן תורה, און ווען די דאקטוירים זענען אוועקגעגאנגען, האט ער גערופן זיינע תלמידים, **אז זיי זאלן אים אנהויבן פארלערנען בעל פה שווערע סוגיות אין ש"ס און פוסקים, זיין פנים האט גלייך אויפגעלאכטן און דער גאון איז געווארן אזוי שטארק בשמחה און ער האט אנגעהויבן אנטוויקלען עמוק'דיגע פלפולים חריפים, און מען האט ממש געזעהן ווי דער גאון לעבט אויף בשעת זיינע תלמידים האבן אים פארגעלערנט תורה**, ווען מען האט אים געפרעגט, וויאזוי ער האט די כוחות, האט ער געענטפערט, "**די תורה איז לולי תורתך שעשועי אז אבדתי בעניי, און דאס אליין איז מיין רפואה און מיין לעבן**".